STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04014

VI A ZEGL IN SHTUREM

Josef Luden

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף לודען

✶

ווי אַ זעגל אין שטורעם

הילע און צייכענונגען —
האַלינאַ אָלאָמוצקי

יוסף לודען

ווי אַ זעגל אין שטורעם

ראָמאַן

פאַרלאַג „פּראָבלעמען"
תל־אביב 1972

דערשינען פון זעלבן מחבר:

איבער צעבראָכענע בריקן (ראָמאַן)

©

Copyright by Josef Luden
58266 Hulon, Hagalil St. 6
Israel

יוסף לודען, 58266, חולון, רח׳ הגליל 6
טעלעפאָן: 848972

דפוס לינר־טור, רח׳ יסוד־המעלה 39, ת״א

1.

מיטן קרייען פון די הענער עפענען זיך די לאָדנס. יידן מיט בערד און פאות איילן אין שול אַריין. דאַוונען שנעל אָפּ און לאָזן זיך אַוועק צום מאַרק און קרעמלעך. יידן אָרעמע און פּראָסטע, טייל מיט באַלבאַטיש צעקעמטע בערד און למדנישע בליקן, ווי רב חיים דער שוחט, וואָס מאַכט ביים שעכטן אַן עוף פרום אַ ברכה, אָדער יענקל דער שניידער, אַן אָרעמאַן וואָס טראַכט נאָר ווי צו נעמען אַ נדן פאַר זיינע צוויי פאַרזעסענע טעכטער, אָדער בערל דער מלמד, וואָס האָט אַ הנאה צו קנייפּן זיינע תלמידים און דערביי איינזאַפּן אַ פּאָרציע טאַבעק, צעניסנדיק זיך מיט אַ הויכן־פּזשיק. בעטן יידן אויף פּרנסה און ער דער רבונו של עולם קוקט אַראָפּ פון הימל זיי גלייך אין דער נשמה אַריין. וואַרט טאַקע שמחהס טאַטע מיט אומגעדולד דער טאָג זאָל אַוועק, צו קענען פאַרשליסן דאָס קרעמל און זיך צוכאַפּן צו אַ הייליקן ספר. פרייטיק וואַרפט ער פון זיך אַראָפּ די וואָכיקייט, טוט אָן די שבתדיקע קאַפּאָטע און די שבתדיקע שכינה, פאַרזינקט אין תפילות און נגינות, וואָס טראָגט זיך פון חסידישן שטיבל גלייך אין הימל אַריין, ביז עס צעטריפן זיך די הבדלה ליכט, געזעגנט מען זיך מיט אַ ברייטליכן — גוטוואָך יידן, אַ גוטע וואָך!

דער זיידע איז אַ גאַנצע וואָך פאַרפּאָרעט ביי די בינען און האָניג, אָבער שבת נאָך הבדלה איז זיין גרעסטער פאַרגעניגן צו פאַרשרייבן געהערטע געשיכטעס פון הייליקע צדיקים, אָדער פריילעכע מעשהלעך פון כעלמער

נאַראָנים. דעם זיידן וואָס טריפט מיט חכמה האָבן זיינע אַלע זין פאַרלאָזן, זיך צעשפּרייט איבער דער וועלט. געבליבן איז דער יונגסטער — דער פעטער משה. ער האָט גאָר יונג חתונה געהאַט און גאָר שנעל אָפּגעגט זיין יונג ווייבל, פּשוט פאַר רחמנות, — נישט געקאָנט זי מפרנס זיין. ער קען זי אָבער אַלץ נישט פאַרגעסן, כאָטש זי האָט שוין חתונה געהאַט פאַר אַ תבואה סוחר פון זאַמאָשטש. דרייט זיך דער פעטער משה אַרום אין שטעטל ווי אַ נישט-היגער, ביז ער נעמט אַ לעבל ברויט און לאָזט זיך אויך אין דער וועלט אַריין. ער קומט אָבער שטענדיק צוריק, אַן אויסגעהונגערטער, מיט אַ צעריסענע קאַפּאָטע און מיט פאַנטאַסטישע געשיכטעס, וואָס יידן הערן אויס און זאָגן — אַ מעשׂה נישט געשטויגן. דער פעטער געצל איז אַ גרויסער שוויגער, גייט אויף די שפּיץ פינגער, ווי זיך געהיטן נישט אויפצוּוועקן וועמען פון שלאָף. נאָר אין שיל טענהט ער זיך גאָר היימיש אויס מיטן רבונו של עולם. זיין ווייב — די מומע שיינדל פּוצט שטענדיק אירע מעשענע לייכטער, וואָס גלאַנצן, און איר האַרץ איז פול מיט רחמנות, אַפילו צו דער קאַץ.

ליגט אַ שטילע פרומקייט צעלייגט איבערן שטעטל און ס׳טראָגט זיך מיט אַ גמרא ניגון איבער די איינגעקאָרטשעטע הייזלעך און בית-מדרש, אַוועק אַהין ווי עס דרייען זיך די פליגלען פון דער ווינט-מיל, צו די סעדער מיט זאַפטיקע באַרן, צום געהיימען רעש פון טייכל, צו די ברייט שלווהדיקע פעלדער און לאָנקעס, צום שאָרך פון וואַלד, ווי יעדן בין השמשות שטעלן זיך די ביימער דאַווענען מנחה.

פרום זענען די טאַטעס און זיידעס. נאָר די זין לעבן גאָר נישט בשלום מיטן רבונו של עולם. טענות זיך טאַקע אויס בערל דער לאַטוטניק מיט זיין אַפּיקורסישן בן יחיד:

— זאָג וואָס פאַראַ טעם האָט דען דיין לעבן, אַז נאָכן טויט וועסטו נישט פאַרזוכן פון שור הבור, דו זאָגסט אַז עס איז נישטאָ קיין גאָט, טאָ ווער האָט אַרויסגעטריבן אדמען מיט חוהן פון גן־עדן, געמאַכט דעם מבול און געשפּאָלטן דעם ים, ווען יידן זענען אַרויס פון מצרים?

שמחה איז פרום ווי זיין טאַטע, אָבער דער ריח פון די סעדער, דאָס שושקען זיך פון די זאַנגען, ציִען אים צום טייכל, איינצוגראָבן זיך אין

הויכן גראָז, איינהערן אין דעם קוואַקען פון די זשאַבעס, קוקן ווי עס ציִען זיך די וואָלקנס אין זייער נאָכלעסיקן ריטמישן גאַנג. פאַרגעסט טאַקע דער צוועלפיעריקער בחור אין מנחה דאַווענען און קוקט נאָך די באָרוועסע שיקסעס וואָס טרייבן אַהיים די קי נאָך דער פּאַשע. אויך דאָס געזעץ וועגן צוואַנג־בילדונג רייסט שׂמחהן אַוועק פון דער גמרא, ער לערנט אין דער מלוכה־שולע פּויליש און קוקט נייגעריק צו די מיידלישע בענק. שטעקט אים דערפאַר אַ שיקסל אַרויס איר צינגל. נאָר אים ווערט עפּעס וואַרעם ווען זיין בליק פאַלט אויף פייגעלעס פּנים. אין מיטן אַ הייסן זומער טאָג פאַרציט זיך פּלוצלינג אַ שוואַרצער וואָלקן און עס גיט אַ כלאַפּ אַ רעגן, באַגלייט מיט דונערן און בליצן און אַז שׂמחה געפינט זיך גראָד אין געסל פון זיין חבר לייביש, כאַפּט ער זיך אַריין בישט דורכגעווייקט צו ווערן פון רעגן. אין זיין חברס שטוב טרעפט ער אָבער בלויז זיין שוועסטער שרהקע וואָס ליגט אין בעט, אַ ביסל נישט געזונט. דערזעענדיק אָבער שׂמחהן שפּרינגט זי פלינק אַרויס פון בעט, טוליעט זיך צו אים ווי אַ קעצל. אירע אויגן גליִען, די בעק פלאַמען, פון היץ צו פון פרייד? אין דרויסן שטורעמט און שרהקעס לייב בריט דורך איר ראָזן העמדל. דערמאָנט זיך גראָד שׂמחה אין דער געשמאַקער זיסקייט פון פייגעלעס פּנים און ער רייסט זיך אַרויס פון שׂרהקעס נאַקעטע וואַרעמע אָרעמס.

אָבער אויך פייגעלע פליט שנעל אַרויס פון זיין האַרץ און ער גאַפט שוין אויף דער רייפער ווייבליכקייט, אויף די גרויסע שוואַרצע אויגן פון זיין אייגענער לערערקע, וואָס שפּראָצט מיט געזונט און פרייד. קען ער זיך נישט מוחל זיין די זינד און קוקט דאָך גיריק אין די געשמאַקע ליפּן וואָס קענען אַזוי פיין דערציילן און ער שלינגט די ווערטער פון דעם מעשׂהלע וואָס זי ענדיקט אַזוי: — ניין קינדערלעך, נישט אונטער קיין פאַרכישופטן שטיין, נאָר אין מענטשליכע הערצער ליגן אוצרות באַהאַלטן.

צו ליגט אָבער אין יעדן מיידליש האַרץ אַן אוצר? חנהלע איז אַ פריי־ליכע שטיפערקע, פייגעלע אַן איידעלע רויז, מירקע שמעקט מיט דער פּשוטקייט פון אַ קאָרן־בלימל. באַשע האָט נישט קיין ראָזע בעקלעך, דערפאַר אפשר אַ גאָלדן האַרץ, ווען אַנדערע פוצן זיך צום געפעלן איז זי פאַרטיפט אין לייענען. רייזל לייענט אויך אָבער נאָר ראָמאַנען וועגן שיינע פּרינצן,

וועגן עפּעס אַן אומגליקליכע זינגערן וואָס איז פון בערדיטשעוו פאַרנאַרט געוואָרן קיין סטאַמבול, אָבער שבת נאָכן טשאָלנט רייסט זי איבער אין מיטן לייענען ווי דער באַראָן קושט זיין געליבטע אונטער דעם שיין פון דער „מאַנדע״ און גייט זיך טרעפן מיט דעם אַלטן בחור לייזער צו רעדן מיט אים וועגן תכלית. זי פאַרמאָגט אַ קליינעם נדן און אים איז נמאס געוואָרן צו היבלעווען ברעטער, וועט מען קויפן אין דער גרויסער שטאָט אַ קרעמל און פאַרקויפן קאַלטע געטראַנקען. אַז זי קומט צוריק פון לייזערן כאַפּט זי זיך גלייך צום לייענען, ווו דער באַראָן קושט זיין געליבטע אונטער דעם שיין פון דער לבנה. געלע האָט פיינט צו לייענען, און איז ווי איר מאַמע פאַרשלאָכעט, שלעכט ווי אַ זויערע אוגערקע. טריינע וואָלט גערן געלייענט „שפּאַנענדע ראָמאַנען״, זי האָט אָבער נישט קיין צייט, זי האָט נישט קיין מאַמען און איר פאָטער איז אַ גאַנצן טאָג פאַרטאָן אין זיין קרעמל. פאַלט אויף איר דער גאַנצער לאַסט פון דער שטוב, מיט קליינע ברודערלעך. אָבער שפּעט ביי נאַכט גנבעט זי זיך אַרויס פון שטוב. אין געסל וואַרט שוין אויף איר זעליק, ער כאַפּט זיך אַרויס פון דער היץ פון זיין טאַטנס בעקעריי. זעליקן שדכנט מען דער בלאַסער ראָזען, זי האָט אַ נדן, אָבער אַ קאַלטע מויד, ווי אַן אויסגעלאָשענער אויוון. איז אים גוט צו זוכן אין דער קילקייט פון דער נאַכט, מיט זיינע פאַרמעליקטע הענט דאָס וואַרעמע האַרץ אין טריינעס ווייכן בוזעם. שלאָפט דאָס שטעטל. נאָר די לבנה קוקט מיט שפּאָט און פאָרוווּרף אויף טריינען:

— פּע, עס פּאַסט נישט פאַר קיין באַלבאַטישע טאָכטער!

שמעקן די יידישע געסלעך מיט געווירצן און דלות, מיט פּחד פאַר גאָט, שדים און שלעכטע גויים. נאָר דער פּוילישער פּאָליציאַנט יאַגעלאָ איז גאָר נישט קיין שלעכטער, רעדט יידיש און האָט גאָר נישט פיינט קיין געפילטע פיש מיט שבתדיקע חלה און גלעט מיט פאַרגעניגן זיינע ברייטע וואָנצעס, ווען אַ ייד רוקט אים אַ מטבע אין יד אַריין פאַר עפּענען זונטיק אַ שפּאַרע פון זיין קרעמל.

דערפאַר אויף די פּוילישע געסלעך וואַרט מען נישט אויף משיחן, און פּויערים מיט גרויסע וואָנצעס, וואָס לעבן פון האַקן ביימער אין פּריצישן וואַלד, פּויערטעס מיט הויכע בוזעמס מעלקן קי און קאָכן קרויט־באָרשט.

איבער די נידעריקע הילצערנע כאַטעס, באַוואַקסן מיט שימל און נויט, שטייגן אַרויס צוויי קלויסטער־שפּיצן, דער טורעם פון די פייער־לעשער און אַ מעלאַנכאָליע אַ צעלייגטע איבער די שינדל־דעכער. איבער די געסלעך שוועבט נאָך אין זכרון די מלחמה קעגן די באָלשעוויקעס, ווען די פּוילישע יונגוואַרג אין הוזאַרישע מונדירן האָבן געהוליעט אין די שטעטלעך, געריסן יידישע בערד. געווען זענען דאָס פרייליכע צייטן, פון אָפּיצירישע גאווה און לעגיאָנישע לידלעך:

וי שיין איז דאָס אויף דער מלחמהלע,
ווען אַן אולאַן פאַלט אַראָפּ פון זיין פערד.

און אַז דאָס פערד צעטרעט דעם אולאַן מיט זיינע קאָפּיטעס, לאָזט אַ געטרייע פריילין נאָך אים אַ הייסע טרער און איילט צום פלירט מיט אַ צווייטן. איצט איז לאַנגווייליק אויף די פּוילישע געסלעך. די אַלטע מאַריאַנאַ וואַרפט פון איר מויל אָן ציין קללות אין דער גאַס אַריין, דער משוגענער סטאַשעק שרייט — איך בין יאַגעלאָ, דער קעניג פון פּוילן! מיט אַ שפּאָטישן שמייכל שפּאַנט דער לערער יוליוש, וועמען מען איז חושד אַז ער איז אַ קאָמוניסט, ווייל ער זאָגט אַז יידן זענען אויך מענטשן.

אין קלויסטער געסל שלאָגט אַרויס אַ היץ פון דער קוזשניע און אַרום וואַלגערן זיך פאַרזשאַווערטע אייזנס און צעבראָכענע רעדער. אין געוועלב פון חזיר שניידט די פעטע קצבטע קראַקאָווסקע־ווורשט פאַר ווייבער, און צעכיקעט זיך ווען איר באַגלופּעגער מאַן גיט אַ קניפּ אין דער ווייכקייט פון אַ דאָרפישער מויד. פאַר דער שוואַרצער יאַנקע שנייט זי אָפּ דאָס שענסטע פלייש, זי איז אַמאָל געווען דעם גלחס דינסט, פלעגט אָבער פון אים אָפּט אַנטלויפן אין איר דאָרף אַריין, צו די דאָרפישע יונגען, ביז איר מאַמע האָט זי נישט צוריקגעברענגט צום גלח. די שוואַרצע יאַנקע פלעגט אָבער קומענדיק נאָך פלייש פאַרן גלח נישט פאַרגעסן מיטצונעמען דער קצבטע, ווייל דער פרומער גלח האָט ליב נישט בלויז חזיר פלייש... אָבער אָנגעהויבן האָט די שוואַרצע יאַנקע צו טראָגן און דער גלח האָט זי שנעל חתונה געמאַכט פאַרן פלעגמאַטישן געמינע־שרייבער. איצט איבערגעלאָזט דאָס קינד אין דאָרף ביי איר מאַמען, טראָגט זיך דאָס שוואַרצע ווייבל שוין

איבער די פּוילישע געסלעך, באַגלייט מיט זינדיקע מענער־בליקן און ווייבערישן חשד. נאָר די פרומע אַלטע יוסטינאַ, שפּירט נאָך מיט אירע סאָווע־אויגן, ווייסט פון דער שוואַרצער יאַנקעס אַלע זינד. מיט ווען זי פאַרקריכט אין די הויכע גראָזן ביים טייכל און ווען זי שפּאַנט אַוועק צום גאַיאָווע, וווּ זיין שלאַבעריק ווייבל וואַרט אויף דער שוועל פון הייזל, ביז די שוואַרצע יאַנקע וועט אַרויסקומען פון איר מאַן, מיט צעשויבערטע האָר און אַ צעפלאַמטע אַוועקשפּאַנען, וויגנדיק אירע היפטן אין דער פאַרנעפּלדיקער פאַרנאַכטקייט.

יעדן זונטיק ווערן די פּוילישע געסלעך אויפגעהייטערט פון שיכורע געזאַנגען און בראָנפן ריח. אויך פון די געשרייען פון פראַנטשישעקס ברייט צעוואַקסן ווייב אין וועמעס זיך־פּליש עס שמייסט איר מאַן. זי רופט צוהילף יעזוסן. נאָר אירע קומעס שאָקלען פרום מיט די קעפּ און אויפן קלאַנג פון די קלויסטער גלאָקן לאָזן די גלויביקע אַוועק צו שטעלן זיך אויף די קני פאַר דער הייליקער פריילין־מוטער. פון קלויסטער לאָזן די פּויערים זיך גלייך אין שענק אַריין. דאָ גיסט שרה די שענקערין בראָנפן אין די גלעזלעך, פּויערים כניאָקן אַריין אַ גלעזל נאָך אַ גלעזל און פרעסן מיט די אויגן דער געשמאַקער יידישקע, ביז זיי בלייבן מיט ליידיקע קעשענעס און אַ שיכורן חלום.

נישט זעלטן פאַרקריכט דער יצר הרע אויך צו די יידישע געסלעך, ער מאַכט עס אַן אָרעמאַן זאָל גלוסטן צו אַ גענדזענע פּולקע און אַ מייערן־צימעס אין אַ מיטן מיטוואָך און דערזעענדיק אַ יונגע שיקסע זאָל אַ ייד זיך מוזן אַליין אָפּשייגעצן:

— פע, אַ ייד טאָר נישט זינדיקן אַפילו אין דער מחשבה.

צעלייגן זיך פאַרנאַכטיקע שאָטנס, נעמט אין שמחהס יונגלישע נשמה גריזשען אַ בענקשאַפט, אין האַרץ עפּעס פּיקעט נאָך עפּס, נישט וויסנדיק נאָך וואָס. כאַפּט ער זיך אַריין אין דער „פּרץ" ביבליאָטעק נאָך אַ בוך, וואָס זאָל צעפלאַמען זיין פאַנטאַזיע, אים אַוועקפירן אין כישוף־לאַנד. פון די ביכער־שאַנק שיינען אַרויס דזשעק לאָנדאָנס געשיכטעס פון רויען לעבן, הוגאָס העראָישע געשטאַלטן, און גאָרקי, פאַר וועמען דאָס לעבן איז געווען זיין אוניווערסיטעט. טאָלסטוי, ראָלאַנד, טשעכאָוו, און די אַלע גרויסע נעמען

רופן אים אַריינצודרינגען אין דעם צויבערלאַנד פון ביכער. פון די ווענט פּאַרטרעטן ווינקען צו אים אַראָפּ די קלוגע אויגן פון פּרצן און שלום עליכמס גוטמוטיקער שמייכל. צעלייגט אויף דעם טיש שרייען פון די טאָג־צייטונגען אַרויס מיט גרויסע קעפּ די לעצטע נייעסן, מיט מלחמה דראָונג און שלום קאָנפערענצן, אַ רייכע כראָניק פון גנבות, מאָרד, רויב, ווי דאָס גרויסע וואַרשע וואָלט געווען אַ מין ציוויליזירטער דזשונגל. אין דער ביבליאָטעק קומט מען נאָך אַ בוך, לייענען אַ צייטונג, טרעפן אַ חבר אָדער אַ באַליבט מיידל. אין די אָוונטן רוישט דאָ מיט וויכוחים און אַמפּערנישן. יעדער גלויבט אין עפּעס אַ פּראָגראַם, וואָס זאָגט צו גליקליך מאַכן די וועלט. מער פון אַלעמען היצט זיך פּיוול און ער שרייט:

— רעוואָלוציעס ווערן נישט געבוירן אויף ווייכע קאַנאַפּעס, נישט געמאַכט אין זיידענע הענטשקעס, נאָר מיט בלוט ווערן געשמירט די רעדער פון דער געשיכטע.

פּיוולען העלפט שטענדיק אונטער הערש־מענדל, וואָס פירט אַפילו ביי זיך אין דער היים דעם „קלאַסן קאַמף", און אַז זיין טאַטע דער סאָד־ הענדלער נעמט דאַוונען, הייבט הערש מענדל אָן זינגען דעם „אינטער־ נאַציאָנאַל" און שרעקט זיין טאַטן מיט דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. דערפאַר זאָגט נתן אַז יידן דאַרפן נישט קיין רעוואָלוציעס נאָר זיך צוריקקערן צו זייער וויגעלע, צו דער היסטאָרישער היים, און מאיר הויקער מיינט אַז די יידישע היים איז דאָרט ווי מען וווינט, מען דאַרף נאָר זיין געטריי אָן גרענעצן צום „בונד". שלום איז אָבער גאָר נישט בשלום מיט די אַלע פּאַרטיי־פּראָגראַמען און ער זאָגט:

— דער גרעסטער שונא פון אַלע חלומות איז די ווירקליכקייט. ביז אייערע פּאַרטייען וועלן גליקליך מאַכן דאָס פאָלק וועט די פּעסט פון היט־ לעריסטישער ראַסן־האַס און דער געשפּענסט פון די „לאַנגע מעסערס" אייך אַוועקשעכטן צוזאַמען מיט אייערע חלומות.

נאָר ביי מלכהלען שוויגן אירע ליפּן וואָס קיינער וואָלט זיך נישט אָפּגעזאָגט צו קושן. ס'רעדן אירע הייסע אויגן. זיצט זי אין דרויסן ביי דער ביבליאָטעק, גלעט הערשקעס שוואַרצע טשופּרינע און זינגט אין דעם פאַרנאַכט אַריין:

שוואַרצע אויגן האָבן פייער, דיינע זענען שוואַרץ.
האָסט געוואָרפן פונקען פייער אין מיין מיידל האַרץ.

פאַרציט די נאַכט איר שלייער, ווינקען פון הימל די שטערן, און אַ בלאַסע רוקט די לבנה זיך אַרויף אַלץ העכער און בלייבט הענגען, ווי אַ לאָמפּ אין מיטן הימל. אין געסל עפנט זיך ערגעץ אַ טיר און אַ קול שעפּטשעט אין דער נאַכט אַריין:

— אַ גוטע נאַכט, אַ גוטע נאַכט מיין יענקעלע!

שמחה בלייבט מיט זיך אַליין און מיטן חושך. אין מוח מישט זיך אַלץ דער פּילפּול פון אַ פאַרנעפּלטן מאָרגן מיט זיין טאַטנס זיפץ און פאַרדאגהטע שאלה:

— וואָס וועט זיין פון דיר שמחה, וועסט דאָך נישט אויסוואַקסן קיין רב, נישט קיין סוחר, איז אויף וואָס וועסטו פאַרתכלעווען דיינע פאָר יאָר?

מיט פוילע טריט ציִען זיך די טעג און שטילע פאַרנאַכטן. ביי אָפענע טירן זיצן ווייבער אויף די שוועלן, איינע לאַטעט אַ פאָר הויזן, די צווייטע ציפּט אַ געשאָכטן הינדל. פון ערגעץ טראָגט זיך אַ גמרא ניגון, אַ געוויין פון אַ קליין קינד און אַ זיפץ. ווער קען אַזוי זיפצן ווי אַ יידישע מאַמע, וואָס איז פול מיט אומרו פאַר איר זון וואָס האָט שוין געענדיקט די מלוכה־שולע, און וואָס ווייטער, וואָס פאַראַ נחת דערוואַרט איר פון שמחהן? נאָר אים ווילט זיך גאָר נישט איינשפּאַנען אין דער וואָכיקייט. אַן אינערליכע פרייד באַהעפט אים מיט דער געהיימער פאַרנאַכטיקער שטילקייט, מיטן געשמאַק פון שפּעט־זומער, דערצו אַנטפּלעקט זיך פאַר אים אַ מיידל געשטאַלט, ווי אַ חלום. שוועבט דורך דעם געסל, ווי אַרויס פון אַ קינדער מעשה. מיט גאָלדענע לאָקן און ליפּן ווי פון אַ זאַפטיקן פרוכט, פריש ווי אַ בלום, אַן אויסגעקושטע פון דער זון און ווינט, אויגן געוואַשענע פון טוי. דאָס איז גאָלדעלע וואָס לערנט אין ווייטן וואַרשע, אויסגעהאַלטן פון אַ מומע וועלכע האָט נישט קיין קינדער. שמחה געדענקט זי קוים, נאָך ביידע געווען גאָר קליין. איצט האָט איר רייפקייט אים ווי אַ ברי געטאָן. אַ מאַגנעטישע קראַפט ציט אים צו איר געסל, דרייט ער זיך אַרום דעם אָרעמען הייזל, מיט אַ צעבראָכענעם דאָך, מיטן גערוך פון פאַרפוילטע גרינס און נויט,

וואָס טראָגט זיך פון איר פאָטערס קרעמל. אָבער אין שׂמחהן ברויזט אַלץ, דאָס האַרץ איז צעוויגט ווי אַ זעגל אויפן ים. אָנגעצונדן מיט אַ ליבע צו אַלץ און צו דעם וווּנדערלעכן מיידל, ווי עפּעס אַ געשטאַלט פון אַ בוך וואָס ער האָט ערגיץ געלייענט, אָדער געחלומט גאָר אָנצושרייבן. זוכט ער זי מיט די אויגן, און אַז ער קומט אַהיים, נעמט ער אויף ווייסע בויגנס אויסזינגען זיין פרייד, זיין בענקשאַפט צו דער וואָס האָט זיך אַריינגעצויגן, ווינט אין זיין חלום, און האָט מיט אַ זיסן האָניק אָנגעגאָסן זיין נשמה. שרייבט ער וואָס עס מאָלט אים זיין יונגלישע פאַנטאַזיע וועגן דעם גאָלדענעם מיידל:

— אויפגעשטאַנען פון שלאָף, ווישט דער טאָג אויס דעם טוי פון די אויגן, מיט קושן וועקן די ערשטע זון שטראַלן אויף דאָס גאָלדענע מיידל פון שלאָף. אָנגעטאָן אין אַ בלוי קליידל לאָזט זי זיך אַוועק צום וואַלד. עס באַגעגנט זי דער שאָרך פון די אַלטע סאָסנעס און אָלכעס און זי שוועבט אַריין אין דער וואַלדישער שטילקייט, מיט ווייכקייט פון מעך. אויף די צווייגן הענגען נאָך טראָפּנס פון זילבערנעם טוי און פייגל זינגען אויס זייער גוט־מאָרגן געזאַנג צום ליכטיקן באַגינען. פון ווייטן טראָגן זיך פאַרכישופטע פידל־טענער, וואָס מאַניען זי נאָך טיפער אַריין אין וואַלד, צום ציגיינער טאַבאָר, אין וואַלדישן ציגיינער לאַנד פון פרייהייט, ליבע און געזאַנג. שוואַרץ־וואָנציקע ציגיינער, שוואַרץ־חניוודיקע ציגאַנקעס פלעכטן זי איין אין זייער טאַנץ, פאַרכישופטע פון פידל טענער, סאָסנע ריח און וואַלדישע פרייהייט, פאַרוואַנדלט זיך גאָלדעלע אין אַ בלאָנדע ציגאַנקע, וויל בלייבן דאָ ווינען אין וואַלד. נאָר אַן אַלטע ציגאַנקע באַהאַנגען מיט אַ סך פילקאָלירקע קרעלן פירט זי צו אַ ברייטן פּניאַק, אַרומגערינגלט מיט פלושיקן מעך, זי צעוואַרפט אויף אים פלינק אַ טאַליע קאָרטן, טאַסט זיי איבער מיט גרויס געשיקטקייט פון אירע פינגער און שעפּטשעט אַרויס פון די קאָרטן, דעם גורל פון דעם גאָלדענעם מיידל...

אַזוי הייבט שׂמחה אָן צו שרייבן זיין אייגענעם שיר השירים צו דער וואָס האָט ווי אַ שטורעם זיך אַריינגעריסן אין זיין האַרץ.

מיטן ערשטן האַרבסט ווינט קומט דער טרויער. גאָלדעלע איז אַוועק צוריק קיין וואַרשע זיך לערנען. איז נישטאָ מער איר פאַרכישופטער שמייכל.

איבער די געסלעך טראָגט זיך דער ווינט מיט אומעט, פון בענקשאַפט וואָרקען די טויבן. פון מעלאַנכאָליש־פאַרוואָלקנטן הימל גיסן טראָפּנס טרערן. טרויעריק שטייען די שוין אָפּגעפליקטעביימער. איז אויך האָרבסטיק אויף שׂמחהס נשמה און רופט אים אַוועק אַהין, ווי עס שפּאַנט איצט מיט אַ ליכטיקן שמייכל, די וואָס האָט אַ פלאַם אָנגעצונדן אין זיין נשמה. די פוסטקייט פון שטעטל פאַרטרייבט אים, ווי דער האָרבסט די בלעטער פון בוים.

2.

אַ פאַרזונקענער אין בענקשאַפט קומט שׂמחה אין דער פרעמדער גרויסער שטאָט. זיין געלעגער ביי דער מאַמעס אַ קרובה. פינף מאַן אין איין שטוב מיט אַ קיך. ביי נאַכט צעלייגט מען דאָ אויסלייג־בעטלעך. פאַר שׂמחהן שטייט אַן אייזערן בעטל אין קיך, ווי מען קאָכט, וואַשט און מען עסט. דער פאָטער פון דער פאַמיליע איז אַ שטוב־מאָלער, האָט אַרבעט נאָר אין די זומער חדשים. די מוטער מיט איר דרייצן יעריקע טאָכטער אַרבעטן אויס סעזאָן אַרטיקלען פון צעלעליי, און צוויי זון אַרבעטן ביי פאַרשידענע פאַכן. פון זייער אַלעמענס פאַרדינסטן איז אָבער שווער צו באַצאָלן דאָס דירה־געלט. די קרובים האָבן אויך פאַר שׂמחהן געפונען אַרבעט אַלס לערן־יונגל ביי אַ שניידער. דערווייל שיקט מען אים אַראָפּ און אַרויף פון פערטן שטאָק איינצוקויפן פאַרן וואַרקשטאַט, און די באַלעבאָסטע שיקט אים איינקויפן שפּייז. אין די אָוונטן, כאָטש אַ מידער, שפּאַנט שׂמחה איבער דער מילע גאַס, מיט אַזעלכע ווי ער יונגע יאַטן, פון די פאַרשידענע פאַכן.

די מילע אין וואַרשע איז אַ גאַס פון כשרע־יאַטקעס, שפּייז־קראָמען, ביליקע קנייפּעס, בעקערייען, שוסטער און שניידער וואַרקשטאַטן. פון די גרויסע הייף טראָגט זיך דער געשטאַנק פון מיסטקאַסטנס, געמישט מיטן ריח פון פריש געבעקס און געוועגדזלטע הערינג. אין ענגע חדרים עטעמען קינדער אין זיך אַריין פאַרשטיקטע לופט און מעשׂהלעך פון חומש. אין חסידישע שטיבלעך בעט מען גאָט אויף פּרנסה און אויף משיחן. דאָך ווערט די גאַס פון אָרעמקייט היימיש און אייגן, אַפילו די נויט פאַרמאַגט אירע חנען, יוגנטליכן פרייד און קינדיש געלעכטער. איבער די הייף וואַנדערן

אַרום בעטלער, קונצנמאַכער, הייף־העגדלער שרייען אויס מיט אַ מעלאַנ־כאָלישן ניגון:

— האַנדי, האַנדי! אַלטוואַרק קויף איך, אַלטע שיך, אַלטע פּאַראַסאָלן, אַלטע זאַכן.

שבת או יום טוב ליגט אַ שטילע געמיטליכקייט צעלייגט איבער דער גאַס, די געוועלבער געשלאָסן, פון די פענצטער שמעקט אַרויס דער גערוך פון טשאָלנט, געהאַקטע לעבער, געמישט מיט זיסע חלומות. אין פּראָפעס־יאָנעלן פאַראיין פירן זיך הייסע ויכוחים. צווישן באַוווסטזיניקע אַרבעטער פלאַנטערן זיך אַריין אויך אָפּגעשטאַנענע. טרעפט אַז אַזוינער דערזעט אויף אויף דער וואַנט פון פאַראיין דעם פּאָרטרעט פון קאַרל מאַרקס פרעגט ער אַ נייגעריקער:

— זאָג מיר יוסל, ווער איז דאָס דער שוסטער מיט דער גרויסער באָרד?

ביי נאַכט באַווייזן זיך פאַרליבטע פּאָרלעך, וואָס קערן זיך צוריק פון ווייטע שפּאַצין, קינאָס, טעאַטערס אָדער רעפּעראַטן. צווישן זיי פּלאָנטערן זיך אָפּגעריסענע קינדער מיט קיישלעך בייגל און ציטערנדיק פון קעלט שרייען זיי אין דער נאַכט אַריין:

— הייסע בייגל, הייסע בייגל, ווער קויפט?

ביז עס באַווייזט זיך דער פאַרשלאָפענער וועכטער צו עפענען דאָס פאַרמאַכטע טויער, ווישט ווער אָפּ מיט ליפּן אַ נישט דערזאָגט וואָרט פון אַ מיידליש מויל. קוקט זי אַ פאַרשעמטע אויף די שטערן, נאָר די אויגן זאָגן אויס, אַז אויך זי האָט אים ליב. אויף די יידישע גאַסן טרעפט שׂמחה זיין חבר לייביש פון שטעטל. ער איז שוין דאָ פון לאַנג אין וואַרשע און אַרבעט אין אַ סטאָלאַר־וואַרקשטאַט. ער איז עלטער פון שׂמחהן און שוין באַוויזן צו ווערן גאָר אַקטיוו אין די אומלעגאַלע יוגנט קרייזן. באַקענט ער אויך שׂמחהן מיט יאַטן און מיידלעך, וואָס איילן צו פאַרזאַמלונגען, זיצונגען, געהיימע קרייזלעך, האַלב־לעגאַלע קלובן. צווישן זיי איז מיכל, וואָס האָט דעם תלמוד פאַרטוישט אויף מאַרקס „קאַפּיטאַל”, אָדער סעוועק, מיט די שוואַרץ געקרייזלטע האָר וואָס דרייט זיך אין די אָונטן אַרום די טויערן פון דער פרויען־טורמע „סערביאַנקאַ”, ווי עס זיצט זיין באַליבט מיידל. חלומט ער פון דער רעוואָלוציע וואָס וועט עפענען די תפיסה־טויערן,

און ער מיט זיין האַלינקען וועלן גליקליכע שפּאַנען צום סאָציאַליזם. צווישן ערליכע און ערנסטע יאָטן פאַרפּלאָנטערן זיך אויך פּוסטע, שוויצערס און קאַריעריסטן. גראָד זיי רייסן זיך צו די פּאַרטיי שפּיצן. שלעכטע ווילן דווקא בעסער מאַכן די וועלט. די וואָס קענען קוים הערשן איבער זיך האָבן גאָר נישט פיינט צו הערשן איבער אַנדערע. אָט איז קאַרל, וואָס נעמט אויף זיך גאָר ערנסט די ראָל פון אַ רעוואָלוציאָנער, דערשטיקט ער אין זיך אַלע גלוסטן. זיין פּנים פאַרצויגן מיט אַן אַסקעטישער ערנסטקייט, אין האַרץ פאַרלאָשן יעדן פונק פון פרייד, פון ליבשאַפט אויסגערונען. פאַרגינט זיך נישט דעם לוקסוס פון חלומען און רעדט ווי אַרויסגעלייענט פון אַ פּאַרטיי פּראָקלאַמאַציע. זיין איינציקע תאווה איז זיך צו הייבן אויף דעם פּאַרטיי-לייטער און היטן די כשרות פון זיינע פּאַרטיי חברים. קען ער איינעם נישט מוחל זיין וואָס יענער האָט געקושט אַ זיס מיידל — סטייטש, ווי מעג מען, ווען די רעוואָלוציע קלאַפּט אין די טויערן, פּטרן צייט אויף ליבע? אַן אַנדערן באַשולדיקט ער גאָר אין אַנאַרכיזם, ווייל ער וואַגט צו האָבן אַן אַנדער מיינונג ווי אין דער רעזאָלוציע פון לעצטן פּלענום פון צענטראַל קאָמיטעט.

דער אַנאַרכיזם איז איינגעהילט אין סודותדיקייט און נעפּל. עפּעס לייגט זיך נישט אויפן שׂכל אַ לעבן אָן אַ רעגירונג, אָן הערשער, אָן פּאָליציאַנטן. ווער וועט באַשיצן קעגן גנבים, מערדער? צעלאַכט זיך טאַקע דער געלער יצחק און זאָגט:

— כאַ, כאַ, דער וואָלף ווילט איר, זאָל זיין דער באַשיצער פון די שעפעלעך. די גרעסטע רוצחים זענען דאָך גראָד די הערשער. זיי די מאַסן מערדער וואָס שרייבן איין מיט בלוט זייערע נעמען אין דער געשיכטע. פרעגט בעסער, ווער וועט די פעלקער באַשיצן קעגן זייערע מאַכט-האָבער? די וואָס שרעקן מיטן געשפּענסט פון אַנאַרכיזם זענען דאָך אַליין די אַרכי-טעקטאָרן פון כאַאָס און צעשטערונג, פון קריזיסן, מאַסן-מאָרד און מלחמות.

איבער אַלע גאולה-חלומות פון דער יידישער יוגנט הענגט דאָס מעסער פון כוליגאַן און פּאָגראָמטשיק, פון אַלע ווענט שרייט אַראָפּ דער לאָזונג — אַ טויט די יידן! דערפאַר רופט דער שוואַרצער מאיר קיין ציון און זאָגט:

— ווי לאַנג נאָך וועט אונדזער פעדלער-פאָלק האַנדלען מיט מאַרקס „קאַפּיטאַל", מיט פרוידס חלומות, באַגליקן די פעלקער מיט מנחם-מענדלישע

צוקונפט־וויזיעס און פאַרזייען די לענדער מיט יידישע קברים? צוליב דעם האָבן מיר געשאָנקען דער וועלט אַ קריסטוס, מאַרקס און שפּינאָזע, אַליין זיך צו וואַלגערן היימלאָזע צווישן בלאָנדע האָטנטאָטן, וואָס זינגען אין היינעס שפּראַך — „ווען יודען בלוט פון מעסער שפּריצט"; ווי לאַנג וועלן מיר נאָך זיין ווי אַ שיף געטריבן איבער אָקעאַנען פון האַס, ווי פּלאַנעטן אָן אַ וויזע, פּליטים אָן אַ פּאַס?

אַ פאַרזינקענער אין מחשבות גייט שמחהן אַנטקעגן אַנדזשעי, ווי שטענדיק בגילופין, כאַטש מיט ניכטערע רייד זאָגט ער:

— צו וואָס טראַכטן, חלומען און שטרעבן אַז קיינמאָל וועסטו נישט קומען צו קיין ציל. נייע געטער — נייע קייטן, אַ נייע מאַכט — אַ נייע רוט. שטענדיק וועט די פאָן גיין צוזאַמען מיט דער שווערד. שטענדיק וועלן יאַקובינער אין נאָמען פון ברודערליכקייט האַקן די קעפּ פון זייערע ברודער. שטענדיק וועלן ראָביספּיערס אין נאָמען פון גערעכטיקייט זיין גרייט אַ וועלט אומצוברענגען. אַלע געטער זענען דורשטיק נאָך בלוט, אַלע גלויבנס דאַרפן קרבנות פאַר זייער מזבח.

אויך אַנדזשעי איז אַ קרבן, אָבער גאָר פון דער ליבע. צוליב עפּעס אַ באַטעמט יידיש ווייבל דרייט זיך דער אַלטער פּוילישער בחור, אַ בגילופענער איבער די יידישע גאַסן און דעקלאַמירט פאַר יידישע בחורים די פּוילישע פּאָעמעס פון האַלב יידישע פּאָעטן טוווים און סלאָנימסקי. אַנדזשעי אַרבעט אין מלוכישן מזרח־אינסטיטוט, ווייל ער קען עטליכע מזרח־שפּראַכן און האָט אויך אַ פּענאַמענאַלן זכרון. ער פאַרשיכורט אָבער זיין גאַנצן פאַרדינסט. אין די שענק, ווי ער קומט זיין בענקשאַפט צו דער יידישקע אין אַ גלעזל דערטרינקען, דאָ פּלוידערן פּוילישע אָפּיצירן און הויכע מלוכה־מענער וועגן פּאָליטיק, פינאַנסן און פּאָרנאָגראַפיע.ביים גלעזל ווערן געבוירן מלוכה באַשלוסן, געשלאָסן ברודערשאַפטן און פּאַרטייאישע קאָאַליציעס. פון די באַטרונקענע הערט זיך אַנדזשעי אָן מיט די אַלע געמיינסטע געשיכטעס פון דער הויכער געזעלשאַפט, ווי די פּוילישע ווירקלעכקייט שווענקט זיך אין וווּדקע. אַנדזשען האָט די שיכרות נישט פאַרדאָרבן, זי וויגט בלויז די ערד אונטער זיינע פיס און שאָקלט די לאַמטערנס אין גאַס. אַנדזשעי האָט אָבער נישט ליב די ניכטערקייט און ער זאָגט טאַקע:

— ווען אַנדערע באַזויפן זיך מיט אילוזיעס באַטרונק איך זיך מיט שנאַפּס. איך קען די ניכטערקייט נישט פאַרטראָגן. זי איז נאָר פאַר קרעמער וואָס דינגען זיך איבער אַ גראָשן, פאַר שפּעקולאַנטן וואָס פאַרנעמען זיך אויך מיט פילאַנטראָפּיע, פאַר אַדוואָקאַטן וואָס דינען גאָט און דעם טייוול, ווי פאַרגלחים וואָס פרעדיקן צניעות פאַר אַלטע בתולות.

אַ גאַנצן טאָג זיצט שמחה מיט אַ געבויגענעם רוקן איבער דער ביי־מאַשין, זעט פאַר זיך דעם גרויסן הויף מיט אַלע גרויסע דאגות, נישט געזעטיקטע באַגערן און שטומען ווייטאָג. פאַרהאָרוועטע יידן, פאַרשידענע מנחם־מענדלס וואָס האָוען אַרום נאָך פּרנסה, שטילע באַנטשע־שוויגס וואָס באַנוגענען זיך, מיט קוים די נשמה צו דערהאַלטן. ווייבערישע געטריישאַפט פאַרפאַרעטע ביי פאַריסטע טעפּ און קינדישע ווינדעלעך. מאַמעס וואָס פאַרוויגן אַ קינד מיט אַ ניגון און פאַרגיסן די קישנס מיט טרערן. צווישן נויט, קרענק, שרעק פאַר עקסמיסיעס שפּינען און העפטן בלייכע מיידלעך, ניוטשענדיק דעם ניגון פון „ראָזשינקעס און מאַנדלען". מענער מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל — נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט — לייענען פאַר זייער הויזגעזונט שלום עליכמס „דאָס פאַרכישופטע שניידערל", אָדער „דעם דייטש", און אַלע אַרום קאַטשען זיך פון געלעכטער. אונטער יעדער טיר צאַפּלט אַ לעבן. אַ הויכער ייד דרייט אַ גאַנצן טאָג דאָס הענטל פון דער שטריק מאַשין און הוסט, זיין ווייב נייט ווייסע וועש, אין אָוונט קומט זייער טאָכטער אַהיים פון דער אַרבעט, עסט אייליק אָפּ און פאַרלאָזט די שטוב אָן אַ וואָרט. עס באַגלייטן זי די מאַמעס אויגן און אַ זאָג מיט אַ קרעכץ:

— אַ מיידל אין די יאָרן זאָל נאָר אין זינען האָבן די פּאַרטיי, זאָרגט גאָר נישט וואָס זי וועט פאַרזיצן.

די ברייטע דבורה האָט אויך אַ ברייטע נשמה. כאָטש זי פאַרמאָגט אַליין ווינציק, געפינט זי שטענדיק אַ שטיקל ברויט און אַ שטיקל טרייסט צו טראָגן אין שפּיטאָל אַריין פאַר עלנטע קראַנקע. אויב גאָט וויל געצל זאָל בלייבן אַ קבצן, קען אָבער ער נישט פאַרליידן גאָטס קרעוודע, קריגט ער זיך מיט די קרעמער ווי זאָלן נישט מחלל שבת זיין און פּרייטיק צו דער צייט פאַרמאַכן די געוועלבער, ער באַוואַרפט מיט קללות יעדן ווען ער טרעפט אין שבת רייכערן. דער דענטיסט יאַנקעלעוויטש איז רייך געוואָרן

פון פרעמדן צײַן־װײטאָק, דאָס שטערט אים נישט צו זײַן אַ סאָציאַליסט, װי זײַן ייִדישיזם שטערט אים נישט צו רעדן צום װײַב און קינדער נאָר פּויליש. װי אַ נישט הײגע, נישט פון דער װעלט לעבט אין איר ענגן אַלקער־צימערל אַ לערערקע פון געשיכטע. אין איר אַלײנקײט איז זי גאָר נישט אײנזאַם, אין דער ענגשאַפט פון איר אַלקער שװעבן אַרום די גריכישע געטער און רוימישע צעזאַרן. אין שכנות פון איר, שפּײַט אַ 19 יעריקע פרײלין מיט בלוט, און חלומט װעגן ליבע, אָבער איבער דעם שװינדזוכטיקן חלום שפּרײט שױן דער מלאך המות אויס זײַנע פליגל.

אהרון פײסעכאָװיטש איז אַהער געקומען מיט זײַן פאַמיליע אַזש פון קיעװ, פון װאַנען ער איז אַנטלאָפן פאַר פּאָגראָמען און רעװאָלוציע. איצט טענהט ער:

— מיך אַרט נישט װאָס די באָלשעװיקעס האָבן ביים צאַר צוגענומען די גאָלדענע קרױן, אָבער פאַר װאָס האָבן זײ בײ מיר צוגענומען מײַן געשעפט פון קאַלאָשן? אַ גליק װאָס קײן שׂכל קענען די באָלשעװיקעס נישט קאָנפיסקירן, האָב איך טאַקע גענומען מײַן הױזגעזונד און געמאַכט פון דאָרט ויברח. אין קיעװ האָבן די טעכטער גערעדט רוסיש, דאָ רעדן זײ פּויליש, נאָר די מאַמע שװײַגט אויף פּראָסט ייִדיש. סענדער האַנדלט מיט לאָטעריע צעטלעך, זאָגט צו יעדן דאָס גרויסע געװינס, נאָר אַלײן האָט ער גאָר נישט קײן מזל, נישט צום געװינס און נישט צו זײַנע קינדער. אַנשטאָט צו טראַכטן װעגן אַ תכלית גרײט זיך דער עלטסטער זון צו װערן אַ חלוץ און פאָרן קײן פּאַלעסטינע, דער צװײטער זיצט גאָר אין טורמע פאַר קאָמוניזם און די טאָכטער האָט פון אַלע „איזמען" ליב נאָר זיך אַלײן און האָט אַלע שאַנסן אויסצװואַקסן אין אַ גערעטענע קאָקעטע.

אויף אַ בוידעם־שטיבל לעבט אין אָרעמקײט און אַ מחיהדיקער זױבער־קײט. קומט אין אָװנט אַהײם פון דער אַרבעט ברענגט ער אַ פרײדיק פּנים און זײַן װײַבל טראָגט אים אַנטקעגן געשמאַקע ליפּן און װײַבליכע געטרײַ־שאַפט און דאָס קינד אין װיגל שפּרינגט אַנטקעגן דעם טאַטן מיט פרײד. קענען דאָס אָבער די שכנטעס נישט פאַרגינען און שעפּטשען בײז:

— זײ האַלטן זיך דאָרט אין קאַטשקען און ליובען, אַז עס נעמט אַן אַ חלשות.

שׂרה די קוילנהענדלערין איז גאָר נישט זשעדנע נאָך קיין גראָשן, נאָר נאָך אַ ביסל וואַרעמקייט. איין מאָן באַגראָבן און דער צווייטער אַ פאַר־עקשנטער ליטוואַק רעדט צו איר נישט אַרויס קיין וואָרט, ווי אַ פרעמדער. נאָר מיט איר שוועסטערנטאָכטער — וואָס פירט די שטוב ווירטשאַפט — איז ער גאַנץ היימיש. ווען זי איז אַליין אין שטוב איילט ער זיך שנעל אַהיים פון דאַווענען, און ווער ווייסט מיט וועלכן כוח שלעפּט די מויד אַרויס פון דעם קאַרגן זיינע אָפּגעשפּאָרטע זלאָטעס, פון וועלכע זי גרייט פאַר זיך אַ נדן.

אַז יונה דער בעקער גייט אין דער פרי אין זיין בעקעריי פונאַנדערשיקן אין די געוועלבער די בולקעס, פאַרגעסט ער נישט צו שיקן מיטן יונגסטן געזעל אַ ביסל געבעקס פאַר זיין ווייב. ווי נאָר ער קומט שיקט די באַלבאָסטע גיך אַוועק איר טאָכטער אין שולע אַריין און איז אים מכבד מיט סמעטענע און קעז. דער געזול האָט פיינט זיין בייזן בעקער, אָבער נישט פיינט צו קנעטן דער באַלבאָסטעס ווייבלעכע ווייכקייט, ווי אַן אויפגעיאָרן טייג. אויך די באַלבאָסטע האָט דאָס נישט פיינט און זי זאָגט אים:

— נו, איז נישט בעסער אַ באַלבאַטיש ווייבל, ווי צו קריכן צו לאהן, די אויסגעלאַסענע דינסט־מויד? דו ביסט דאָך חלילה נישט קיין פרעמדער, און איך, דיין אייגענע באַלבאָסטע.

אין טאָג טעגליכע וואָכיקייט טרעפט אויפן הויף אַ חתונה, אַ ברית אָדער אַ לויה. פון פענצטערס טראָגט זיך אַ רעש פון ניי־מאַשינען, געמישט מיט מיידלישע געזאַנגען. פון קוימענס איבערן דאַך שלענגלט זיך אַ רויך צו די הימלען. אויפן הויף שטייט אַן אַלטער בוים ווי אַ זיידע, פון קיינעם נישט געפלעגט, די בלעטער אָפּגעפליקט. נאָר די קינדער האָבן אים ליב, קלעטערן זיי אויף אים, און אונטער זיינע פאַרדאַרטע צווייגן דערציילן זיך מעשׂהלעך פון גזלנים מיט שאַרפע העק, וועגן מכשפות און אָרעמע יתומים. נאָר אויפן פערטן שטאָק נייט שׂמחה, סטריגעוועט און חלומט וועגן גאָלדעלען.

שפּאַנט שׂמחה אין די אָוונטן מיט ברייט צעעפנטע אויגן, אַלץ אין זיי איינצושלינגען. ער זעט די גרויסע אָרעמקייט און צעפלאַמטע יוגנטליכע גלויבנס. איבער זיי אָבער בושעוועט די שׂינאה. ס'טראָגט זיך אַ בלוטיקער אָנזאָג פון פּאָגראָמען אין מינסק־מאַזאָוויעצק, בריסק און פשיטיק. בוב־

טעוועט דאָס האַרץ און זוכט זיך צו באַהאַלטן אונטער אַ גלויבן. אָבער נישט די חכמות פון פּאַרטיי־פּראָגראַמען, אפשר גאָר דער ראָמאַנטישער רייץ פון דער אונטערגרונט רופט אים צו שטעלן זיך אין דער רייע פון דער רעוואָלוציע. שפּאַנט אויך ער אַ נישט אויסגעהיילטער פון ליבע, אַוועק צו אַ וועלט מיט רוישיקע לאָזונגען און געפּאַרן. מיט אַ בונטאַרישע יוגנט וואָס לעכצט אויפצורייסן די יסודות פון דער וועלט. טרעפט מען אויך אים אויף דער סמאָטשע און מוראַנאָווער קאָנספּיראַטיווע דירות און קרייזן.

דאָס אויסבאַהאַלטן אומלעגאַלע ליטעראַטור פירט שׂמחהן אויך אַריין אין אַ נעסט פון זינד. די פּיפּיקסטע שפּיצלעס וועט דאָך נישט קומען אויפן געדאַנק צו זוכן אַנטימלוכישקייט אונטער די שעניקעס פון זינדיקע נקבות. מען רופט דאָס בלאַט־הויז, שאַנד־הויז אָדער פריילעך־הייזל, כאָטש ווינציקער פון אַלץ הערשט פריילעכקייט אין אָט דעם פאַרחושכטן שטיבל. ס׳איז אויך גאָר נישט פריילעך אין די הערצער פון די צוויי זינדיקע נקבות. נישט פאַר פאַרגעניגנס נאָר מער פאַר צרות האָט זיי געבערענגט צו דער זינדיקער פּרנסה. אפשר דערפאַר שווייגט אַזוי קלאַראַ פאַרעקשנט. נאָר די באַרעדעוו־דיקע זלאַטע גיסט אויס פאַר שׂמחהן איר ביטער האַרץ. גאָר יונג געוואָרן אַ יתומה און כדי נישט צו לאָזן הונגערן איר יונגערן ברודער געמוזט זיך נעמען צו דער שאַנד־פּרנסה. אָבער קיין דאַנק פון אים קיינמאָל נישט באַקומען. ווי נאָר ער איז אויסגעוואַקסן און אָנגעהויבן אַליין צו פאַרדינען האָט ער דאָס ערשטע זיך גענומען שעמען מיט זיין געטרייער שוועסטער. האָט זי אים, נישט צו שטערן מיט איר פּרנסה, צו אַ „גוטן שידוך", פאַר־לאָזט די שטאָט לאָדזש און אַוועק קיין וואַרשע, דאָ פאַרצוזעצן דעם גאַנג פון נישט דערשלאָפענע נעכט, דורכגעווייגטע פון רעגנס און טרערן. דעם גרעסטן טייל פון פאַרדינסט געמוזט אָפּגעבן אַ יונג, זיין אים געהאַרכזאַם און אונטערטעניק. דערצו האָט דער יונג זיך פאַרכלאַפּטשעט אין אַ געזונטער שוואַרצע מויד פון וועלכער ער וואָלט געקענט האָבן אַ גוטע פּרנסה, נאָר ער האָט זי געהאַלטן פאַר זיך אַליין און געפּיעשטשעט. זלאַטע האָט אַ מידע זי געמוזט באַדינען, וואַשן איר וועש און לאַנגע שעהן קעמען און פלעכטן אירע לאַנגע צעפּ. זלאַטעס פאַרדינסטן האָבן אָבער נישט געסטייעט צו פאַשען און קליידן דער פוילער מויד, האָט דער יונג זיך גענומען צו גנבה.

עס האָט אים אָבער נישט געגליקט, און ביי אַ נישט געלונגענער גנבה, וועלנדיק זיך באַפרייען פון הענט וואָס האָבן אים געכאַפּט, האָט ער וועמען אַריינגעשטאָכן אַ מעסער און איז דערפאַר אַרעסטירט און פאַרמישפּט געוואָרן אויף יאָרן טורמע. די שוואַרצע מויד האָט נישט שטאַרק זיך איבערגענומען מיט זיין אַרעסט און זיך ווייטער געפּאַשעט פון זלאַטעס פּרנסה. זי האָט אָבער גיך געפונען איינעם וואָס האָט איבערגעלאָזט זיין ווייב און קינדער און מיט איר ערגעץ פאַרשווונדן. נאָר די גוטע זלאַטע האָט נישט פאַרגעסן יעדע וואָך אים אַריינצושיקן אַ פּעקל מיט ברויט און וורשט אין דער טורמע. איצט איז זלאַטע געטריי קלאַראַן ווי אַ שוועסטער. זי איז נישט מקנא וואָס קלאַראַ האָט אירע שטענדיקע קליענטן און דאַרפט זיך נישט ווי זי אַרומשלעפּן אין די קאַלטע נעכט זיי זוכן, אויך נישט וואָס די קליענטן וואָס זי ברענגט רייסן זיך צו קלאַראַס בעטל און צאָלן טייערער פאַר קלאַראַס לייב. זי איז אַפילו נישט מקנא די כשרה ווייבער וואָס שלאָפן זיך געמיטלעך אין די בעטן מיט זייערע מענער. זי האָט אויך נישט קיין טענות צו גאָט, ווייל זי ווייסט אַז יעדער האָט אויף דער וועלט זיין אָנגעצייכנטן מזל. אָבער אויך קלאַראַס מזל איז גאָר נישט אַזוי פויגלדיק. איר געשיכטע ווי פון אַ ביליקן ראָמאַן: אויסגענוצט פון אַ בחור וועלכער האָט צוגעזאָגט מיט איר חתונה צו האָבן, און ווי זי האָט נאָר אָנגעהויבן צו טראָגן, אַוועק צו אַן אַנדערע. נאָר די צניעותדיקע וועלט האָט אין דער פּאַראַטענע געזען די שולדיקע, די פאַרברעכערין, שעדיקערין פון מאָראַל, און פאַרמאַכט פאַר איר אַלע טירן צו אַ נאָרמאַל פאַמיליע לעבן, איז פאַר איר געבליבן אָפן בלויז איין איינציקער וועג — צו פּראָסטיטוציע. איצט, אין איר פאַרביסענעם שווייגן, ווייסט זי נישט, צו זאָל זי ליב האָבן אָדער האַסן איר אייגן קינד, וואָס האָדעוועט זיך ביי אַ פרעמדער פרוי. אָבער די אַלע וואָס קומען צו קלאַראַן זעטיקן די זינדיקע תאווה, זעען גאָר נישט ווי זי בייסט אירע ליפּן פון פאַרצווייפלונג, נאָך איר צעבראָכן לעבן.

קומט שמחה אין דער אינסטיטוציע פון שאַנד, ברענגען אָדער אַוועק־נעמען אומלעגאַלע ליטעראַטור, מיטן געפיל פון נייגעריקייט און עקל. ווער קומט דאָס נישט צו די באַשפיגענע פון לעבן? — הונגעריקע נאָך פרויען לייב, אַלטע בחורים, וועלכע האָבן נישט קיין מעגליכקייט, אָדער

ווילן פֿאַר קאַרגשאַפֿט נישט חתונה האָבן. מענער וועמען עס איז נמאס געוואָרן די אייגענע ווייבער. אַן אָפּטער גאַסט איז דאָ דער הויכער פּיניע, ווען ענס ווייב האַנדלט מיט שמאַטעס אויפֿן „וווּינע־פּלאַץ” צו קענען שפּייזן אירע קינדער און געבן איר מאַן צו שפּילן אין די קנייפּעס און צאָלן קלאַראַן פֿאַר די מינוטיקע פֿאַרגעניגנס. אַן אומזיסטער קליִענט פֿון קלאַראַ איז נאָר דער פּאָליצײַ פּזשאָדאָווניק פֿון דעם ראַיאָן. דער פּאָרשטייער פֿון דער מאַכט פֿאַר ווען עס ציטערן די גאַסן־הענדלער, און די סטרוזשעס ציִען אונטער־טעניק די היטלען, פֿאַרגעסט ער ביי קלאַראַס בעטל אין זיין הויכן ראַנג, און אין זיין געזעצליך קאַטוילישע ווייב. דערפֿאַר זאָרגט ער אַז אַלע אָנקלאַגעס פֿון די צניעותדיקע יידישע ווייבער קעגן דעם זינד־הייזל זאָלן נישט דערגיין צו דער העכערער נאַטשאַלסטווע. אָט די ווייבער ווייסן דאָך נישט, אַז נישט אויף זיי, די אומגליקליכע איז די שאַנד, נאָר אויף די מלוכה־מענער און געזעץ־געבער. איבער זיי דאַרפֿט עס אַ פּאָך טאָן מיט אַ בעזעם וואָס זאָל אויסקערן, זיי צוזאַמען מיט זייער פֿאַרפֿוילטער מאָראַל, מיט אַלץ וואָס איז געמיין און פֿאַרדאָרבן.

די זינד־הייזלעך האָבן נישט נאָר אַ גרויסע קליִענטעלע נאָר אויך אַפּוטרופּסים. דאָס זענען די אונטערוועלט־העלדן, די זעלבע „שטאַרקע”, וואָס דינען די פּאַרטייען אין אַלע צווישנפּאַרטייאישע געשלעגן. דאָס זענען גנבים, מאַטשאָרניקעס און סתם „ווילדע יונגען”, וואָס האָבן פֿיינט די „יאָלדן” און „פֿאַרזשאַווערטע אינטעליגענטן”. זיי האָבן זייערע אייגענע געזעצן, דין־תורות, אייגענע שילן ווי זיי בעטן גאָט ער זאָל זיי העלפֿן אין אַלע טריפֿהנע פּרנסות. זיי ווייסן אויך נישט פֿון דער הייליקייט פֿון דער פֿאַמיליע. ביי זיי איז נישט קיין חטא צו זיין אַ שותּף צו אַ פֿרעמד ווייב, צו אַן אייגענער האָבן אַ צולאָג אַ „כּלה”, אַ נקבֿה צו פּרנסה. דאָס ווייב ווי די נקבֿה זענען זייִנס אַ פּריוואַט־אייגנטום, וואָס מען קען ווען מען וויל אויסלייען, פֿאַרקויפֿן אָדער פֿאַרשפּילן אין קאָרטן. אין שבתדיקע אָוונטן איז דער גרעסטער פֿאַרגעניגן פֿון דער אונטערוועלט זיך אַוועקצולאָזן אין יידישן טעאַטער. צוזאַמען מיט זייערע ווייבער און נקבֿות, קנאַקן זיי דאָ באַניקערן, און האָבן הנאה פֿון דער שפּיל. זיי קענען אָבער אין טעאַטער נישט פֿאַרליידן קיין עוולה, און אַז אויף דער סצענע פּייניקט אַ שלעכטע שטיף־מאַמע אַ יתומה, שפּרינגען זיי

אויף פון כעס און שרייען אַראָפּ פון דער גאַלעריע צו דער שטיף־מאַמען:

— אוב וועסט פייניקן די יתומה וועל יאָך דיר די זייטן אונטערהאַקן!

ס׳איז גאָר נישט מקנא צו זיין אַן אַרטיסט וואָס שפּילט עפּעס אַ ראָלע פון אַ גביר אַ חזיר, אָדער סתם אַן אויסוואורף. זידלען זיי אים אַראָפּ פון דער גאַלעריע, און אויב זיי דראָפּען אים נישט אויס די אויגן איז דאָס נאָר צו פאַרדאַנקען וואָס די סצענע איז ווייט פון דער גאַלעריע. צו זייער לויב דאַרף אָבער געזאָגט ווערן, אַז ווען אַ יידישע גאַס ווערט באַפאַלן פון פוילישע כוליגאַנעס, ווייזן זיי אַרויס זייער געטריישאַפט און גבורה. פאַרגעסט מען אין אַלע זייערע טונקעלע פּרנסות און מער רעדט וועגן זיי מיט שטאָלץ.

אין אַ קאַלטן כמורנעם שבת־נאָכמיטאָג קומט שׂמחה אין דעם זינד־הייזל אַרויסצונעמען אַ פּעקל אויפרופן. אין דער צייט זענען אין עלנטן שטיבל נישטאָ קיין קלי׳ענטן, ליגט קלאַראַ אויסגעצויגן אויף איר בעטל, רויכערט און שוויגט טרויעריק. זלאַטע לייגט צו קוילן צום ליימענעם אייוועלע און רעדט אָן אויפהער. אין דרויסן הייבט אָן גיין אַ דראָבנער און טריבער רעגן. איילט שׂמחה צו פאַרלאָזן דאָס זינד־שטיבל, אָבער די גוטע זלאַטע האַלט אים אָפּ און זאָגט:

— ווו איילסטו זיך יינגל? וועסט דאָך אויסגעווייקט ווערן. וואַרט דאָ איבער דעם רעגן און טרינק דערווייל מיט אונדז אַ גלאָז טיי, זיך אָנצוואַ־רעמען, אין דרויסן איז דאָך אַ הינטיש וועטער.

— איך איל זיך — שטאַמלט אויס שׂמחה.

אויב עס שמעקט אים נישט קיין טיי וועט די גוטע זלאַטע אים מכבד זיין מיט עפּעס בעסערס, אַבי נישט אַרויסצולאָזן אַ יינגל אויפן רעגן. נעמט זי אים אָן ביי דער האַנט און פירט אים צו קלאַראַס בעטל און זאָגט צו איר:

— וואַרעם אים גוט אָן קלאַראַ, נישט ווי פאַר געלט, נאָר מיטן גאַנצן האַרץ.

נעמט אים קלאַראַ אַרום מיט אַ קאַלטן שמייכל און וואַרעם לייב, און ער באַרוישט פון דעם לייב און פאַרפום, ווערט ביי אים צווישן יצר הרע און שאַנד פאַרגלושעט דער געדאַנק. ערשט נאָך דעם קומט דער ביטערער טעם פון חרטה. ווי קומט ער, וואָס לעכצט אַזוי צו טרינקען פון דעם ריינסטן קוואַל פון דער ליבע, צו באַשמוצן זיין געוויסן? שלייערט ער זיך מיט געוויסן־פּיין

אַרום אין די אָוונטן און שעמט זיך צו קוקן אין די היימיש מיידלישע אויגן. אויף דער גאַס גייט אַ רעגן, געמישט מיט שניי, די ערד בלאָטיק, אויף דער נשמה קאַלמוטנע. קומט אים גראָד אַנטקעגן אַנדזשעי, אַ באַטרונקענער, און גיסט פאַרסמטע רייד אין שמחהס געמיט. ער זאָגט:

— די היינטיקע געזעלשאַפט איז איין גרויסער בורדעל, ווי טייל פּרויען פאַרקויפן זיך אויף מינוטן, אַנדערע אויף סטאַביל. אַלע שיינע פראַזן וועגן ליבע זענען נאָר צו פאַרשלייערן דעם חיהשן אינסטינקט פון פּריה ורביה צום בלינדן געבאָט — באַפּרוכפּערט און פאַרמערט אייך. פון שמוציקסטן אָרגאַן פון דער פרוי קומט אַרויס דער וואָס קרוינט זיך מיט שטאָלץ — מענטש.

ווו קומט דער וואָס איז שיכור פאַרליבט אין עפּעס אַ באַטעמט יידיש ווייבל זאָל אַזוי ציניש רעדן וועגן ליבע. אפשר רעדט אין אים די אַנטוישונג אָדער די אייפערזוכט, ווייל זיין באַגערטע געהערט אַן אַנדערן? שיט זיך פון זיין מויל געשיכטעס פון געמיינקייט אין וועלכע עס באָדט זיך די הויכע פּוילישע געזעלשאַפט. אַ געשיכטע פון אַ באַרימטן דאָקטאָר צו וועמען עס קומען מיידן ער זאָל זיי באַפרייען פון דער פרוכט פון זינד, דאַמעס ער זאָל זיי היילן פון עקרות. זיי קומען נישט אַזוי צוליבן חשק צו געבוירן ווי צוליב זיין נאַטירלעכן הייל מעטאָד, נאָר די מיאוסע היילט ער מיט דער הילף פון מעדיצין. אַ צווייטע געשיכטע פון אַ דאַמע וועמען איר מאַן, אַ הויכער אָפיציר, שיקט איר אַהיים אַ יונג זעלנערל ער זאָל איר אויסקלאַפּן די דיוואַנעס, און זי נוצט אים אויס צו גאָר אַן אַנדער פאַרגעניגן. אָדער גאָר פון אַן אַנדערע דאַמע, וואָס כדי בקמה צו נעמען אין איר מאַנס געליבטע, נעמט זי אַריין אין שטוב אַ שיינע דינסט, טוט איר אָן זיידענע וועש און לאָזט איר האַלב נאַקעט אַרומגיין ביז זי טרעפט איר מאַן פאַראַטן זיין געליבטע מיט דער שיינער דינסט. ווייטער דערציילט ער וועגן אַ פריילין וואָס האָט פאַרגעניגן ווען זי זיצט אויף די קני פון איר חברטעס מאַן אַריינ־צורעדן צו זיין ווייב דורכן טעלעפאָן טרייבל און פרעגן:

— וואָס מאַכסטו סטאַשאַ, ביסט אַליין גאָר אין שטוב, און ווו איז דיין מאַן? דו זאָגסט אַז ער איז געשעפטליך פאַרנומען, ביסט אין דעם זיכער? אַ מאַן טאָר מען צו פיל נישט גלייבן...

— אַך, דו זאָלסט דאָס זאָגן, מאַרושאַ? דו ווייסט דאָך ווי מיין סטאַשעק איז מיר געטריי.

אין דער צייט צעקנעפּלט דער געטרייער סטאַשעק און אַנטבלויזט זיין ווייבס בעסטע חברטע.

אַ צווייט מאָל דערציילט אַנדזשעי וועגן עפּעס אַ פילאַנטראָפּישן באַל איינגעאָרדנט פון קאַטוילישע ווייבער.

— געווען דאָרט מלוכה־מענער, הויכע מיליטער־לייט, באַנקירן, אַדוואָ־קאַטן, רייכע פאַבריקאַנטן מיט זייערע ווייבער אָדער קעפּס־ווייבער. דער גרויסער סאַלאָן פון דער רייכער דירה אויף אַלייע־שוך האָט געבלענדעט מיט ליכט. די טישן מיט טייערן וויין, בראַנדעס, קאָניאַק, רום, ווודקע, וויסקי, מעד, און די פאַרשידנסטע גערויכערטע פליישן, געפּרעגלטע פיש און קאַוויאַר. עס האָט געבלישטשעט מיט גאָלדענע בראַנסעלעטן, בראָשקעס פון פערל, שמאַראַגאַד און סיגנעטן. דאַמעס אין זיידענע קליידער מיט טיפע דעקאָלטן האָבן געטאַנצט מיט גראָב בייכיקע הערן מיט ליסע קעפּ. איבערן זאַל האָט זיך געטראָגן אַ געמיש פון בראָנפן ריח, פּערפום און שוייס. ווען פאַרשיכורט פון טענץ און וויין ווערט פּלוצלונג פאַרלאָשן די ליכט און אַ פרעכער געלעכטער פאַרגלושעט אַ פּראָטעסט פון אַן עלטערע דאַמע. פאַרלעך מיט צערייצטע לייבער צעזייען זיך איבער זייטיק פינצטערע צי־מערלעך, אויף ווייך פלושענע פאָטעלן און קאַנאַפּעס. מיט איין פּאָרל איז אָבער געשעען אַ טראַגישע מיספאַרשטענדעניש, וואָס נאָכן ליכטיק ווערן האָט ער צו זיין גרויסער אַנטוישונג, אין דער דאַמע מיט וועלכער ער האָט אין דער פינצטער געזינדיקט, דערקענט זיין אייגן ווייב, און זי איר אייגענעם מאַן. אַן אַנדערע דאַמע האָט אָבער געהאַט דאָס מזל וואָס צו איר מאַן וואָס האָט זי נישט אָפּגעטרעטן, האָבן זיך צוגעשאַרט צוויי עלעגאַנטע אָפיצירן, גענומען טרינקען פאַר זיין געזונט און אים געגאָסן אַ גלעזל נאָך אַ גלעזל, ביז ווען ער האָט גענומען רופן — וואַנדאַ, וואַנדאַ! איז זיין וואַנדאַ שוין געלעגן ערגעץ מיטביידע אָפיצירן. נאָר עלטערע דאַמען און הערן האָבן אָנשטענדיק געשפּילט אין פּאָקער און געפּלוידערט. ביי אַ טישל האָט אַ הייזעריק קול געוואָרטשעט:

— אַ פוילן פון גלעזערנע דעכער חלומט זיך אייך פאַן דאָקטאָר, איר

פאַרגעסט אַז פּוילנס אומגליק זענען די יידן, מאַסאָנען און קאָמוניסטן.

— אין פּוילן — רופט זיך אָן אַ צווייטער — זענען דאָ דריי און אַ האַלבן מיליאָן איבריקע יידן. — די מיס פּאָלאַניע — שרייט אַ דריטער — האָט שיינע פיס און איז ווערט אַן עבירה.

אַ דאַמע מיט אַ גרויסן גוידער און גאָלדענע ציין, איז געווען אַ מאָל פּילאַנטראָפּיש אויפן געביט פון עראָטיק, היינט פרום און זאַמלט געלט פאַרן קלויסטער, האָט געקוקט ברוגזלעך אויף דער וואָדעוויל אַרטיסטקע, וועלכע איז געזעסן מיט אַ רייכן סוחר פון וועמענס געלט זי טוט זיך אָן אין טייערע קליידער, כאָטש זי טוט זיך גאָר אויס פאַר אַן אַנדערן. אַ ביסל שוין שיכור איז געזעסן אַ פּאָרל. זי האָט אויסגעזען ווי זיינס אַ טאָכטער, נאָר געווען ביי אים אַן עקסטרע צוגאָבע צו זיין געזעצלעך ווייב. ביי אַ באַזונדער טישל איז לעבן אַן אַלטן באַוווסטן ריכטער געזעסן אַ הויך עלעגאַנטע פרוי און מיט אים סודותדיק געשמועסט וועגן איינעם וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַ נישט אָנגענעמען פּראָצעס, פון וועלכן די דאַמע וויל דער ריכטער זאָל אים אַרויספּלאָנטערן. די דאָזיקע דאַמע איז מיט איר פאַרפירערישן שמייכל געלונגען צו באַרוישן דעם אַלטן ריכטערס פאַרגליווערטע שוין חושים, געמאַכט פאַרגעסן אין זיין בכבודיקן עלטער, הויכן אַמט, צו ריזיקירן זיין כבוד און ריכטער קאַריערע און רעכענען זיך מער מיט איר ווילן ווי מיט די געזעצן פון שטראָף־קאָדעקס. אין מיטן פון אָט דעם טרעסט פון אונטער־דריקונג און עליטע פון פּריווילעגירטער געמיינקייט וואָס רופט זיך — פּוילן, האָט די עלעגאַנטע דאַמע געשאַפן איר אייגענע נעץ, חוץ דעם חשובן ריכטער אַריינגעצויגן אַ באַרימטן פּראָקוראָר און אַ פּאָר פאַרמיטלער. געשאַפן אַן אינטערנעמונג צו ליקווידירן פּראָצעסן, פעלשן אַקטן, ענדערן אורטיילן, וואָס גיט דער עלעגאַנטער דאַמע די מעגליכקייט זיך צו באָדן אין געלט, שווילטאָג און זינדיקע פאַרגעניגנס, פון וועלכע עס געניסן אויך אירע שותפים, פּראָקוראָר און אַדוואָקאַטן. דעם אַלטן ריכטער שענקט זי בלויז די רעכט צו קושן אירע לאַנגע פיס, וואָס טרעטן הפקרדיק איבער דער פּוילישער גערעכטיקייט, אָבער נישט העכער פון דעם זאָקן בענדל, די גרענעץ וואָס נאָר אַנדערע קענען פריי איבערטרעטן. ווייבערישע רכילות דערציילן אַז דער ריכטער האָט אויך די באַזונדערע פּריווילעגיע צו קושן

מיט זיין מויל אָן ציין אין דער אונטערפּלייצע פון דער עלעגאַנטער דאַמע.

— און איך, זעצט פּאַר אנדזשעי — דריי זיך אַרום אין אַט דער פּאַס־קודנער וועלט פון געמיינקייט און אַלקאָהאָליזם און נאַר די שיכּרות גיט מיר די רעכט אומבאַשטראָפט צו וואַרפן דעם ביטערן אמת אין דער ראַסע פון פאַרדאַרבענע הערשער און זייערע פאַרטעמפּטע שקלאַפן. אַט דאָס איז מיין קליינע ראָלע אויף דער בימה וואָס מען רופט — לעבן.

נישט זעלטן לאָזט זיך שמחה אַוועק צו די רייכע פּוילישע גאַסן, ווי עס לעבן די באַנקירן, הויכע מיליטער־לייט און מלוכה־מענער, וואָס פּוסט און פּאַסעווען, טרינקען וואָדקע, שפּילן אין קאָרטן און זינקען אין חובות, פּאָליטיקער און פּאַרטיי־לייט וואָס העצן צו עקצעסן און פּאָגראָמען אויף יידן, ווען אין פּוילישן סיים רופט די דעפּוטאַטין מאַדאַם פּריסטאָראָווע, צו אַ הומאַניטאַרע שחיטה איבער קעלבער און אָקסן. אין די אָוונט זענען די רייכע גאַסן העל באַלויכטן פון גאַז־לאַמטערן און קאָלירטע ליכט־רעקלאַמעס. די שוי־פענצטער פון די געשעפטן מיט ביזשוטעריע, פוטערס, אויסלענדישן קאָניאַק, זייַדענע פּרויען וועש און חזיר ווורשטן. פון די קאַפעען טראָגט זיך דער ריח פון קוכנס און דער ניגון פון לעצטן שלאַגער.

כ׳האָב מורא צו שלאָפן אַליין, כ׳ווייס נישט פאַר וואָס.

ביים קלויסטער „דריי קרייצן״ בעט אַ זקנה נדבות. עס שפּאַנען דורך בייכיקע הערן, געאָרעמטע פּאָרלעך, אַ דאַמע מיט אַ ברייטן הינטן און די נאָז פאַרריסן, עס לויפן אָפּגעריסענע יינגלעך מיט צייטונגען אין די הענט און שרייען:

— „לעצטע נייעס״, אַ באַנדיטן אָנפאַל און אַ מאָרד, אַן „אָוונט קוריער״!

אַ צווייט מאָל לאָזט ער זיך צו דער אַלט־שטאָט. צווישן היסטאָרישן זשאַווער, שימל און מעלאַנכאָליע, לויפן דאָ אַרום אויסגעפּאַשעטע שטשורעס. איבער דער ווייסל פאַרגייט די זון און זעט אויס ווי אַ קופּערנער קופּאָל פון אַ פּראַוואָסלאַוונער צערקווע. אויף די קרומע געסלעך פאַרמאַכט מען שוין די קליימן. אַ זקן צינד די גאַז־לאַמטערן וועלכע וואַרפן אַ טרויעריקן ליכט אויף די קעפּ פון די אָפּגעבלאַקירטע שטיינערנע פיגורן פון פּוילישע ריטערס מיט גרויסע בערד, אָנגעטאָן אין פּאַנצערס, צאַרטע פּוילישע קע־

ניגינס מיט קרוינען אויף די קעפּ. פון די באַהעלטענישן קריכן שוין אַרויס די גאַסן־פּרויען. אַ שיכור וואַקלט זיך און רעדט צו זיך אַליין — גענוג דיר זינדיקער, גיי אַהיים צו ווייב און קינדער. מידע קערן זיך אַרבעטער צוריק פון די פאַבריקן. אויף אַ הויף פון די ריבאַקעס טריקענען זיך פישער־נעצן און ווייבערישע מייטקעס. ביי אַ פענצטער פאַרוויגט אַ מאַמע אַ קראַנק קינד. אַ צווייטע וואַשט פרעמדע וועש און זידלט איר שכנטע:

— געפונען אַ פּרנסה די מענער די קעפּ צו פאַרדרייען און אויסליידיקן זייערע קעשענעס.

— כ'וועל דאָך דיין מאַן נישט אויפעסן, עס וועט פאַר דיר אויך עפּעס בלייבן — פּאַלט אַן ענטפער.

אויף אָט די קרומע געסלעך לעבט דאָ דער פוילישער פּראָלעטאַריאַט — דער שמידער פון נייעם מאָרגן — ווי עס דעקלאַמירן די פּאָעטן און פּאַרטיי־אַגיטאַטאָרן; דאָ וואַלגערן זיך די וועלט־באַפרייער — שיכורע אין די קנייפּעס. ציט טאַקע שמחהן צוריק צו די היימישע יידישע גאַסן, צו די יאַטן מיט גרויסע טשופּרינעס און רייכע חלומות. צו די חניקע געטרייע מיידלעך, מיט העל צעפלאַמטע האָפענונגען און גלויבנס.

ברענגען די צייטונגען די גרוסן פון לאַנד ווו ס'לעשט זיך און גוסט אַ גרויסע האָפענונג פון אמתער פרייהייט, דאָרט ווי מען האָט אַ מאָל געברענט זייערע עלטער זיידעס אויף שייטערהויפנס פון דער אינקוויזיציע, קעמפן די אייניקלעך פאַר אַ פריי שפּאַניע. אין דעם זוניקן לאַנד פון ליבע־סערענאַדעס טרעפט מען יידן אין אַלע אָפּטיילונגען פון דער אינטער־נאַציאָנאַלער בריגאַדע. מיט זייער בלוט טרינקען זיי אָן די שטילע שיינע פּייזאַזשן. זיי קעמפן אויך אונטער דער אייגענער פאָן פון דער „באָטווין" אָפּטיילונג אונטער סערדיענטע, אויף די הויכקייטן פון סיערע פענטאילאַס, אויף די פראָנטן פון אַראַגאָן, לעבן טייך עבראָ. איבער די שטעט און שטעט־לעך פאַרזייט מיט מיטלאַלטערליכע קלויסטערס, פול מיט פעטע גלחים. דורך איבערגלויבנס אין פעלקער שינאה טראָגט די יידישע יוגנט אַנטקעגן דער וועלט איר סאַלוט. דאָס זענען נישט זיי שולדיק וואָס די סאָציאַליסטישע „רעאַל־פּאָליטיקער" מיט זייער נייטראַליטעט, שטעקן אַריין אַ מעסער אין רוקן פון דער שפּאַנישער רעפּובליק. נישט זיי זענען שולדיק, וואָס סטאַלין

שיקט מער ברודער־שינאה ווי האַרמאַטן, וואָס ברענגט מער שאָדן דעם שפּאַנישן פאָלק ווי די שראַפּנעלן פון פראַנקאָס האַרמאַטן. איצט שרייען אַראָפּ מיט צער די נעמען פון די וואָס זענען געקומען העלפן דעם שפּאַנישן פאָלק, פון די שוואַרצע נעקראָלאָגן פון יידישע צייטונגען. דאָרט אונטער די בלויע הימלען פון פאַרכישופטן לאַנד פון ליבע סערענאַדעס, ווערט צעטראָטן דער חלום פון פרייהייט דורך היטלערס און מוסאָליניס טאַנקן, וואָס מאַכן דאָרט זייערע רעפּעטיציעס צו אַ נאָך מער בלוטיקן ספּעקטאַקל.

כאָטש ס'איז שוין ענדע פעברואַר דאָך ברענט נאָך דער פראָסט. דורך די מיט אייז באַצויגענע שויבן רייסט זיך אַריין די לבנה שיין. די קעלט לאָזט שמחהן נישט שלאָפן, פּרווט ער לייענען. קריכן אים די ווערטער ווי שפּינען אויף דער נשמה. פאַרלעשט ער דאָס פאַרקאָפּטשעטע נאַפט־לעמפּל און עס טויכט פאַר אים אויף אין דער פינצטער דאָס שטעטל פון אַלטע זיידעס מיט זילבערנע בערד, באָבעס וואָס טראָגן זייערע קופּקעס ווי קרוינען אויף די קעפּ. אויף זייערע צעקנייטשטע פּנימער ליגן אויסגעגאָסן דער עקשנות געהייליקטע ביי שבת־ליכט פון דורות קידוש־בעכער. פון ווייבערישע טרערן פאַרגאָסענע איבער דער צאנה וראנה, נעבן די אַלטע שבתדיקייט גייט אויף דער נייער דור מיט צעפלאַמטע און צעשטראַלטע חלומות, מיטן זעלבן עקשנות פון זייערע זיידעס קומען די אייניקלעך מיט נייע משיחישע וויזיעס. אָבער אויך איבער זייער חלום שאַרפן די נייע כמיעלניצקיס זייערע מעסערס.

צעשמייכלט זיך דער ערב־פרילינג, ווערן בלאָטיק די יידישע גאַסן און דער קראַשינסקי גאָרטן ווערט פול פון יידישע מאַמעס מיט קינדער. אין אַ זייטיקער אַלייע זיצן די אַרבעטסלאָזע יאַטן מיט ליידיקע מאָגנס און מיט זאָרג פאַר דער שפּאַנישער פרייהייט, פאַרן גורל פון כינעזישער רעוואָלוציע, אָדער דערשיטערט גאָר פון דעם דערשיסן די אַלטע באָלשעוויקעס אין מאָסקווע. דעם הונגער לעשט מען קוים מיט אַ צוויי גראָשיקן בייגל, עס לאָזט זיך אָבער נישט פאַרדייען דער גרויל פון די מאָסקווער פּראָצעסן. אָט די גרויסע טראַגעדיע פון די וואָס האָבן געמאַכט די רעוואָלוציע און ווערן דורך איר אומגעבראַכט. פאַלן טאַקע ווערטער ווי צעגליטע פונקען, זאָגט גאָדל:

— די סטאַליניסטישע ביוראָקראַטיע וויל אָפּווישן יעדע אָפּאָזיציע, יעדע קריטיק, צו קענען מיט זייער אונטערדריקונג־אַפּאַראַט אַרויסרייסן בלעטער, פּעלשן שטיקער פון דער געשיכטע, ליקווידירן יעדן וואָס איז זיי נישט באַקוועם. זיי זאָגן זיך נישט אָפּ פון קיין שום געמיינקייט אייגצוהאַלטן די מאַכט אין די הענט פון זייער קליקע.

— די פאַרברעכער מוז מען אויסראָטן — ענטפערט קאַראָל מיט כעס — מען מוז אויסקערן מיט אַ שטאָלענעם בעזעם פון דער סאָציאַליסטישער גערעכטיקייט אַלע פיינט פון פאָלק און סאַבאָטאַזשניקעס.

אין מיטן הייסן ווערטער־געפעכט צווישן די סטאַליניסטן און טראָצ־קיסטן נעמט דער געלער איציק אַרויס די פייקע פון מויל און זאָגט געלאַסן:

— כביכן זיכער אַז ווען טראָצקי וואָלט געווען ביי דער מאַכט וואָלט ער נישט געהאַנדלט בעסער פאַר סטאַלינען. האָט דען נישט ער דערשטיקט אין בלוט דעם אויפשטאַנד פון די קראָנשטאַטער מאַטראָזן? יעדע הערשאַפט איז דער נצחון איבער די שוואַכע. יעדער זיגער וואַרפט פון זיך שנעל אַראָפּ די מאַסקע און ווייזט זיין פּנים פון טאָטאַלער אוממענטשלעכקייט. יעדע נייע מאַכט פאַרסמט די מוחות פון די ביי וועמען זי רויבן צו די פרייהייט. די באָלשעוויקעס פאַרזיסן בלויז זייערע געמיינקייטן מיט ציטאַטן פון מאַרקס און לענין.

אויף יענער זייט גאַרטן, אין די הורט געשעפטן פון דער נאַלעווקעס, פאַרקויפט מען נישט קיין אידעאַלן, נאָר אויף דער בערזע פון אַרבעטסלאָזע רייסט מען זיך אַרום, ווי אַזוי איבערצואַנדערשן די וועלט, מאַכן זי בעסער. אָבער אויך זיי טראָגן אַ שׂנאה צו יעדן וואָס טראַכט אַנדערש, ווען אויף זיי, די יידישע בחורים לויערן די שפּיצלעס מיט זיי אָנצופילן די פּוילישע טורמעס. נאָר דערווייל וואַרפט זיי דער געלער איציק די ביטערע רייד פון אַן אַנאַרכיסט:

— היינט ווערט איר דאָ געררודפט, פאַרשפּאַרט אין טורמעס, ווען איר וועט אָבער אַמאָל דעראָבערן די מאַכט וועט איר אַנדערע רודפן און אַנדערע פאַרשפּאַרן אין אייערע סאָציאַליסטישע טורמעס.

איז אויך שׂמחה נישט שטאַרק באַגייסטערט פון די פּאַרטייען, — זיי גייען, דוכט זיך — אין צו ענגע שיך, אויף צו שמאָלע וועגן. זיי ליקווידירן

פּריווילעגיעס אויפצושטעלן נייע. אַ פאַרזונקענער אין מחשבות פרעגט ער זיך — וואָס איז לעבן? אפשר איז עס אַ גאַנג פון טעג און חדשים נאָך אַ פלעמל וואָס פינקט פאַרפירעריש אין דער פינצטער? ווען דאָס פלעמל ווערט פאַר וועמען פאַרלאָשן, רייסן זיך נאָך אַלץ אַנדערע צו איר ליכט. אַזוי שפּאַנען מענטשן, פעלקער און דורות אויף זייער אייביקן וועג צו אַ פלעמל צו וועלכן זיי וועלן אפשר קיינמאָל נישט דערגרייכן.

גייענדיק אין גאַס נעמט שׂמחהן גריזשען דער הונגער, לאָקט אים דער געשמאַקער ריח אַריין אין אַ וווּרשט־געשעפט אויף קאַרמעליצקע. ער פאַרמאָגט שוין אַ פּאָר אייגן פאַרדינטע גראָשנס, קייעט ער מיט אַפּעטיט דעם וווּרשט און זיינע אויגן כאַפּן אויף אַ שטילע דראַמע וואָס שפּילט זיך אָפּ פאַר זיינע אויגן אונטערן בופעט.

די פאַרקויפערין — אַ געזונטע געלע מויד, גריזשעט שטיקער וווּרשט און אויף איר פּנים צעשמעלצט זיך אַ ברייטער שמייכל, ווען די הענט פון בעל־בית רייסן זיך צו איר ווייכקייט אונטער די פּלייצעס פון זיין ווייב, וואָס זיצט ווי אַן איבעריקע ביי דער קאַסע, ציילט געלט און חשבונט. איז ווער ווייסט וועמען איז דאָס נויטיק די פאַמיליע־אינסטיטוציע, אפשר נאָר צו פאַרמיאוסן זיך קעגנזייטיק דאָס לעבן? געשטילט אַ ביסל דעם הונגער, שפּאַנט שׂמחה אַריין אין דער לעשנאָ, די בערזע פון דער צעבונטעוועטער יידישער יוגנט, פון פאַרליבטע פּאָרלעך, פּאָעטן מיט אויסגעטראָטענע אָפּצאַסן, די גאַס פון זיסע מיידלישע ליפּן און אויגן וואָס רעדן אין אַ גליִענדיקן שטומען לשון. דאָ שפּאַנען לעבעדיקע ראָמאַנען און בעטן מען זאָל זיי פאַראייביקן. דער חשק צו שרייבן פירט עס שׂמחהן אַריין אין ליטעראַטן פאַראיין, די פעסטונג פון יידישן לשון, די באַליידיקטע שפּראַך פון יידישן פאָלק, פון וועלכע עס חוזקט דער פּוילישער כוליגאַן און דער פאַריסענער יידישער גדלן, די אַנגעבלאָזענע יידישע דאַמע מיט פאַרשנורעוועטע ליפּלעך. אין אָט דער נעסט פון געשריבענעם יידישן וואָרט וואַרפט זיך גלייך אין די אויגן אַ הויכער דאַרער מאַן וואָס נעמט נישט אַרויס די לולקע פון מויל. זיינע ליִרישע לידער ווערן געזונגען פון סענטימענטאַלע פאַרליבטע מיידלעך, ווען פון זיין לולקע טראָגט זיך דער רויך און בענקשאַפט צו זיין אייגן ווייב, אַן אַרטיסטקע וואָס בייט נישט נאָר די

ראַלן אויף דער בינע, נאָר אים דעם פּאָעט פּאַרטוישט אויף אַ פּאַרטיי פּאָלי־טיקער. אין אַ ווינקל פון גרויסן זאַל דרעמלט אַ קליין מיזערנע פּאַרשוינדל, אַנטלאָפן אַהער פון זיין פּרנסה דאגות און פאַר זיין ווייבס שאַרף און ביטער צינגל, דאָ צו שרייבן זיין צאַרטע פאַרדרעמלטע לידער. פון באַלקאָן קוקן צו דער רוישיקער גאַס די אומרואיקע אויגן פון אַ ברוגזן נביא, וואָס וואַרפט דער וועלט ביטערע שטראָף פערזן. פון אַ צווייט פּנים שמייכלט שעלמיש אַראָפּ דער שפּאַס, דער האָט פאַרקויפט זיין פעדער צו אַ פּאַרטייאיי־שער צייטונג און זיין קאָפּ וואַרט איצט אויף אַ לאָבער־קראַנץ פאַר זיינע גלעטנדיקע פּאַרזיסטע סטראָפעס מיט וועלכע ער וויל זיך וואָלוול איינקויפן אומשטערבליכקייט. אָט רייסט זיך אַריין ווי אַ שטורעם איינער מיט אַ צעכלאַסטעטן מאַנטל, עפּעס נישט אויף זיין מאָס, פונקט ווי עס קליידט אים נישט צו זיין בירגערליך בייכל און אינטעליגענטישע ברילן, צו זיין דער שטורעם־אַנזאָגער פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. אין אַ זייט לייענט אַ פּאָעט מיט צעשויבערטע האָר פאַר עמיצן זיינע צעשויבערטע לידער, און ביים בופעט עסט מיט גרויס אַפּעטיט אַ הומאָריסט מיט אַ וויינענדיק פּנים, וועמענס פאַך איז צו קיצלען יידן אין די פּיאַטעס זיי זאָלן לאַכן, פאַר וואָס ער לאָזט זיך גוט באַצאָלן. נעבן אים זיצט אַ הויכער מיט אַ פּנים פון אַ קצב, וואָס האַלט זיך פאַרן גאַנצן בעל־הבית פון דער יידישער קולטור. עס זיצט אויך אַ ברייטער מאַיעסטעטישער מאַן מיט אַ באָרד, וואָס קען קולבאַקן נישט מוחל זיין די ווערטער פון זיין פּאָעמע — „לאָמיר גיין, לאָמיר גיין, לאָמיר דאָ לאָזן די שוואַכע״, און ער פרעגט פול מיט רחמנות — וואָס וועט מען מאַכן מיט די שוואַכע? אין אַ זייט שמועסן צווישן זיך צוויי גאַליציאַנער, איינער וואָס האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן שרייבן אַ ראָמאַן, און דערוויל אַליין זיך פאַרפלאָנטערט אין אַ שונד־ראָמאַן מיט עמיצנס אַ ווייבל, און אויב דער אַנטלויפט פון אַ געשריבענעם צו אַ לעבעדיקן ראָמאַן, וויל גאָר דער צווייטער אַנטלויפן פון דערווירקלעכקייט וואָס האָט אים אָפּגענאַרט, וואָס איז פול מיט דורכפאַלן. אויב ער קען נישט קאָרעגירן פון לעבן, גאָר נישט אויסמעקן, נישט צושרייבן, קען ער דאָס דערפאַר טאָן אויפן פּאַפּיר. קען ביים שרייבן דערגרייכן די גרעסטע דערפאָלגן, פאַרמאָגן די שענסטע פרויען, אפילו די וואָס האָט אים אָפּגעשטויסן קען ער אין זיין

ראָמאַן איר געלאָסן אויסטאָן, אויסצי̇ען אויף זיין בעטל. וואָס קען מען מיט דער פעדער אַלץ נישט דערגרייכן? איז אפשר גוט צו זיין אַ שרייבער, שאַפן זיך אַ העלד אָדער עטליכע און ווי אין אַ ליאַלקע צירק טוען מיט די העלדן וואָס נאָר עס גלוסט זיך, זיין איבער זיי דער איינציקער באַלעבאָס, דערלויבן זיך צו פאַרפלאָנטערן אין טראַגישע ליבעס, באַפעלן זיי זיך פרייען און ליידן. ער קען הרגענען זיין העלד אין מיטן אָדער גאָר אין סוף פון זיין ראָמאַן, ער קען אויך אויף אים רחמנות האָבן און לאָזן שטאַרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט. ער קען זיין העלד מאַכן פאַר אַ גאָט־זוכער אָדער לעסטיקער, פאַר אַ צדיק אָדער אַ זינדיקער. אפשר דערפאַר זענען דאָ אַזוי פיל שרייבער און אַזוי פיל ביכער?

קומען זיי טאַקע אַהער פון פראָווינצער שטעט, פון אַלע עקן פוילן מיט הונגעריקע מאָגנס און פולע קעשענעס מיט לידער און דערציילונגען, טייל מיטן חלום וועגן רום און האָבן טענות צו וועלט וואָס וויל נישט אָנערקענען זייער געניאַלקייט. אַנדערע קומען מיט שעפערישע ענערגיע, מיט רייכע געדאַנקען. באַשיידענע מיט לירישע געזאַנגען, פאַרמשפּטע צו טראָגן דאָס באַליידיקטע יידישע וואָרט אין מיטן פון אַ נישט זיכערן יידישן גורל.

פון איינע פון די טישלעך דערטראָגן זיך צו שמחהן אַ פּאָר זאַצן פון אַ שמועס. איינער זאָגט:

— פרילינג, ליבע, פרויען, זענען שוין אָפּגעלעבטע טעמעס, צו וואָס די אַנעמישע דערציילונגען מיט שלאַבעריקע העלדן, וואָס געגעצן צו דער לבנה און זינגען ליבע־סערענאַדעס צו אַלטע בתולות. איר וואָס רופט צו ריינע קונסט, זייט וויסן אַז די העכסטע פון אַלע מוזעס איז די קונסט פון לעבן.

— מיר נויטיקן זיך — זאָגט אַ צווייטער — אין אַ ליטעראַטור וואָס זאָל וועקן אַ ליידנשאַפטליכן אינטערעס צו אַלע פּראָבלעמען פון לעבן. אויסברייטערן די האָריזאָנטן פון אונדזער טראַכטן, מיט דרייסטקייט פון געדאַנקען. גוטע ליטעראַטור איז די וואָס דינט דעם מענטש און העלפט אים אין זיין געראַנגל פאַר אַ בעסער און שענער לעבן. אַ שרייבער דאַרף האָבן אַן אָפן אויג, אַ שאַרפע צונג און אַ וואַרעם האַרץ.

ביי אַן אַנדער טיש פירן צוויי נישט יונגע אַרטיסטקעס אַ גאָר אַנדערן שמועס, און איינע זאָגט צו דער צווייטער:

— די מענער זענען צו עגאָיסטיש און ווילן זייער ווייב נאָר פֿאַר זיך אַליין. אַן אַרטיסטקע איז אָבער נישט קיין פּשוטע יענטע און האָט אירע פֿליכטן אויך צו אַנדערע מענער, דאַרף זיין אין גוטע באַציאונגען מיט צייטונגס־שרייבער, מיטן טעאַטער דירעקטאָר און נויטיקט זיך נישט זעלטן אין שטאַרקע איבערלעבונגען.

אָפּגעזונדערט זיצן דריי פּירער פֿון פֿאַרשידענע פּאַרטייען. פּאַרטאָן אין אַ פֿריינטליכן שמועס, כאָטש זייערע פּאַרטייען זענען איינע צו דער צווייטער גאָר נישט פֿריינטליך, זידלען און באַשמוצן זיך קעגנזייטיק. יעדע פֿון זיי האָט דאָך אַן אַנדערן וועג. די פּאַרטיי פֿון דעם מיט דער גרויסער באָרד, איז פֿאַרליבט אין ציון, און פּירט אַ פֿלירט מיטן קאָמוניזם. אויך ער, דער פּירער, האָט אַ ברייט האַרץ, און חוץ אַ פֿרוי פֿאַרמאָגט ער אויך אַ געליבטע. דעם אַנדערנס פּאַרטיי שענקט דעם הונגעריקן יידישן פּראָ־לעטאַריאַט אַ יידיש וועלטליכע קולטור און אַ דעליקאַטן סאָציאַליזם, און ער דער פּירער האָט עלעגאַנט אַריסטאָקראַטישע מאַניערן. דעם דריטנס פּאַרטיי איז אַמאָל רייך געווען מיט פּירער, וואָס האָבן געזוכט אויף דעם גלאָבוס אַ טעריטאָריע פֿאַרן צעשפּרייטן פֿאָלק און אַליין זיך געהאַלטן אין איין פֿאַראייניקן און שפּאַלטן אויף אַלע טעריטאָריעס פֿון דער צעשפּרייטקייט. נאָר ער דער פּירער איז געבליבן געטריי דער נאָך נישט געפֿונענער טעריטאָריע צוזאַמען מיט אַלע שיינע אידעאַלן פֿון פֿרייהייט, דעמאָקראַ־טישקייט און טאָלעראַנץ, ער האָט בלויז נישט פֿאַרטראָגן קיין צווייטנס מיינונג, מיט קיינעם זיך נישט געוואָלט טיילן מיט דער פּירערשאַפֿט, איז טאַקע פֿון זיין פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי חוץ אים מיט זיין ווייב געבליבן בלויז אַן אַלטער קרעמער, אַ נאַכט וועכטער און אַ קצב, וואָס אַפּלאָדירן די שיינע רייד פֿון זייער קלוגן פּירער.

די דריי פּאַרטיי פּירער קומען נאָר וואָס פֿון אַ קאָנפֿערענץ ביים וואַר־שעווער רעגירונגס־קאָמיסאַר. נאָכדעם ווי דער האָט פֿאַר די יידישע סאָ־ציאַליסטן באַשטימט צו דעמאָנסטרירן נאָר אויף די יידישע גאַסן, האָט ער פֿאַר די פּירער דעמאָנסטרירט זיינע אייגענע איראָפּעיִשע מאַניערן, און פֿאַרן געזעגנען זיך צו זיי געזאָגט:

— דערלויבט איצט אייך צו זאָגן אַ פּאָר פּריוואַטע ווערטער נישט

ווי קיין מלוכה־מאַן, נאָר ווי אַ געוויינלעכער פּאָלאַק: איך בין קיין מאָל נישט קראַנק געווען אויף דער אַנטיסעמיטישער קרענק און האָב צווישן מיינע פריינד אויך אַ פּאָר יידן. אַלס רעגירונגס־קאָמיסאַר באַקעמף איך שטרענג יעדן ברוטאַלן אַרויסטריט קעגן יידן. דאָך מוז איך אייך אַלס יידישע לידערס פרעגן: פאַר וואָס געפינען זיך צווישן יידן אַזוי פיל קאָמוניסטן. מיט וועלכע רעכט נעמען דאָס יידן זיך אַנצוואַרפן דעם פּוילישן פאָלק אַן אידעאָלאָגיע וואָס איז גאָר נישט אין זיין גייסט און פרעמד צו זיין טראַדיציע. צו וואָלט נישט געווען קלוגער און נוצלעכער די יידן זאָלן זיך פאַרנעמען מיט אייגענע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, ווי וועלן אָנוואַרפן דעם פּוילישן פאָלק דעם באָלשעוויסטישן רעזשים פון די מאָסקאָלעס?

שמחה טרעפט מער נישט אויף דער לעשנאָ זיין חבר פון שטעטל לייבישן. נאָך דעם ווי ער איז הויך געשטיגן אויף דעם פּאַרטיי־לייטער פון די יוגנט אינסטאַנצן אין יידישן מוראַנאָווער ראַיאָן, האָט לייבישן זיין רעוואָלוציאָנערע אַמביציע געטריבן איבערצולאָזן די יידיש שפּרודלדיקע גאַסן מיט אירע שניידער און שוסטער און אַוועק צו די פרעמדע פּוילישע גאַסן, מיט אירע גרויסע פאַבריקן, צו דינען דעם פּוילישן פּראָלעטאַריאַט. ער פאַרמאָגט אַ גרויסן טאַלאַנט זיך שנעל צופּאַסן צו יעדער סביבה. וואַרפט ער פון זיך גיך אַראָפּ זיין יידיש פּנים, יידישע שפּראַך, פאַרגעסן זיין שטעטל. ער טרעפט וואָס אַן אמת אין די פּאַרטיי קאָמערלעך פון פּוילישן מאָקאָטאָווער ראַיאָן נישט קיין אמתע פּוילישע פּראָלעטאַריער, נאָר אַסי־מילירטע יידישע סטודענטן, רייכע זינדלעך מיט יידישע נעז, וואָס האָבן פאַרביטן זייערע יידישע נעמען אויף פּוילישע. כאָטש קיין מאָל נישט פאַרזוכט דעם טעם פון אַרבעט, פּראָקלאַמירן זיי זיך פאַר דעם אַוואַנגאַרד פון פּוילישן פּראָלעטאַריאַט. אָט די יידישע אינטעליגענטן זענען ווייניק דערשיטערט וואָס מען האָט דאָרט אין מאָסקווע דערשאָסן די וויכטיקסטע פירער פון דער פּויליש קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אַלס פּאַרעטער, שפּיאָנען פון דער פּוילישער דעפענסיווע, דייטשישע „געסטאַפּאָ", אָדער יאַפּאַנישן געהיים דינסט. אויך דאָס פונאַנדערלאָזן דורכן קאָמינטערן די פּויליש קאָמו־ניסטישע פּאַרטיי שטערט זיי נישט ווידער אויפצוהאַלטן לינק סטודענטישע קרייזן, צו פירן קאָמוניסטישע אַגיטאַציע און אַרויסגעבן האַלב ליטעראַרישע

זשורנאַלן. צווישן לייבישינס, אָדער ווי ער רופט זיך שוין איצט, באָלעקס ביי חברים איז אים אַמגאָענטסטן מיטעק, וועמענס רייכער טאַטע האָט פיינט גלות יידן און די גלות שפּראַך, גייט אין יום כיפּור אין דער סינאַגאָגע הערן כל נדרי, דערנאָך עסט ער חזיר וווּרשט או שענקט אַ פּאָר זלאָטעס פּאָר קרן קיימת. זיין אַנדערער חבר — זענעק, האָט גאָר ווייניק שאַנסן אַלס ייד צו באַקומען אַרבעט ביי זיין אַרכיטעקטור וואָס ער לערנט, ער האָפט אָבער אַז די צוקונפטיקע פּוילישע ראַטן־מאַכט וועט זיך נויטיקן אין אַ מיניסטער פאַר בוי־וועזן. דער דריטער איז וויקטאָר, מיט אַ לאַנגער יידישער נאָז, וואָס האַלט זיך אָבער פאַר אַן אמתן פּאָלאַק און לעבט מיט מנחם מענדלישע חלומות, אַז אָט, אָט ברעכט אויס אין פּוילן די סאָציאַלע רעוואָ־לוציע, און ער ווי אַ פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציאָנער וועט נקמה נעמען און אויסשיסן אַלע שונאים, פאַרעטער, אָפּאָרטוניסטן און צווייפלער.

אין אָט דעם מאָקאָטאָווער קרייז טרעפט באָלעק זאָשקען. אַוודאי קען ער זיך נישט פאַרליבן אין אָט דער מיאוסער אַלטע פריילין מיט דעם סטודענ־טישן היטל פון דעם פּאָליטעכניקום. ער האָט נאָך נישט פאַרגעסן די באַטעמטע זיסל פון דער וואָלינסקע גאַס, אָבער יענע איז צו אים געווען גלייכגילטיק ווען זאָשקע וואַרפט אים אָן איר געטריישאַפט. דערצו איז זי די טאָכטער פון אַ געוועזענער שניט סוחר, וואָס כדי אָנצוקומען אין דעם פּאָלי־טעכניקום, האָט זיך געלאָזט באַשפּריצן מיט הייליק וואַסער, אַ גאָר וויכטיקע טוערן געווען אין וואַרשעווער קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער יוגנט, ווען זיסל איז נישט מער ווי אַ קליינבירגערלעך מיידל מיט זיסע ליפּן. אויך זאָשקע האָט געחלומט פון אַן אַנדערן, אַן אמתן פּאָלאַק, זי מוז זיך אָבער באַגנוגענען צו פּלאַנצן אין דעם קליינשטעטלדיקן לייבישן אַ ריינעם פּוילישן אַקצענט אין די אַמביציע צו ווערן אַ פירער פון פּוילישן פּראָלעטאַריאַט.

ווערט זיין נעכטיקער חבר לייביש פאַר שמחהן אַלץ פרעמדער און ער קומט ווייטער אויף דער לעשנאָ צווישן פאַרשיכורטע פון פאַרשידענע גלויבנס צו זוכן מיט די אויגן גאָלדעלען.

3.

גאָלדעלע קען זיך נישט גלייכן צו אירע גימנאַזיע חברטעס וואָס לערנען כדי צופרידנשטעלן די אַמביציעס פון זייערע פאַרמעגלעכע מאַמעס, אויך נישט צו די וועמענס אָרעמע עלטערן טוען אַלץ צו לערנען זייערע גערהאַטענע טעכטער. גאָלדעלען אָבער האַלט אויס אַ מומע, און די בעסטע מומע איז דאָך נישט קיין מאַמע. דערפאַר איז גאָלדעלע ווייניקער קאַפּריזנע פון אירע חברטעס, ערנסטער. אויך זיי איז יעדע אַנדערש מיט איר חן, שמייכל, פעיִקייט און טעמפּעראַמענט, ווי אַנדערש עס איז יעדנס האַנט־שריפט. טעמע האָט אַ לאַלקע פּנים און איז פויל צום לערנען. זי איז אָבער גאָר ני שטפויל אין געהיים זיך צו טרעפן מיט אַ שילער פון „פינקל׳ס" גימנאַזיע. אסתר איז אויך פאַרליבט, אָבער אין לידער און בלומען. נאָר די טעמפּע סימע חוזקט פון אירע לידער און שפעט נאָך סלאָוואַצקיס „ס׳איז מיר אומעטיק גאָט", איר איז גאָר נישט אומעטיק און זי מיינט אַז אַ מיידל מעג ווייניקער קענען מאַטעמאַטיק און מער געפעלן. די זויבערע פריידקע מיט אירע קינדיש נאַיִוו פּנים שרייבט אין געהיים לידער וועגן טעם פון ייִנגלישע ליפּן, אָבער נאָר די געזונטע דיקליכע דבורה וואָס וואַרפט אָן אויפהער איר צאָפּ פון ברוסט אויף די פּלייצעס האָט שוין פאַרזוכט נישט איין קוש פון איר סטודענט, און דערציילט דאָס יעדן ווי אַ גרויסן סוד. פאַניע איז אפשר על פּי טעות געבוירן געוואָרן אַ מיידל, זי קליידט זיך ווי אַ יונגל, טראָגט קורצע האָר, רויכערט אין געהיים און ליבט זיך סיי אין דער ווייך צעשוווּמענער סאָבטשען ווי אין דער פּריקרע־פּאָסנער מירקען. רעגינע, אַ פיין געטאָקט עלאַסטיש פיגורל פון אַ געבוירענע טענצערין, כאַטש איר מאַמע וויל דווקא איר בת יחידה זאָל אויסוואַקסן גאָר אַ דאָק־טאָרין. די פּעטליכע צילקע קען מער פון אַלץ לאַכן, ווייזנדיק אירע ווייסע פּערל־ציין, אנשטאָט אין ביכל קוקט זי נאָר אין שפּיגעלע, וואָס זי האַלט ביי די לעקציעס אונטער דער באַנק. פייגעלע האַלט אויך אונטער דער באַנק, שטענדיק, אָבער נישט קיין שפּיגעלע, נאָר גריפל מיט אַ שטיקעלע פּאַפּיר און צייכנט מיט גרויס טאַלאַנט אויף די לעקציעס וועמען פון די חברטעס אָדער דעם לערער. אָבער קיינער פון זיי ווייסט נישט אַזעלכע סודות וואָס אַ מיידל טאָר נאָך נישט וויסן, ווי די צאַרט צעפּיעשטשעטע

דינה מיט די דינע צעפּעלעך און אומשולדיק פּנים. זי חברט זיך מיט חנקהן, וואָס רעדט ווייניק, נאָר פון אונטער אירע ברילן קוקן אַ פּאָר צוויי קורצזיכטיקע אָבער קלוגע אויגן. יעדע פון די דרייסיק מיידלעך פון קלאַס וואַרט יעדן טאָג אומעגדולדיק עס זאָלן זיך ענדיקן די לעקציעס און אויפן וועג אַהיים זיך אַריינכאַפּן אין קראַשינסקיס גאָרטן, דאָ צו טרעפן די שילער פון „פינקל'ס", „קרינסקיס", אָדער „השכלה" גימנאַזיעס, וואָס קומען אַהער שטיפן, רעדן וועגן פוטבאָל, און טשעפּן מיט די גימנאַזיסטקעס. זיי ברוגזן און רויטלען זיך, קומען אָבער מאָרגן ווידער. די גימנאַזיסטקעס אין בלויע קליידלעך, ווייסע בלוזקעס מיט שוואַרץ, שאַטין אָדער בלאָנדע צעפּ האָבן זייערע אייגענע טעמעס. רעדן וועגן קליידלעך, מאָדע און ווייסן וועך פון די פילם אַרטיסטן וועט מיט וועמען חתונה האָבן, מיט וועמען זיך גטן. עס זענען אָבער דאָ צווישן זיי אַזעלכע, שוין אָנגעשטעקט מיט עפּעס אַן „איזם", און זייערע מיידלישע פאַנטאַזיעס פירט זיי מיט בענקשאַפט צום לאַנד פון כנען, אַנדערע לאָקט גאָר די מיסטעריע פון דעם רוסישן אָקטאָבער וואָס האָט צערודערט די וועלט.

דער דירעקטאָר פון דער מיידל־גימנאַזיע איז אויך איר אייגנטימער און לערער פון תנ"ך. זיין געהילפין איז די לערערקע פון לאַטיין, אַן אַלטע פריילין, וואָס איז נישט ווייניקער לאַנגווייליק פון דער לאַטיינישער גראַמאַטיק. געטריי און אונטערטעניק דעם דירעקטאָר טראָגט זי אויף זיך צוזאמען מיטן עול פון דער גימנאַזיע אַ געהיימען חלום וועגן דירעקטאָר, וואָס פילט אויס איר גאַנצע איינזאם בתולישע וועלט. ווען זי מאַטערט די שילערקעס מיטן „ווערבא אירעגולאַרי" ווייטאָגט איר האַרץ וואָס אין דער קאַנצעלאַריע סמאָטשקעט דער דירעקטאָר די פליישיקע ליפּן פון דער לערערקע פון פויליש. איז ווייניק דער הולטייקע וואָס זי האָט אַ מאַן און איינעם וואָס וואַרט איר אָפּ ביים טויער פון דער גימנאַזיע, ווען אירע ליפּן האָט נאָך קיין מאַן נישט געקושט. אָבער נאָך מער שינאה טראָגט זי צום דירעקטאָרס ווייבל, אַזאַ רונד־פליישיקע מיט פוכיקע בעקלעך וואָס קען אַפילו נישט קיין ריכטיקן גראַמאַטיק און שוין צוגעשטעלט דעם דירעקטאָר צוויי טעכטערלעך. זי האָט אויך פיינט די שילערקעס אונטער וועלכע ווייסע בלוזקעס פלאַטערן יונג־שטיפערישע ברוסטלעך. האָט אויך

נישט ליב דעם לערער פון מאַטעמאַטיק וואָס איז אַן אַלטער בחור, כאָטש פול מיט הומאָר און קען די טויטע ציפערן פון מאַטעמאַטיק מאַכן לעבעדיק און אינטערעסאַנט. אויך נישט דעם לערער פון געזאַנג ווען יעדער פאַלשער טאָן מאַכט ווילד און נערוועזש. ער גלעט אָבער נאָך די לעקציעס די מיידלישע בעקלעך און זיידענע האָר. אויך דער לערער פון געאָגראַפיע האָט נישט פיינט אַ גלעט צו טאָן איבער אַ מיידליש קעפּל, ער קען אָבער דערציילן וווּנדערלעכע געשיכטעס פון ווייטע עקזאָטישע לענדער; וועגן אינדיע, ציילאָן אָדער יאַפּאַן, כאָטש חוץ זיין געבורט־שטעטל אין גאַליציע האָט ער די שטאָט וואַרשע קיינמאָל נישט פאַרלאָזט. אָבער גראָד וועגן שטילסטן פון אַלע לערערס וואָס לערנט נאַטור און פיזיק, טראָגט זיך עפּעס אַ סודותדיקע געשיכטע. ווי קומט אָט דער באַשיידענער לערער צו דער צעלאָזענער בת יחידה פון זיבעטן קלאַס? צו די אין ווען עס ווינט אַ שד, און מיט אירע הייסע אויגן און לאַבוסעוואַטן פּיסקל צעטרעטן דאָס פאַמיליע לעבן פון דעם שטילן לערער און געלייגט אַ שאָטן אויף דעם גוטן נאָמען פון דער מיידל גימנאַזיע. דער דירעקטאָר וואָגט אָבער נישט אָפּצוזאָגן דעם לערער כדי דער חשד זאָל חלילה נישט דערגיין צו די צניעותדיקע מאַמעס.

אין די אָוונטן, נאָכן מאַכן די לעקציעס, לאָזט זיך גאַלדעלע אַוועק צו דער לעשנאָ. אויף דעםברייטן טראָטואַר שפּאַצירט זי אַמאָל מיט דער חניוודיקער טאָלען אָדער מיט נעמי וועלכע וואַרט דאָ ביז איר בחור וועט נאָך פאַרטיי זיצונגען קומען אויף דער לעשנאָ, זי אָפּפירן אַהיים. ווער וויס ווי קומט די איידעלע נעמי צו דעם שוסטער־יונג וואָס מען רופט — בערל טשאָפּ, ווייל ער גייט קיינמאָל נישט פאַרשנאָרוולט די שיך, אָפּגעריסן די קנעפּ פון זיין מאַרינאַרקע? אָבער מער פון אַלע האָט גאַלדעלע ליב דער האָרבאַטער, אָבער קלוגער צעשען. מיט קיינעם קען מען אַזוי נישט רעדן וועגן סלאָוואַצקיס פּאָעמעס, לעשמיאַנס צאַרטע געזאַנגען פון פּוילישע האַרבסטן, מיט דראָבנע רעגנס, און געהיימע בענקעניש. פּרעסט אין מיידלישע הערצער די לידער וועגן ליבע, וואָס גרויסע פּאָעטן, ליריקער, מאָלער, האָבן זי איינגעוועבט אין אַ מיסטעריע, זי אַנגעטאָן אין יומטוב קליידער, געלאָזט זי אויף אָדלערישע פליגלען טראָגן מיט די קלאַנגען פון

אייביקייט, מיטן אָטעם פון גורל. קערפּערליכע לוסט און נשמה באַהויכטונג פּאַראייניקט אין איין גרויסער סימפּאָניע, אין איין געטליכן קוש. פון אַלע דורכגעלייענטע ראָמאַנען ווייסן דאָך נישט די מיידלעך — וואָס איז אַזוינס — ליבע ? צו איז עס אַ געהיימע בענקשאַפט וואָס פילט אָן אַלע גלידער מיט אַ זיסקייט, פילט אָן דאָס האַרץ מיט אַ סודותדיקער פרייד און לערנט קוקן אויפן לעבן מיט ליכטיקע אויגן ? אָדער איז עס גאָר עפּעס פאַר וואָס מען איז נעכטן אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט און מאָרגן וועלקט עס, וויאַניעט, אָדער ענדיקט זיך גאָר מיט דער טראַגישקייט פון אַן „אַננאַ קאַרענינאַ", אָדער גאָר מיטן אומזין פון דער הייראַט, וואָס ווערט דער קבר פון יעדער ליבע, מיט אַ פאַמיליע לעבן פון לאַנגווייליקייט און ליגנט. רופן מען דאָך אויך ליבע, יעדע זינד, וואָס איז בלויז פּוסטע צייט פאַרטרייב, פּאַראַליזירט די פליגלען פון גייסט, עפּעס אַ גלוסט ווי אַן אַפּיום, זיך אַליין צו באַטריגן, אָדער גאָר וועקן באַהאַלטענע חיהשע אינסטינקטן ? רופט מען דאָך ליבע אַלץ וואָס וואַלגערט זיך אין די מיסטקוישן און שרייען אַרויס פון די בלעטלעך פון ביליקע ראָמאַנען ? וואָס ווייסן אָבער צוויי יונגע מיידלעך וועגן דעם ? אמת, צו גאָלדעלען שפּיזן אַ סך יונגלישע אויגן, אָבער פאַר וואָס מיידן זיי אויס צעשען וועלכע איז אַזוי קלוג און איידל ? אפשר בעסער רעדן וועגן די בריוו פון דער איידעלער ראָזאַ לוקסענבורג פון וועלכע עס ווייעט מיט רעוואָלוציע און פּאָעזיע, מיט חכמה און מיט ליריק, פאַרטיפן זיך אין די וועלט פון בזשאַזאָווסקיס „פלאַמען", די זשעלאַבאָווס און פּעראָוו־סקאַיאַ, די אַריסטאָקראַטן פון אָפּשטאַם און פון גייסט, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין צייט אויף ליבע, געמוזט זיך אָפּגעבן אַ קרבן דער פרייהייט, פאַרן פאָלק. איז מיט וויפל ראָמאַנטישקייט איינגעוועבט דער באַגינען פון דער רעוואָלוציע, מיט אירע העראָישע געשטאַלטן ? אָבער אויך די רעוואָ־לוציע ווייסט פון אַנטוישונגען, אויך זי האָט אירע טראַגעדיעס פון אירע צומאָרגנס נאָך דער רעוואָלוציע. זי ווייסט פון יענעם בלינדן פאַנאַטיזם, שׂינאה פון די ראָבעספּיערס, מאַראַטס, לענינס און טראָצקי, מיט זייער דינען צום מעסער פון דער גילאָטינע. צו די וואָס מיטן אַלץ אומאַנדערשן צוגליט זיך זייער אייגענע אַמביציע, דער איבערגעטריבענער גלויבן אין זיך, דאָס אָנטוען די קרוינען וואָס זיי האָבן ערשט נעכטן אַראָפּגעריסן פון אַנדערע.

פאַרטיפט אין דעם שמועס מיט צעשען בליצט אויף פאַר גאָלדעלען אַ באַקאַנט פּנים, וואָס גאַפּט אויף איר. אין שטעטל אים קוים באַמערקט, אָבער אין דער פרעמדער שטאָט איז יעדער פון דאָרט איר היימיש. עס ווילט זיך איר אָפּנעמען אַ גרוס פון דער היים, שטעלט זי אים אָפּ און פרעגט:

— דוכט זיך מיר זענען פון זעלבן שטעטל. זענט איר שוין לאַנג פון דאָרט?

פון וואַנען זאָל גאָלדעלע וויסן ווי לאַנג שׂמחה חלומט שוין וועגן דער מינוט זי צו טרעפן? ווי אים ווילט זיך די מינוט פאַרגליווערן, זיי זאָלן נישט אַוועק? דאָך באַהערשט ער דעם אינערליכן שטורעם און ענטפערט איר זאַכלעך אויף די פראַגן. רעדן שוין ביידע וועגן זייער שטעטל, זי דערציילט אים וועגן איר גימנאַזיע אוןביים געזעגענען זיך ווייסט שוין גאָלדעלע אַז מאָרגן וועט זי אים ווידער טרעפן אויף דער לעשנאָ. אין צווייטן אָוונט איז מען מער היימיש, ס'רעדט זיך פרייער. אויך מיט דעם שניידער־יונגל איז איר גוט צו רעדן וועגן דורכגעלייענטע ביכער. שפּאַנען ביידע פאַרטיפט אין אינטערעסאַנטע שמועסן. פאַרשטאַרקט יעדער שפּאַציר די פריינדשאַפט און גאָלדעלע איז אַליין זיך נישט חושד אַז צוליב אָט דעם שניידער־בחורל קומט זי לעצטנס אַזוי אָפט אויף דער לעשנאָ.

4.

ווי גוט איז ווען אַ חלום ווערט אַ וואָר. ווער קען דען וויסן דעם טעם פון יעדן שפּאַציר, ווען אַרום שמעקט מיט פרילינג און בעז און עס כישופט גאָלדעלעס שמייכל, דער בענקשאַפט נאָך יעדע צעשיידונג, זיין הייסער באַגער זי זאָל צו דער נייער טרעפונג נישט פאַרזוימען? לויפן שנעל די שעהן פון די שפּאַצירן, ביז גאָלדעלע דערמאָנט אַז ס'איז שוין שפּעט, באַגלייט ער זי צום טויער פון איר מומע. דערנאָך ליגט ער באַרוישטער אויף זיין געלעגער, ביז ער ווערט אַנטשלאָפן. צומאָרגנס טרעפט ער זי אויף דעם ברייטן טראָטואַר פון אַרסענאַל, אויף דער דלוגע, אונטערן שאַרפן ריח פון די אַלטע ליפּעס. פון דאַנען לאָזט מען זיך צו דער ווייסל. עס שומעט דער טייך, סודותדיק ווינקען אין דער נאַכט די לאַמטערן, און ביידע רעדן

ווען דורכגעלייענטע ביכער. שבת לאָזט מען זיך מיט אַ יוגנט אָרגאַניזאַציע אויף אַן אויספלוג. דער וואַלד איז אָנגעפילט מיט יוגנט, פרייד און געזאַנג. אונטער די שאָטנס פון די אַלטע ביימער בלישטשען די נאַקעט מיידלישע פיס, אין מיטן פּרעכטיקן מאַי טאָג, אַ צעשטיפטער, צעקלינגט זיך אין אַ כאָר געזאַנג:

> אַ טייערע איר לידער, איר מאַכט דאָס לעבן זיס,
> אין זינגען פיל איך ווידער, ווי שיין דאָס לעבן איז.

מישט זיך געזאַנג, מיידליש געלעכטער מיט סאָסנע ריח, אויף דער נשמה איז גוט. אויף אַ פּיען זיצט גאָלדעלע, ווי אַ וואַלד־פּרינצעסין פון אַ קינדער מעשהלע, זי לאַכט ווי אַ רייפע פּרוכט. מיט פרייד פּילט אַן איר יעדער בליק און אירע ליפּן מיט ווייך צום טרינקען. אונטער אירע פיס בויען מוראַשקעס זייערע אונטערערדישע פּאַלאַצן און אַלץ אַרום זינגט אויס איר נאָמען; די ביימער, די פייגל אויף די צווייגן, דער ווינט שושקעט אין די אויערן — גאָלדעלע, גאָלדעלע! ווי שיין עס קלינגט איר נאָמען, ווי שטאָלץ איז איר בליק, אויף אירע האָר שפּילט אויס אַ לינד ווינטל ווי אויף סטרונעס אַ זיסע מעלאָדיע. איז פּאַר וועמען זאָל שמחה זיך שעמען וואָס עס ברענט אין אים דער חשק אויסצוקושן אירע זאַפטיקע ליפּן, אויסטרינקען פון דאָרט, ווי פון אַ בעכער דעם גאַנצן האָניג פון ליבע? זאָלן זיך שעמען די וואָס קענען נישט ליב האָבן, וועלכע זענען טויב צום געזאַנג פון דער יוגנט. אָ, ווען ער טרעפט איצט זיין געוועזענער לערערקע וועלכע האָט געשפּראָצט מיט געזונט און פרייד, וואָלט ער איר געזאָגט — כ׳האָב געפונען טייערינקע דעם אוצר פון דיין קינדער־מעשהלע, ער ליגט אין גאָלדעלעס האַרץ באַהאַלטן. לויפט דער זיסער טאָג שנעל אַוועק, די פויגל געזעגענען אים מיט געזאַנגען. נאָר שמחהן איז שווער גאָלדעלען צו געזעגענען, עס ווילט זיך גלייך ווידער זי טרעפן.

אַ צווייטן שבת שיפן זיך ביידע איבער די ווייסל. איבער די דעכער פון פּראַגע פאַרגייט די זון, ס׳כישופט דער פאַרנאַכט, און רואיק שווימט דער זילבערנער טייך. דער ווינט צעשויבערט דאָס גאָלד פון גאָלדעלעס האָר. גליטשט זיך דאָס שיפל, שמחה ווישט קוים מיט די רודער איבער די

געלאַסענע כוואַליעס. זי אַ פאַרטרוימטע קוקט אין דער שקיעה און פון איר מויל גיסן זיך די זיסע טענער פון ליד:

פאַר מיין שיפל גיכער, אין דעם וואַסער זיכער.
צו יענעם בלויען ברעג, צו יענעם בלויען ברעג.

זענען דאָס פאַר שׂמחהן פאַרכישופטע טעג פון ליבע, ווען אַרום ווערט געזייעט דער סם פון שׂינאה. מלחמה־העצעס פון דער היטלער־באַנדע און אַוואַנטורעס געשפּינען פון גענעראַלן און פּאָליטיקער. ער לעבט אין אַן אַנדערע וועלט און גאָלדעלעס אַ שמייכל איז אים טייערער פון דער גאַנצער וועלט־דיפּלאָמאַטיע. זי מאַכט אים פאַרגעסן אין אַלע געמיינקייטן אין דעם גאַנצן אָנגעזאַמלטן בייז. אים מאַטערט בלויז דער געדאַנק אַז עס דער־נענטערן זיך די זומער־פעריען און גאָלדעלע גרייט זיך צו פאָרן אין שטעטל צו אירע עלטערן. ער טרייסט זיך אָבער אַז זי וועט שנעל צוריקקומען און ווידער וועט ער שפּאַצירן מיט אָט דעם ווונדערלעכן מיידל. נאָכן געזעגענען זיך מיט איר, בלייבט ער אַ טיף פאַרבענקטער נאָך איר קול, נאָך איר שמייכל, און דערציילט פאַרן פּאַפּיר אַלע שיינע מינוטן מיט דעם גאָלדענעם מיידל, דעם תּענוג וואָס עס גיט די ליבע און געטריישאַפט, צו דער וואָס לעבט אויף זיינע פאַרשריבענע בלעטלעך, וואָס לעבט אין זיין חלום, אויף וועלכע ער וואַרט מיט בענקשאַפט זי זאָל שנעל צוריקקומען...

געקומען איז אָבער אויף וואַרשע אַ כמאַרע פון דייטשישע עראָפּלאַנען און באַוואָרפן די שטאָט מיט באָמבעס. אַוודאי האָט מען זיך געריכט אויף מלחמה, דאָך איז שווער צו באַגרייפן אַז דאָס איז געשען. אַלץ איז באַהערשט פון פּאַניק און פּחד. קיינער ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט זיך. פליען אָן עראָפּלאַנען, שטעלט זיך אָפּ דאָס גאַנצע לעבן. ס׳שטייען דראָשקעס און טראַמווייען, די גאַסן פוסט, עס ציטערן די איינגעשפּאַרטע פערד פאַר דער שרעקליכער שטילקייט, וואָס ווערט אויפגעציטערט פון אויפרייסן און שרעקליכן זשומען. ענדיקט זיך די באָמבאַרדירונג, קריכט מען אַרויס פון די שוץ־קעלערס און מען וווּנדערט זיך וואָס די הייזער שטייען נאָך גאַנץ. איבער די גאַסן שפּאַנען דורך זעלנער פון צעקלאַפּטע איינהייטן, אַנטלאָפענע פון פראָנט. גרופּעס פוילישע יוגנטליכע זוכן אַ מיליטערישן

פונקט זיך צו מאָביליזירן, צו גיין קעמפן פאַר זייער באַפאַלן לאַנד. די גאַסן פאַרפלייצט מיט פליטים פון די פאַרכאַפּטע שוין דורכן שונא מעריב־געביטן, די קליין געשלאָסן, נישטאָ ווי צו קריגן קיין ברויט. טרעפן זיך באַקאַנטע, קוקט מען זיך טרויעריק אין די אויגן און מען ווייסט נישט וואָס זיך צו זאָגן, אויף אַלעמענס פּנימער הענגט דער גרויסער פראַגע צייכן — וואָס וועט זיין? ווער קען דען עצהן וואָס צו טאָן? אפשר אַנטלויפן? ווו קען מען אָבער לויפן מיט אַ ווייב און קליינע קינדער, צו מעג מען איבערלאָזן אַלטע עלטערן, יונגע שוועסטער אויף הפקר און ראַטעווען די אייגענע הויט? די יידישע יוגנט ווייסט זער גוט אַז די היטלער באַנדע וועט נישט מוחל זיין זייער האַס צום פאַשיזם. דאָס ווייסן אויך די עלטערן, און רופן זייערע זון צו אַנטלויפן. מיט זקנים, ווייבער און קינדער וועלן דאָך די דייטשן נישט גיין מלחמה האַלטן.

לאָזט זיך אויך שמחה אַוועק מיטן שטראָם אַנטלויפנדיקע. עס שטייען די באַנען און אויטאָס, גייט מען צופוס קיין מזרח. שמחהס ציל איז צו דערגרייכן זיין שטעטל, וואָס ליגט אויף דעם וועג קיין לובלין. דער שאָסיי איז באַלייגט מיט אַ מענטשן מאַסע, וועגענער, מיט פעק און קינדער. שמחה אַ הונגעריקער און מידער, געטריבן פון זאָרג און בענקשאַפט צו גאָלדעלען טרייבט זיינע אייגענע פיס. ביי יעדן גערויש אויפן הימל צעלויפט מען זיך איבערן פעלד און מען גראָבט זיך איין אין דער ערד, ביז די עראָפּלאַנען פליִען דורך. לאָזט זיך אַראָפּ די זון, בלייבט שמחה איבערנעכטיקן אין אַ דאָרף כדי גאָר פרי זיך ווידער לאָזן אין וועג. ערשט צו מאָרגנס ביי שקיעה קומט ער אָן אין זיין שטעטל, וואָס שטייט שוין אויך איינגעהילט אין פחד. טאַטע מאַמע און ברודער באַגעגענען אים מיט פרייד און אומרו. איבער דעם שטעטל זענען נאָך נישט געפאַלן קיין באָמבעס, דאָך לעבט מען אין ציטער. אויך פון דאַנען זענען די יונגע אַוועק קיין מזרח, די „פרץ" ביבליאָטעק שטייט פאַרלאָזט. זאָגט אויך זיין מאַמע צו אים מיט טרערן אין די אויגן:

— אַנטלויף מיין זון, קוק נישט אויף אונדז, דיך וועלן די דייטשן נישט שאַנעווען.

און זי פּאַקט אים איין אַ פּעקל עסן. אָבער ווי קען ער זיך געזעגענען

מיט גאָלדעלען, ער האָט דאָך אַזוי שטאַרק געבענקט צו איר? פייניקט אים אַ גאַנצע נאַכט דער געדאַנק איבערצולאָזן גאָלדעלען, זיין היים, די עלטערן און יונגן ברודער, כאָטש ער ווייסט אַז זיי זענען צו שוואַך צו לאָזן זיך צופוס אויף הפקרדיקע וועגן. שטייט ער גאַנץ פרי ביי גאָלדעלעס אָרעם שטיבל און דריקט איר דראָבנע הענטל, אין האַלדז שטיקן טרערן און ער קען איר גאָר נישט זאָגן. אויך זי שווייגט טרויעריק. צום סוף טרייסט זי אים, אַז די מלחמה וועט לאַנג נישט געדויערן, און מען וועט זיך ווידער טרעפן. די וועלט גייט דאָך נישט אונטער.

שפּאַנט ער ווידער אַ מידער איבער אַספאַלט און שטיין. דער מח ווי אָנגעגאָסן מיט בליי, דאָס האַרץ מיט טרויער, אין האַלבן טאָג זעצט ער זיך אַ מידער און הונגעריקער אַ קיי טאָן אַ שטיקל ברויט מיט וווּרשט, וואָס זיין גוטע מאַמע האָט אים אַריינגעלייגט אין דער טאָרבע, צוזאַמען מיט די צוויי העמדער ליגן דאָ אויך די בויגנס פּאַפּיר אויף וועלכע ס'זענען פאַר־שריבן זיינע שענסטע מינוטן מיט גאָלדעלען, זיין גרויסער ליב צו דעם וווּנדערליכן מיידל. ס'ליגן אַ פּאָר נישט פאַרשריבענע בויגנס, ווער ווייסט וואָס דער גורל וועט אים דיקטירן אויף זיי צו שרייבן? קוים אָפּגערוט לאָזט ער זיך ווייטער אין וועג, מיט דער גרויסער מאַסע, געטריבן פון עפּעס אַן אומבאַקאַנטער שרעק, צו עפּעס אַן אומבאַקאַנטן אָרט. שמחה ווייסט אויך נישט ווו אַהין ער גייט, ער איז אָבער פול מיט זאָרג און אומרו פאַר די טייערסטע וואָס זענען דאָרט געבליבן. צו האָט ער געמעגט זיי איבערלאָזן און אַנטלויפן? איז אים אומעטיק אויף דער נשמה, נאָר די וועלט אַרום כישופט מיט טויזנט חנען. די פּויערים נעמען אַראָפּ די תבואה, די אָפּגע־קאָשעטע פעלדער שיינען אין זייערע נאַקעטער שיינקייט, באַפּוצט מיט פיל קאָליריקע קאָרן און פעלד־בלימלעך. אָט דרייען זיך די רעדער פון אַ ווינט־מיל, אַ מיידל וואַשט אירע פיס אין אַ שטראָמיקן וואַסער. די זון צעגיסט שטראַלן ליכט איבער דער גרינקייט פון די לאָנקעס און די [illegible] שמייכלט צו די ליימיקע פּויערישע כאַטעס, גלעט די מידע וואַנדערער וואָס אַנטלויפן פון דער פּוילישער ערד. פון כאַטעס קוקן אַרויס צעשראָקענע אויגן, גוטע פּויערטעס ברענגען אַרויס פאַר די וואַנדערער קאַנען מילך און וואַסער צו טרינקען, גיבן מיט אויך אַ ברכה אויפן וועג. איבער דעם געמיטליך

פאַרנאַכטיקן הימל פליִען פלוצלינג אָן מיט רעש עראָפּלאַנען און לאָזן אונטער זיך אַ ברענענדיקע כאַטע און אַ דערהרגעטע טאָכטער וואָס האָט זיך געגרייט צו דער חופּה־נאַכט מיט אַ דאָרפישן בחור. שוין אין דער פינצטער כאַפּט זיך שׂמחה אַריין אין אַ סטאָדאָלע איבערצונעכטיקן. אַרום איז נאַכט איינגעהילט אין פּחד, נאָר פון דעם סטאָג היי איינגעקאָפּעט טראָגט זיך אַ הייסער צאַפּל און פאַרשטיקטער ווייבליכער געלעכטער. אַ געזונט רונד־פליישיקער גוף איז אַרומגענומען פון אַ הויכן יונג. זעט אויס אַ שוסטער געזעל וואָס איז אין מיטן דער מהומה אַנטלאָפן מיטן ווייב פון זיין בעל־הבית. נישט געקאָנט צוקוקן ווי ער דערלויבט זיך [illegible] צו שלאָגן אָדער זיך וואַלגערן אומפאַרשעמט אויפן בעט מיט דער וואָס האָט געבונדן אַ סודות־דיקער שמייכל, אַ צייכן פון צוזאָג, געהיימע באַגערן. איז וואָס גייט זיי איצט אָן מלחמה? אַז ער קען איצט אומגעשטערט טרינקען פון פולן כוס פון זינד.

פאַרטאָג לאָזט שׂמחה איבער די סטאָדאָלע, דאָס פּאָרל פאַרזונקען אין זינד און לאָזט זיך אין ווייטערדיקן וועג, וואָס ווערט אָבער אַלץ מער מיט סכנה. גייט דורך זייטיקע וועגן, דורך דערפער, ווערן אויך זיי פאַרפלייצט מיט וואַנדערער און נאָך זיי קומען די עראָפּלאַנען און עס ברענען שוין כאַטעס און סטאָדאָלעס. דערוויסט זיך שׂמחה פון אַ פויער, אַז נישט ווייט איז כרוביעשאָוו, ווי עס וווינען זיינע קרובים, איילט ער אַהין זיך אָפּצוּוואַשן, אויסוואַשן אַ העמד. אָט זעען זיך שוין די קלויסטער שפּיצן און דערנאָך די פאַרנעפּלטע קאָנטורן פון הייזער, פאָרט אָבער מיט רעש אָן אַ פויערישער וואָגן פון דער שטאָט מיט קאַנען מילך, דער דערשראָקענער פויער טרייבט און שמייסט די פערד און דערזעענדיק שׂמחהן שרייט ער צו אים:

— אַנטלויף יונגל, די דייטשן זענען אַריין קיין כרוביעשאָוו!

שפּרינגט שׂמחה פלינק אַרויף אויפן לויפנדיקן וואָגן, און דער פויער פייפט אַלץ מיט דער בייטש איבער די פערד, שעלט און טרייבט דער־ווייטערנדיק זיך פון דער שטאָט. בלייבט ער שטיין אין אַ דאָרף, שפּאַנט אויס זיינע פאַרסאַפּעטע פערד און וואַרפט אַראָפּ די פולע קאַנען מילך וואָס ער האָט אין שטאָט נישט פאַרקויפט. שׂמחהן בלייבט ווייטער צו שפּאַנען צופוס מיט זיינע צעריסענע שוין שיך. פון ווייטנס ברענט אַ שטעטל,

פון אַ זייט ווינקען צו אים זאַפטיקע באַרן אַראָפּ פון דיביימער אין אַ סעדל. עס פליט דורך אַ טשאַטע צעשראָקענע פייגל און גלייך הערט זיך אַ זשומען פון עראָפּלאַנען. ווידער אַ מהומה, טויטע. איז ביי טאָג געפערליך צו גיין, גראָבט ער זיך איין אין היי, ביזן אָנקומען פון דער נאַכט. אין חושך לאָזט ער זיך אין גאַנג. ס'איז אַ הימל אָן שטערן, אַ פאַסקודנע קאַלטע פייכטקייט עסט זיך איין אין די ביינער. אין האַרץ גריזשעט אַן אומרו און אַ בענקשאַפט. אַ ווינט לויפט אים אַנטקעגן מיט אַ טרויעריקן ברומען ווי אַ געוויין פון דער נאַכט. צו שמחהן דערנענטערן זיך אין חושך צוויי געשטאַלטן. מיט דער פראַגע — ווי שפּעט איז? שפּאַנט מען שוין צוזאַמען. קעלט, היימלאָז־זיקייט און עלנט דערנענטערט פרעמדע אויף פרעמדע וועגן. דאָס זענען צוויי פּוילישע יינגלעך, אַנטלאָפן פאַר דייטשישער נקמה פון זייער היים שטעטל אין נידערשלעזיע. די נייע פריינטשאַפט מאַכט לייכטער דאָס שפּאַנען אין דער נאַכט. מיטן ערשטן אָבער בלאַסן פרימאָרגן־ליכט דערזעען זיי שמחהס יידיש פּנים און אַנטלויפן פון אים ווי פון אַ פּעסט. אַזוי האָט געפּלאַצט אַ פריינדשאַפט פון פרעמד־עלנטע יונגלעך אַ געבוירענע אין דער נאַכט. שפּאַנט ער אַן איינזאַמער און מידער ביז ער קומט אָן אין עפּעס אַ מאָדנע יידיש שטעטל, וואָס שמעקט מיטן דאָרפישן ריח, מיט קי־מיסט און רייפע עפּל. דאָ באַאַרבעטן פרומע אָבער פּראָסטע יידן ווי אמתע פּויערים די ערד. אַפילו די קאָזעס מעקן דאָ אויף יידיש. ס'איז ערב ראש השנה. יידן גרייטן זיך צום גרויסן יומטוב. זענען דאָ אַלע שטובן מיט יידישע פּליטים. ווערט אויך שמחה אַריינגעבעטן אַלס אורח אין אַ שטוב. דער יונגער באַלעבאָס אין גרויסע שטיוול אַרבעט נאָך אין גאָרטן און זיין ווייבל וואָס זעט אויס ווי אַ דערוואַקסענע מויד וואַשט, רוימט, מעלקט די קי און זייגט איר קליין קינד. זי באַווייזט אויך אָנצוזעטיקן דעם הונגעריקן שמחהן מיט אַ געשמאַקער גריץ און גרייט אים אויסצוּוואַשן אַ העמד אויף יומטוב, פאַרקאַטשעט די אַרבל און הויך פאַרשאַרצט דאָס קליידל טרייבט זי מיט — אַ האַשאַ אַרויס די אָנגעלאָפענע הינער פון שטוב, שיט אויס די פּאַל מיט ווייסן זאַמד. עס שפּראָצט פון איר מיט געשמאַקער גוטסקייט און פרייד. פאַרגעסנדיק אין גאַנצן אין שמחהן וואַרפט זי פלינק פון זיך אַלץ אַראָפּ און שפּרינגט אַריין אין דער גרויסער באַליע וואַסער אויך זיך אָפּצוּוואַשן אויף יומטוב.

שמחה בלייבט פֿאַרשעמט נישט וויסנדיק ווו אַהינטאָן די אויגן. שאַרט ער זיך שטיל און אומבאַמערקט אַרויס פֿון שטוב. אין אָוונט ביים יומטובדיקן טיש מאַכט דער יונגער באַלעבאָס אַ הויכן קידוש און נאָך די געשמאַקע מאכלים זינגט ער זמירות. נעבן אים קוקט די יונגע מאַמע מיט אַ געשמאַקן שמייכל אויף איר פּיצלס וואָס זייגט מיט גרויס אַפּעטיט פֿון אירע פֿולע קיילעכיקע ברוסטן. צומאַרגנס אַ זאַטער און אויסגערוטער וויל שמחה אָפּ־דאַנקען דעם גוטן פֿאַרל און זיך לאָזן אין ווייטערדיקן וואַנדער וועג. זיי האַלטן אים אָבער אָפּ און זאָגן:

— וועסט נאָך באַוויזן זיך גענוג אָנצוּוואָגלען, בלייב נאָך.

דערווייל ווערט דאָס יידישע שטעטל פֿאַרפּלייצט מיט פּוילישער קאַוואַ־לעריע. זעלנער אויף פֿערד, אויף דעם מאַרק און די געסלעך. זייער קאָמאַנדאַנט זיצט ווי אַ נאַפּאָלעאָן אויף זיין פֿערד און וואַרט די יידן זאָלן אים צושטעלן פֿערד און שפּייז פֿאַר זיין אָפּטיילונג, ווייל ער האָט זיי געשראָקן אַז ער וועט באַפֿעלן זיינע זעלנער אונטערצוזונדן דאָס שטעטל אויב מען וועט נישט צושטעלן וואָס ער פֿאָדערט. יידן אָבער איילן נישט צו געבן און וואַרטן שוויגנדיק. רייט אָבער פּלוצלונג אָן אַ פֿאַרסאַפּעטער רייטער, גלייך צום קאָמאַנדאַנט און רוימט אים עפּעס איין אין אויער. דער גיט האַסטיק אַ קאָפּ דעם פֿערד און לאָזט זיך אין גאַלאָפּ, נאָך אים אַלע זיינע זעלנער, איבערלאָזנדיק אונטער זיך אַ שטויביקן נעפּל און אַ חוזק־שמייכל אויף יידישע ליפּן. און ווידער הילט זיך איין דאָס שטעטל אין איר יומטובדיקער געמיטלעכקייט.

צו מאָרגנס איז דאָס שטעטל פֿאַרזונקען אין אַ געשפּאַנטער דערוואַר־טונג. ביים שאָסיי אין פֿאַרזאַמלט די גאַנצע יונגוואַרג און איבער זייערע קעפּ אַ גרויסער פּלאַקאַט אויפֿגעשריבן מיט גרויסע אותיות אויף רוסיש:

— זייט באַגריסט העלדישע רויטאַרמייער און אייער געניאַלער פּולקאָ־וואָדיעץ חבר סטאַלין, דער באַפֿרייען פֿון מערבֿ־אוקראַינע און מערבֿ ווייסרוסלאַנד.

פֿון אַלע וועגן שטראָמען אָן יונגע אוקראַינישע פּויערים און פּויערטעס יומטובדיק אויסגעשלייערט, וואַרטנדיק אויף דער גרויסער געשעעניש וואָס דאַרף קומען. כאַפּט מען דערווייל אַ פּלירט און אַ טענצל. און אָט קומען זיי

אָן די העלדישע אַרמיי פון באַפרייער, פריילּיכע זעלנער, נישט פון קיין שלאַכט, נאָר מיט געזאַנג און מיט האַרמאָשקעס. באַגעגנט זיי אויך שׂמחה מיט פרייד, אויך מיט זאָרג און אומרו — צו וועלן זיי דערגיין צו זיין שטעטל און צוריקקערן אים אַהיים, פאַראייניקן מיט גאָלדעלען? אָט די האָפענונג און דער אומרו טרייבט אים צו אַ שטאָט, נישט צו זיין אָפּגעריסן פון דער וועלט און די געשעענישן. די רוסן האָבן גלייך געלאָזט אין גאַנג די באַנען, קומט ער טאָקע שנעל אָן קיין לוצק, אָבער אַ צעבראָכענער פון דער גרויסער ענגשאַפט אין די וואַגאָנען.

ער טרעפט לוצק אַ יומטובדיק באַפּוצטע מיט רויטע פענער און ריזיקע בילדער פון סטאַלינען און זיינע מקורבים. די שטאָט אַ נישט צעקלאַפּטע, ווי די מלחמה וואָלט אין איר פאַרגעסן, דערפאַר אָבער פאַרפלייצט מיט מאַסן הונגעריקע פליטים, וואָס פאַרקויפן פון זיך אַראָפּ די זייגערלעך, צו קויפן אַ שטיקל ברויט, שטייען לאַנגע שעהן אין די רייען נאָך אַ ביסל אומזיסטע שיטערע זופּ. פול איז אויך די שטאָט מיט סאָוויעטישע זעלנער און אָפיצירן וואָס לויפן אַרום איבער די געוועלבער און קויפן אַלץ אויס. דאָ דערוויסט זיך שׂמחה וועגן דעם סאָוויעטיש־היטלעריסטישן פלירט און דאָס צעטיילן צווישן זיך פוילן. דער טייך בוג דאַרף ווערן די שמאָלע גרענעץ צווישן קאָמוניזם און היטלעריזם, און אויך דער גרענעץ צווישן אים מיט גאָלדעלען. בלייבט אים פאַרצווזעצן זיין וואָגל. אָט איז ער אין קאָוועל, אויך אַ באַפּוצטע מיט רויטע פענער ; סטאַלין־בילדער און הונגעריקע פליטים. דערצו שוין מיט האַרבסטיקע רעגנס און געדיכטע בלאָטעס. דאָך פרייען זיך די קאָולער יידן וואָס זיי זענען פּטור געוואָרן די פּוילישע כוליגאַנעס און רינגלען מיט נייגעריקייט אַרום די פריינדלעכע סאָוויעטישע אָפיצירן און שטעלן זיי די פאַרשידנסטע קלאָץ־קשהס. אַ ייד וויל דווקא וויסן צו איז אין רוסלאַנד אויך דאָ לימאָנעס, און דער סאָוויעטישער אָפיציר וואָס ווייסט אַלץ ענטפערט אים מיט זיכערקייט, אַז אין סאָוועצקע־סאָיוז זענען דאָ ריזיקע זאַוואָדן וואָס אַרבעטן אויס ריזיקע לימאָנעס. אָבער גראָד די וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייער יוגנט פאַרן קאָמוניזם פילן זיך עפּעס ווי אויף אַ פרעמדער חתונה. עפּעס איז עס נישט דאָס וואָס זיי האָבן געחלומט. צו זיי האָבן אַמאָל אַנדערש געזעדט אָט די רויטע פענער, עפּעס אַנדערש

צוגעזאָגט. האָבן דערמאָנט אין פרילינג מיט ריח פון בעז, און דאָ — דוכט זיך — דערמאָנען זיי מיט אַ שרעק פאַר עפּעס, פאַר טורמעס ווו עס ליגט פאַרשפאַרט אונטער שלעסער זייער גלויבן. גריזשעט דער הונגער, בייסן די לייז און די ספקות. וואַלגערט מען זיך אַנטוישטע אין שמוץ אין די בלאָטעס. לאָזט זיך שׂמחה פון דאַנען קיין ביאַליסטאָק. נעכטיקט איבער אין דעם דאַטשע דאָרף סלאָבאָדקע. אַנשטאָט דאַטשניקעס איז דאָ פול מיט פּליטים. פון דאַנען לאָזט ער זיך צופוס צו דער שטאָט. טרעפט דאָ אַסך וואַרשעווער יאַטן, פון וועמענס פּנימער שרייט אַראָפּ דער הונגער און זאָרג. טייל קומען נאָר וואָס פון היטלער גיהנום איז זיי שווער צו פאַרדייען דעם פלירט צווישן קאָמוניזם מיטן סאַדיסטישן היטלעריזם. שווער צו באַגרייפן, ווי עס קומט דער העלד פון דעם פּראָצעס פון דער רייכסטאָג שׂריפה דימיטראָוו, אין אַ בראַשור אַרויסטרעטן קעגן ענגלישע־אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם וואָס איז באַפאַלן דאָס אומשולדיקע נעבעך דייטשישע פאָלק? בראָדזשעט טאָקע אַרום איבער די גאַסן דער געטרייער קאָמוניסט, לאַנגיעריקער סעקרעטאַר פון וואַרשעווער טעקסטיל פאַראיין, שמוציק און אָפּגעריסן און שרייט אַ וואַנזיניקער — אַלץ פאַרלוירן, אַלץ פאַרלוירן! ער האָט טאָקע צוזאַמען מיטן גלויבן פאַרלוירן אויך דעם קלאָרן באַוווסטזיין. דערפאַר איז סעוועק, קאַראָל און אַנדערע, זיכער אַז דער מאָלאָטאָוו־ריבנטראָפּ אָפּמאַך איז סטאַלינס אַ געניאַלער מאַנעוור, אָפּצונאַרן היטלערן און געווינען צייט. זיי אַליין געניסן דערוויל פון דער פּריווילעגיע פון אַ לייטישן נאַכט־געלעגער און געדיכטער זופּ אין דעם פּריש געבאַקענעם „פאַרבאַנד פון געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטירטע". דאָ קאָנצענטרירן זיך די אַלע וואָס קיין זאַך קען זיי נישט אַנטוישן. שׂמחה זוכט אָבער נישט קיין באַלוינונג פאַר זיין אַרבעט אין דער אונטערגרונט און געפינט אַ דאַך איבערן קאָפּ גראָד ביי אַן אָרעם פּשוטע שניידער־פאַמיליע מיט איין קינד. זיי נעמען אים אַריין אין זייער ענגשאַפט, ער זאָל זיך נישט פילן דאָ איבעריק, גיבן זיי אים צו נייען, כאָטש זיי האָבן קוים פאַר זיך וואָס צו טאָן. געפונען אַ דאַך און געלאָשן דעם הונגער מאַטערט אים נאָך שטאַרקער די בענקשאַפט. ער זעט פאַר זיך זיין פאַרווייַנטע מאַמע, און גאָלדעלעס טרויעריקער שמייכל באַגלייט אים אויף יעדן טריט. פילט אים יעדער שלעכטער גרוס פון דאָרט אָן מיט ווייטאָג

און געוויסנפּיין. שווער צו באַשליסן וואָס וואָלט פאַר זיי געווען בעסער, די ביאַלעסטאָקער היימלאָזיקייט, צו דער היטלעריסטישער גיהנום.

פאַר די פּליטים־מאַסן איז אויך ביאַליסטאָק אַ גיהנום, היימלאָזיקייט, הונגער, פּחד, דער געיעג נאָך טראַצקיסטן, בונדיסטן און ציוניסטן. ווערבירן זיך טייל אויף אַרבעט קיין טיף רוסלאַנד. אייניקע קומען פון דאָרט שנעל צוריק ווי אַנטלאָפענע פון פייער. פון אַנדערע קומען בריוו מיט רמזים אַז אין סאָציאַליסטישן גן־עדן פעלט טאָקע נישט קיין הונגער, קיין שמוץ און קיין לייז. האַלט מען זיך אָפּ פון פאָרן. קומט אָבער אויף די פּליטים אַ נייע אומגליק. אַ צוואַנג אַנצונעמען די סאָוויעטישע בירגערשאַפט און סאָוויעטישע פּעסער. דאָס הייסט איבערייסן מיט די עלטערן, מיט ווייב און קינד וואָס זענען געבליבן דאָרטן. איילט מען זיך נישט דערמיט. באַליידיקט זיך אָבער די סאָוויעטישע מאַכט פאַר וואָס מען וויל נישט דעם כבוד צו ווערן אַ סאָוויעטישער בירגער, און אין פינצטערע נעכט ווערן די פּליטים אַרויסגעשלעפּט פון געלעגערס, פון די גאַסן, אַוועק צו די אייביקע פרעסט, צו די סיבירער וויוגעס. מיט די זעלבע וואַגאָנען שיקן עס די קאָמוניסטישע פירער דערנאָך האַלץ, חזרים און תבואה פאַר די היטלעריסטישע פאַרבינדטע. און ווען אין די בערלינער קנייפּעס און בורדעלן שרייט מען „הייל היטלער”, פּאַטשט מען אין לאַנד פון סאָציאַליזם „בראַוואָ” דעם געניאַלן סטאַלין וועלכער האָט זיך געבאָדן אין בלוט פון זיינע אייגענע פּאַרטיי חברים.

שמחה איז צום גליק נאָך יונג און מוז נאָך נישט האָבן קיין פּאַס, מיידט ער אויס דעם ביטערן גורל פון די אַנדערע פּליטים. די גוטע פאַמיליע האַלט אים ווי אַן אייגענעם. ציִען זיך פאַר אים אומזיניקע ווינטער טעג פון זאָרג און בענקשאַפט. דער פרילינג ברענגט נישט קיין האָפענונג, קיין סוף פון מלחמה, קיין סוף פון היטלעריזם, נאָר נייע אַוואַנטורעס. נייע היטלער פאַרברעכנס קעגן יידן. אויך אין ביאַלעסטאָק איז אַלץ ווייניקער ברויט און פלייש, דערפאַר אַלץ העכער קלינגען די סאָוויעטישע מלחמה לידער:

צום שלאַכט רופט אונדז חבר סטאַלין
דער רויטער מאַרשאַל וועט אונדז פירן צום זיג.

די פּאָליטיקער און גענעראַלן פון אַלע לענדער לעכצן נאָך פרעמדע

ערד און רויבן די פרייהייט פון אייגענעם פּאָלק, זיי זאָגן אָבער צו אַ העלדישן טויט אונטער די קלאַנגען פון טראָמפּייטן און גרויסע זיגן וואָס וועלן קיינעם נישט זאַט און נישט גליקליך מאַכן.

די פריינדשאַפט מיט היטלער דייטשלאַנד האָט נישט געראַטעוועט דעם ראַטן־פאַרבאַנד פון מלחמה. די היטלער אַרמיי איז אויך זי באַפאַלן, באַמ־באַרדירט אירע שטעט, פאַרברענט אירע דערפער און געמאָרדעט איר באַפעלקערונג. דער געניאַלער סטראַטעג, סטאַלין, איז געבליבן אָן אָפּגע־נאַרטער פון זיין פאַשיסטישן פאַרבינדטן. דערפאַר איז אַזוי גרויס די פאַרלוירנקייט, די מהומה. שוין אין די ערשטע טעג איז דער פראָנט געבראָכן און די מעכטיקע רויטע אַרמיי אַנטלויפט אין בהלה.

די דייטשן דערנענטערן זיך מיט אַ בליץ־שנעלקייט קיין ביאַליסטאָק, איז נישט לייכט שמחהן זיך צו געזעגענען מיט די וואָס האָבן אין זיין נע ונד אים געשאָנקען אַ צייטווייליקע היים, אַ וואַרעם ווינקל. זיי קענען אָבער מיט אַ שוואַכער פרוי און קליין קינד זיך נישט לאָזן אויף אַ הפקר־וועג, בלייבט שמחהן זיך מיט זיי צו געזעגענען און אַוועק אויף נייער איינזאַמקייט און וואָגל. ווידער רוישן איבער זיין קאָפּ די דייטשישע עראָ־פּלאַנען, ווידער דער פּחד, דער געשפּענסט פון טויט. ער לויפט צווישן מאַסן פּליטים, הונגעריק און מיד. אים געלונגט זיך אַרויפכאַפּן אויף אַ מיליטע־רישע מאַשין וואָס ברענגט אים אין מיטן דער נאַכט קיין באַראַנאָוויטש. דאָ אָבער ברענט דער וואָקזאַל און אויך פון דאַנען אַנטלויפט מען. לאָזט ער זיך פאַרטאָג אַוועק צופוס מיט אומבאַקאַנטע מאַסן, אויף אומבאַקאַנטע וועגן. אַריבער די אַלטע סאָוויעטיש־פּוילישע גרענעץ, טרעפט ער אָן אויף אַ ברענענדיקן דאָרף, פלאַמען רייסן זיך פון פענצטער. ווער ס׳שלעפּט אַ געראַטעוועטן טיש, אַ מיידעלע לויפט מיט אַ קאַץ אויף די הענט. אַ מוטער דריקט צו זיך אַ קליין קינד, ווער ס׳האָט געראַטעוועט אַ קישן, ווער אַ צעבראָכן בענקל. מיידט שמחה אויס דאָס דאָרף און שפּאַנט ווייטער, פאַרלירנדיק דעם חשבון פון צייט. מיד, די פוס מיט געשווירן, לאָזט ער איבער אויף די שטויביקע וועגן זיין יוגנט, דאָס לעצטע ביסל פרייד, צעשיט אויף די פרעמדע פעלדער זיינע חלומות. ער לויפט מיט די טויזנטער פון גורל פאַרפאָלגטע, אַנטלאָפענע פאַר רציחה, פאַר פרעמדער מאַכט, אַוועק אין דער

ווייטער אומבאַקאַנטקייט. ווער ווייסט וואָס אים דערוואַרט דאָרט? בלייבט נעכטיקן אויף אַ פעלד, אַ גרוב נוצט אים פאַר אַ נאַכט־געלעגער. פאַרטאָג וועקט אים אויף אַ זשומען פון עראָפּלאַנען, און באַלד קומען אויפרייסן. די לופט ווערט צעריסן פון קראַכן, מענטשן, מאַשינען, וועגענער, ווערן איינגעהילט אין אַ רויך נעפּל. אין דער בהלה שטויסט מען זיך, מען טרעט אויף קערפּערס אונטער געשרייען און ליאַרמען. פאַרשווינדן די עראָפּלאַנען, שפּאַנט מען נאָך אַלץ אין נערוועזער געשפּאַנטקייט. ווי פון אונטער דער ערד וואַקסט אויס אַ סאָוויעטישער לייטענאַנט און זידלט די אַנטלויפנדיקע סאָוויעטישע זעלנער:

— ווו אַנטלויפט איר פּחדנים? איר זוכט סוואָלאַטשעס זיך צו באַהאַלטן אונטער ווייבערישע יופּקעס?

זיי הערן אים אָבער ווי המן דעם גרעגער. לויפט מען ווייטער דורך פאַרברענטע דערפער, צעשטערטע שטעטלעך, ברענענדיקע וואָקזאַלן, צווישן אַש און פלאַמען. צעבראָכענע וואַגאָנעס באַזעצט מיט זעלנער וואָס וואַרטן פון ערגעץ אַ הילף, אַ באַפעל, אויף אַ צוג וואָס זאָל זיי אָוועקפירן פון דאַנען. זעלנער מיט שמוציקע באַנדאַזשן, און אומעטום פלאָנטערן זיך יידן, יידישע פרויען מיט קינדער. פון אַלעמען געטריבן, געזידלט, פאַרשאָלטענע יעוו־רעיעס, וואָס צוליב זיי איז די מלחמה, זיי זענען שולדיק אין דער מפּלה. וואַנדלט און וווגלט שמחה אַן עלנטער אונטערן שאָטן פון טויט. פאַרהאַלט זיך ערגעץ, אָבער דער פחד וואָס איז שטאַרקער פון דער מידקייט טרייבט אים ווייטער. גראָבט אויס ערגעץ אַ פאָר קאַרטאָפל און בעט אַ כאַזייקע אין אַ דאָרף זי זאָל אים דאָס אָפּקאָכן. דערוואַרעמט דעם גוף מיט אַ ביסל הייסע קאַרטאָפל, קומט אַ שווערע בענקעניש צו גאָלדעלען וועמענס געשטאַלט, אירע בלויע אויגן, העלפן אים איבערצוטראָגן די מידקייט, דעם ווייטאָג אין די פיס, די יסורים. קומט די נאַכט, ווערט די וועלט ווי אויס־געלאָשן. נעמט אים אָרום אַ קאַלטער ציטער. זעצט זיך ערגעץ אונטער אַ בוים, אָדער אונטער אַ ביסל צונויפגעלייגטע תבואה און הערט זיך איין אין דער שטילקייט וואָס ווייעט מיט סכנה.

אַ צווייטן אָוונט טרייבט אים דער הונגער אַנצוקלאַפּן אין אַ דאָרפישער כאַטע. אַן אַלטער פּויער בעט מיט אַ — פּאָזשאַליסטאַ אים צום טיש,

אַרום וועלכן עס זיצן ביי אַ שיסל קאַרטאָפל מיט קרויט, דער פויער, זיין ווייב און צוויי דערוואַקסענע טעכטער. זיי קוקן אויף אים מיט נייגער און טרויער. רוקן אים אונטער צו עסן, און איינע פרעגט:

— ביסט זעט אויס נישט קיין סאָוויעטישער מענטש? ווייל ביי אונדז טראָגט מען נישט אַזאַ גוטע סחורה ווי דיין פידזשאַק.

געשטילט דעם הונגער, ציט זיך שמחה אויס אין שטרוי און ווערט אַנטשלאָפן. פאַרטאָג פאַרלאָזט ער די כאַטע און דעם קאָלכאָזישן דאָרף באַגלייט מיט אַ בילן פון הינט. ווידער אַ טאָג פון וואָגל צווישן פליטים און זעלנער. אין אָוונט טרייבט אים אַ דראָבנער רעגן צו זוכן שוץ אונטער אַ דאַך פון אַ פאַרלאָזטער כאַטע, פון אַ ווינקל שרעקן אים ווילד קאַצישע אויגן. ער נעכטיקט ביינאַכט אין פעלד, פאַרטאָג זיך צו לאָזן קיין האָמעל, דאָרט זענען דאָ יידן. שפּאַנט ער איבער אומבאַקאַנטע וועגן, דורך פרעמדע דערפער. שלעכטע פויערים קוקן אויף אים מיט שינאה, ווער ווייסט וואָס פאַראַ שלעכטס ער האָט זיי געטאָן? עס טרעפט אָבער אַ פויער וואָס גיט אַ שטיק ברויט און שעפּטשעט אין אויער אַריין:

— אַנטלויף סינאָק, די דייטשן גייען אויף האָמעל!

מיידט ער אויס האָמעל, און מיט די צעריסענע שיך לאָזט ער זיך איבער פייכטע ערד און בלאָטעס צום טייך סאָז. שפּאַנט דורך שמאָלע שטראָמען, אָרעמע כאַטעס. אַ פויערטע דערלאַנגט אים וואַסער צום טרינקען און דער־ציילט אים אַז די דייטשן דערשיסן יעדן יעוורעי וואָס זיי טרעפן. לויפט ער ווי אַ געטריבענער הונט נישט אַריינצופאַלן אין די מערדערישע הענט, ביז ער פאַלט אין דער נאַכט אַ מידער אין אַ טיפן שלאָף. כאַפּט זיך אויף מיטן חלום וועגן גאָלדעלען. צו לעבט זי נאָך ערגעץ? דער שרעקליכער הונגער מאַכט אים אין אַלץ פאַרגעסן און מיטן חלום וועגן ברויט איילט ער צו די הייזלעך וואָס מאַלן זיך אויפן האָריזאָנט. ער קריכט אַריין אין אַ יידיש שטעטל אין מיטן פון אַ מהומה, געשרייען, ספּאַזמען. כאַפּט אים אָן אַ האַנד מיט אַ בייזן געשריי — פאַרפלוכטער יודע! און מען טרייבט אים שוין מיט אַ מחנה יידן באַגלייט מיט אַ געוויין פון ווייבער. צו ווייגט נישט ערגעץ זיין מאַמע? איז צו וואָס איז געווען זיין וואָגל, זיין לויפן, ווען פון גורל נישט געקענט אַנטלויפן? בלייבט אים נאָר צו שטאַרבן ווי אַ געפאַנגענע

חיה? צו וועט גאָלדעלע ערגעץ באַוויינען זיין טויט? טויכט פאַר אים אויף איר פּרעכטיק געשטאַלט, איר פאַרכישופטער שמייכל, און זיין מוח בליצט אויף אַ געדאַנק — אַנטלויפן. ער הערט דוכט זיך אַ רוף פון זיין מאַמען — אַנטלויף מיין זון, ראַטעווע זיך! כאַטש דאָס באַדייט אַ קויל אין רוקן, דאָך גיט ער זיך אַ דריי אַרויס פון דער רייע, ער לויפט, עס ציטערן אונטער אים די פיס, און ער וווּנדערט זיך וואָס מען הערט נישט קיין שאָס און ער פילט נישט קיין ווייטאָג. אַנשטאָט טויט עפנט זיך פאַר אים אַ ליכטיקע וועלט אָן דייטשן, מיט אַ צווישטשען פון פייגל. לויפט ער גיך ווי געטריבן פון ווענטן. ביי יעדן שאָרך באַהאַלט ער דעם קאָפּ אין די זאַנגען. פון ווייטנס הערן זיך איינציקע שאָסן, און פאַר די אויגן וואַקסן אויס די קאָנטורן פון אַ דאָרף. צו וועט ער דערגרייכן? לויפט ער מיט די לעצטע כוחות, ביז עס פאַרציט זיך אַ פינצטערניש פאַר די אויגן און ער פאַרזינקט אין אַ זיסן חלום. ער כאַפּט זיך אויף אין אַ פרעמדע כאַטע, אַ פויערטע גיסט אים טיי אין מויל אַריין, דערנאָך אַ שטיקל ברויט, און ער ווערט צוריק אַנטשלאָפן אויף שטרוי. פאַר טאָג גיט אים די פויערטע ווידער טיי מיט אַ שטיקל ברויט. ברענגט אַ פאַר אַלטע לאַכעס און זאָגט צו אים:

— טו דאָס אָן סינאָק, אין דיינע קליידער ביסטו אַ פאַרפאַלענער, די פויערים זענען שלעכט און געבן איבער יעדן יעווריי אין די הענט פון די דייטשן. דו האָסט זיכער ערגעץ אַ מאַמען וואָס בעט אויף דיין לעבן אַזוי ווי איך בעט פאַר מיין זון וואָס געפינט זיך אין דער רויטער אַרמיי. אפשר וועלן גוטע מענטשן אויך אים העלפן? טו אָן אויך דאָס היטל, אַזוי זעסטו אויס אַ דאָרפישער, דער עיקר דערקלייב זיך צום וואַלד, דאָרט זענען דאָ אונדזעריקע.

צום וואַלד איז אָבער ווייט, מען זעט פון אים בלויז אַ טונקלענעם פלעק אויפן האָריזאָנט. דאָך שפּאַנט ער צו אים מיט האָפענונג און שנעלע טריט. אָן אָנפאַרנדיקער דזשיפּ מיט דייטשן מאַכט ציטערן זיין האַרץ. אָבער אומזיסט זיך דערשראָקן, זיי קוקן אויף אים גלייכגילטיק, זעט אויס נישט דערקענט אַז ער איז אַ ייד. שפּאַנט ער מיט האָפענונג ווייטער. דער וואַלד נעמט אים אַריין אין איר סודותדיקער שטילקייט. טרייסלט ער פון זיך אַראָפּ דעם פחד, דיביימער פאַרדעקן און באַשיצן. פריינדליך קוקן אויף אים

די אַלטע אָלכעס און ווייסע בעריאָזעס. ערגעץ קוואַקען די זשאַבעס פון די פאַרוואַקסענע זומפּן און פּייכטן מעד, עס שמעקט מיט זשיוויצע און פּאַפּרויטש, דער גערוך פון שוואַמען און פּאָזשאָמקעס. וואַסערט אים דאָס מויל, און ער שלינגט פּאָזשאָמקעס און מאַלינעס צו לעשן דעם הונגער. ווילט זיך אים דעם גאַנצן וואַלד און יעדן בוים אויסקושן, ווי אַ טייערן פריינד, וואָס באַהאַלט אים פון מענטשן־חיות. אין דער וואַלדישער טיפעניש ווערט אָבער פרי נאַכט. קומט מיט די פינצטערניש און שטילקייט די שרעק. קריכט ער אַרויף אויף אַ ברייטן בוים און צעלייגט זיך אויף אַ גראָבן צווייג. די האַרטקייט און דער מורא אַראָפּצופאַלן לאָזט אים נישט איינשלאָפן. יעדער רויש, דער שאָרך פון ווינט איז ווי אַ ווילדער ברומען. אויך די שטילקייט שרייט, דער וואַלד וויינט, דיביימער קרעכצן. ווילט זיך אים ווי אַ קינד צעוויינען, אָבער פאַר וועמען? האָט ער נאָך ערגעץ אַ נאָענטן? איז צו וואָס דאָס לויפן, וועמען איז ער דען נאָך נויטיק? ווערט ער דען נישט געטריבן פון גורל ווי אַ שפּענדל פון ווינט, ווי אַן איינזאַמער זעגל אויפן שטורעם? די נאַכט ציט זיך ווי אַן אייביקייט, מיט מוראדיקע מחשבות. ערשט ווען אויפן הימל באַוויזט זיך דער בלאַסר פלעק פון טאָג קריכט ער אַראָפּ און ווערט אַ מידער אַנטשלאָפן אונטערן בוים. כאַפּט ער זיך אויף, ווייסט ער נישט ווו שפּעט איז, ווו אַהין צו גיין. נישטאָ אין וואַלד קיין אָנהייב, קיין סוף. בלאָנדזשעט ער צווישן די שטומע ביימער מיט בענקשאַפט צו אַ מענטשליך געשטאַלט. אין מח מראָדזשעט און פּלאָנטערן זיך זכרונות און חלומות, ער זעט פאַר זיך די רוישיקע וואַרשעווער גאַסן, זיין טעמיק שטעטל, די היים, און גאָלדעלע. דער הונגער און פּחד קענען נישט פאַרלעשן די בענקשאַפט און די יסורים וואָס גליען אין זיין ברוסט. ער זעט זי שטענדיק פאַר די אויגן, זי באַגלייט אים אויף אַלע וועגן פון זיין וואָגל. אַרום שרייט די וואַלדישע שטילקייט, צו ווועט ער אַמאָל זיך פון דאַנען אַרויסקריגן, אָדער אויסגיין אין עלנטער איינזאַמקייט? פּלוצלינג וועקט אים אויף צום לעבן אַ מענטשליך קול פון אונטער די ביימער:

— סטוי, רוקי וויערך!

שׂמחה האָט קוים כּוח די הענט אויפצוהייבן, דאָך אַ דערפרייטער צו

זעען אונטער דער לופּע אַ מענטשליך פּנים, נישט פון קיין דייטש. אויף דער פראַגע — קטאָ טי? ענטפערט ער — יאַ יעווריעי.

לאָזט דער רוסישער זעלנער אַראָפּ די ביקס און פירט שׂמחהן אַוועק צווישן דיביימער צום קאָמאַנדאַנט, אַ הויכן מוטיקן מאַן וואָס דערקענט, אַז מער פון אַלץ נויטיקט זיך שׂמחה איצט אין עסן, שטעלט ער אים נישט קיין סך קשהס און שׂמחה זיצט שוין אין מיטן פון אויסגעהאַקטע ביימער אַרום אַ פעלד קיך, שלינגט מיט גרויס אַפּעטיט די זעלנערישע קאַשע. צווישן נישט געוואַשענע זעלנערישע קערפּערס מיט ריח פון שווייס און מאַכאָרקע, שאַרט זיך צו אים צו אַ זעלנער וואָס זאָגט, אַז ער איז אַ ייד פון קאַווקאַז, כאָטש ער ווייסט וועגן יידן בלויז אַז זיי האָבן געהאַט אַמאָל אַ לאַנד פּאַלעסטינע און אַ קעניג דוד. דערפאַר גיט ער שׂמחהן די האָפענונג אַז די מיליטערישע גרופּע וועט געלונגען זיך אַרויסצוקריגן דורכן וואַלד פון דער דייטשער אַרומרינגלונג, כדי צוריק זיך פאַראייניקן מיטן סאָ־וויעטישן פראָנט. איז שׂמחה מער נישט איינזאַם. אים שרעקט מער נישט די וואַלדישע שטילקייט, ער איז געבונדן מיטן גורל פון דער באַוואָפנטער אָפּטיילונג. קומט די נאַכט, ציט ער זיך אויס אונטער די ביימער צווישן באַשטיוולטע פיס אַרום אַ שייער. צווישן רויך און מאַכאָרקע ריח הערן זיך רייד וועגן נקמה קעגן די פאַרהאַסטע דייטשן, און דערציילונגען וועגן היימישע קאָלכאָזן, דאָרפישע זונטיקן און פריילעכע גולאַנקעס מיט רויט־באַקיגע קראַסאַוויצעס. אָט צעזינגט זיך ווער אין דער נאַכט אַריין:

עס שרעקט מיך נישט דער טויט,
נישט איין מאָל מיט אים זיך געטראָפן אין שלאַכט.
די ליבע איז שטאַרקע פון אים,
קיין קויל קען זי נישט פאַרלעשן.

פאַרטאָג גיט אַ באַפעל אַ וויג דער זעלנערישער מאַסע, ווי דער גאַנצער וואַלד וואָלט געוואָלט מען שפּאַנען. ס׳דאַכט זיך אַז עס גייען מיט די ביימער, און שׂמחה מיט זיי. אין קליינע הפסקות כאַפּט מען אַריין אַ זעלנערישע קאַשע, מען רוט נאָר אין די נעכט, ווו צווישן רויך און חלומות טראָגט זיך דער פאַרבענקטער געזאַנג:

דו וואַרטסט אויף מיר,
ביים קינדס וויגל זיצסט דו און טרוימסט,
אַ דער גלויבן שטאַרקט מיך אין קאַמף,
אַז צו דיר וועל איך קומען צוריק.

קומט אַ טאָג וואָס נעמט אַלעמען אַרום אַ געשפּאַנטע דערוואַרטונג. מען שטייט ביים ראַנד פון דעם ריזיקן וואַלד, נישט ווייט איז דער שׂונא, מען הערט דעם עכאָ פון האַרמאַטן־שאָסן. רייניקט מען נערוועז די ביקסן און מען וואַרט שווייגנדיק די זון זאָל פאַרגיין און עס זאָלן צוריק קומען די אויסשפּירער. ערשט אין חושך שאַרט מען זיך אין קליינע גרופּן, מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם איבער אַ ברייט פעלד צום נאָענטן וואַלד. רייסט מען זיך וואָס גיכער אַהין, ווי עס זענען נישטאָ קיין היטלעריסטישע באַנדיטן, נאָר דער פייגל געזאַנג. מיט פרייד כאַפּט מען זיך אַריין אין די נייע וואַלדישע שטילקייט. פאַרטאָג אָבער פליִען אָן דעם שׂונאס עראָפּלאַנען, וואַרפן צינד־באָמבעס און דער וואַלד נעמט ברענען פון אַלע זייטן. לויפט מען שוין צווישן פלאַמען, די ערד ברענט אונטער די פיס, אין האַלדז שטיקט דער רויך. לויפן מען מיט די לעצטע כוחות ביז פאַר די אויגן עפנט זיך אַ ברייטער סטעפּ. אויף דער ערד האָט נאָך קיין היטלעריסטישער שטיוול נישט געטראָטן, מען הערט אָבער דאָס רעווען פון זייערע האַרמאַטן און פון הימל רעגנט מיט בליי. לויפט מען אַלץ ווייטער איבערן סטעפּ אַ צע־אַקערטער פון טראַנשייען, אויפן הימל אַ שווידערליכער זשומען פון עראָ־פּלאַנען שטעלט אָפּ אויף מינוטן דאָס קלאַפּן פון האַרץ. אָט הייבן זיך איבערן דאָרף פלאַמען, עס טראָגט זיך אַ קי־מעקען, אַ הינט־בילן, ווי פון אַ לעבן דער לעצטער גרוס. אָט קומען אָן נייע געשטיוולטע זעלנער צו וואַרפן אין גיהנום זייערע יונגע לעבנס. ס'איז אַ ליכטיקער טאָג פאַרזייעט מיט טויט. אָט ליגן אויסגעצויגענע פיס און פאַרשטומטע מיילער. איבער זיי לייכט די זון. עס טראָגט זיך פון ווייט אַ פאַלימיאַטישער אָרקעסטער. אָט לויפט דורך אַ גראַנאַט מיט אַ זשום און אַ קללה. אַ לעבן לאָזט אַרויס זיין לעצטן קרעכץ. ווילט זיך אויך שׂמחהן אויסציִען אַ מידער צווישן די טויטע און אויסשרייען — גענוג, כ'קען מער נישט לעבן! בליצט אָבער אויף דער געדאַנק פון

זיין היים, די מאַמע, גאָלדעלע. טאַפּט ער די פאַרשריבענע בלעטלעך, צו זיי זענען נאָך דאָ. עפּעס האָט ער אין זיי נאָך נישט אַלץ איינגעשריבן, ער מוז נאָך דערשרייבן. אַז ער וועט מער נישט זיין, זאָלן זיי דערציילן וואָס הייסט צאַנקען צווישן לעבן און טויט. ווי שטאַרק עס ווילט אים לעבן, ווידער שפּאַצירן מיט גאָלדעלען. פאַרנאַכט שטעלט זיך איין דאָס פייער. הערן זיך שוין מענטשלעכע קולות, דאָס רופט מען זיך איבער פון די טראַנשייען — איוואַן פּיעטראָוויטש, ניקאָליי יעפימאָוויטש! פאַלט צו די נאַכט, איז זי נישט צום רוען, נאָר צו אַנטלויפן אין איר פינצטערניש פון גיהנום. קריכט ער אַרויס פון זיין גרוב. ס'איז אַ נאַכט פון פּחד. לויפט, פאַלט און לויפט ווייטער. אויפן וועג שטעלן אים אָפּ אויסגעשטעקטע ביקסן. מען פרעגט אים — קטאָ טי? און מען לאָזט אים ווייטער לויפן. די לבֿנה באַלייכט אים דעם וועג מיט איר קאַלטער ליכט. פון ערגעץ הערט זיך אַ סנאַריאַדן־אויפרייס און ער לויפט מיטן איינציקן געדאַנק — צו בלייבן לעבן. פאַרטאָג באַקומט ער זיך אַרויף אויף אַ מיליטערישער מאַשין וואָס פירט ביז וואָראָ־ניעזש. אָבער אויך דאָ פיבערט אַלץ און מען אַנטלויפט אין בהלה. לאָזט ער זיך מיטן מענטשן שטראָם צו פוס צום דאָן... ביים טייך טרעפט ער טויזנטער מענטשן ווי שאָטנס, פאַרעיפּושטע, קרעציקע קערפּערס, פאַרחלשטע קינדער, וואָס זייגן פון ליידיקע ברוסטן. מענער מיט באַנדאַזשירטע הענט, באָרוועסע פוס, אויסגעדאַרטע מיידלעך וואָס האָבן שוין פאַרגעסן ווי מען לאַכט, לייבער מיט אָפענע געשווירן, מענטשן אַרויסגעטריבענע פון אייגענע היימען דורך עפּעס אַ גרויזאַמען בלוטיקן בריטאַן, געטריבן אַהער צו פּראַווען דאָ אַן אָרגיע פון עלנט און הונגער. קומט אָן אַ ברייטע באַרקע, באַפאַלט מען זי ווילד, יעדער וויל זיך דאָ אַריינקריגן. אויף יענער זייט דאָן לאָזט זיך שׂמחה ווידער צופוס ביז דער נאָענטסטער באַן־סטאַציע. דאָ כאַפּט ער זיך אַרויף אויף אָפענע וואַגאָנען מיט מאַשינען פון עפּעס אַן עוואַקויִרטע פאַבריק, צווישן קאַסטענעס און מאַשינען זיצן איינגעקאָרטשעט זקנים, מאַמעס מיט קינדער איינגעוויקלטע אין שמאַטעס. אויפן וועג פליִען אָן צוויי דייטשישע עראָפּלאַנען און באַוואַרפן דעם צוג מיט באָמבעס. זיי געלונגט צו צעשמעטערן די לעצטע וואַגאָנעס. מיט מאַשינען, מאַמעס און קינדער. מיט דעם נישט צושמעטערטן טייל פון צוג קומט שׂמחה אָן קיין

סאַראַטאָוו. דאָ זענען אַלע גאַסן אַרום וואָקזאַל פאַרפלייצט מיט פליטים. צווישן זיי דרייען זיך אַרום מיליציאַנטן און שלעפּן אַרויס יעדן מאַן אָפּצו־שיקן צום אַרבעטס־פראָנט.

נישט געקוקט אויף זיין יונגקייט, שיקן זיי אויך שמחהן אַוועק אין אַ נאָענטן פּאָשאָלעק, ווו עס געפינט זיך אַ פלי־פּלאַץ מיט בענזין ציס־טערנעס, מיט וואַרקשטאַטן צו פאַריכטן עראָפּלאַנען. שמחהס אַרבעט איז דאָ מיט פּאַרב צו פאַרמאַסקירן פאַרן שונא די ציסטערנעס, די דעכער פון די געביידעס און באַראַקן. באַקומט ער דערפאַר יעדן טאָג זיין נאָרמע ברויט, אַ שיסעלע קרויט באָרשט און אַ געלעגער מיט וואַנצן אין אַ גרויסן געצעלט מיט אַסך בעטן. אין די אָוונטן מאַרשירט ער מיט די אַנדערע מענער אַוועק אין פעלד זיך לערנען שיסן. נאָך דעם מאַרשירט מען צוריק מיט אַ הויכן געזאַנג צו יונגע קראַסאַוויצעס און צו דער געטרייער ביקס:

ביקס מיין ביקס, שלאָג אָן רחמנות איבער די קעפּ פון דעם שונא
און איך וועל מיט מיין שאַרפער שווערד דיר העלפן.

דערנאָך געביסן פון וואַנצן, טראַכט ער לאַנג אין זיין שלאָפלאָזיקייט וועגן דעם גרויל פון מלחמה, וועגן אָט דעם בלוטיקן ספּעקטאַקל וואָס עס טראָגן אונטער די אַלע דזשינגיסכאַנען און איוואַן גראָזשניס, די קאָמעדיאַנטן און וועלט אונטערצינדער, אָט די אַלע הערשנדיקע טיפּשים וואָס טרייבן נאָך גרעסערע טיפּשים צום שעכט־הויז. זיי וועלן דערפאַר פאַראייביקט ווערן פון היסטאָריקער, באַזינגען ווערן דורך פּאָעטן. אַנשטאָט אַראָפּצורייסן די קרוינען פון אָט די גרעסטע מענטשליכע פאַרברעכער, שרייען מיליאָנען זיי „הוראַ״ אין די גאַסן.

צווישן די מאָביליזירטע פון דעם אַרבעטס באַטאַליאָן דרייט זיך אַרום דער בריגאַדיר וואַסקאַ, מיט אַ בלינד אויג און כיטרען שמייכל, חוזקט פון יידן, און זאָגט אַז די דייטשן מיינען גאָר נישט „אונדזערע ברודער״ און פירן די מלחמה נאָר קעגן די יידן. ער זאָגט אויך אַז יידן ווילן נישט אַרבעטן, כאָטש אַליין איז ער פויל עפּעס צו טאָן. ער איז אָבער נישט פויל מיט גאווה צו דערציילן ווי אַזוי ער האָט אין דער צייט פון בירגער קריג זיך פאַרוואַנדלט אין אַ באָלשעוויסטישן גערוי, ער דערציילט עס אַזוי:

— אין יענער צייט פלעגט אונדזער שטאָט אין אוקראַינע איבערגיין פון איין באַנדע צו דער צווייטער. היינט פעטלוראַ, מאָרגן וורַאַנגעל, קראַס־נאָוו אָדער גאָר די באָלשעוויקעס. איך בין דאַמלט געווען יונג און אַנטקעגנ־געלאָפן יעדע אַריינמאַרשירנדיקע באַנדע מיט אַ „הוראַ״, דערפאַר פלעגן זיי מיר באַלוינען מיט אַ ביסל מאַכאָרקע. זייענדיק אָבער אַמאָל שטאַרק בגילופין בין איך אַנטקעגנגעלאָפן מיט אַ — „זאָל לעבן לענין! זאָל לעבן טראָצקי״! מיינענדיק אַז דאָס זענען די באָלשעוויקעס, נאָר געווען זענען דאָס די קראַסנאָווצעס. האָבן זיי מיך דערפאַר באַלייגט מיט קלעפּ און געפּאָדערט איך זאָל אויסגעבן אַלע באַהאַלטענע באָלשעוויקעס. אַזוי ווי כ׳האָב אַזעלכע גאָר נישט געקענט, האָבן זיי מיך נאָך מער געשלאָגן ביז זיי האָבן מיך ווי אַ טויטן אַוועקגעפירט אויפן קלאַדביש. אַז כ׳האָב אַ טויט־פאַרחלשטער דערשפּירט אַז זיי גייען מיך באַגראָבן, האָב איך מיט די לעצטע כוחות גענומען שרייען אַז איך לעב, נאָר זיי האָבן מיר נישט געגלויבט און מיך געזידלט:

— סטול פּיסק סוואָלאַטש! אַז דער קאָמאַנדיר זאָגט אַז דו ביסט טויט ווייסט ער דאָס בעסער פון דיר.

צו מיין גליק איז גראָד מיט בליץ גיכקייט אָנגעריטן אַ באָלשעוויס־טישער אָטריאַד און כ׳בין געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט. איך בין טאַקע געבליבן מיט איין אויג, מיט אַ צעבראָכענעם פּוס, דערפאַר אָבער — אַ סאָוויעצקי געראָי. ווען מען כאַפּט מיך נישט שפּעטער ביי עפּעס אַ גנבה וואָלט איך היינט געווען אַ גאָר וויכטיקער פאַרטיי מאַן און הויכער נאַטשאַלניק. צוליב דעם בלינדן אויג גייט וואַסקאַ נישט אויפן פראָנט. ווען דער צווייטער בריגאַדיר — וואָס האָט נישט וואַסקאַס מזל — איז פּלוצ־לונג מאָביליזירט געוואָרן און זיין געטריי ווייבל וואָס האָט אים צו דער אַרבעט געבראַכט יעדן טאָג דעם פרישטיק, פאַרברענגט איצט די נעכט אויפן פראָנט פון זינד מיטן זעלבן אָפיציר פון „וואָיענקאָם״ וואָס האָט איר מאַן אַוועקגעשיקט צום פראָנט פון בלוט און פייער.

שמחהן איז אָבער גאָר נישט היימלעך אויף דעם פראָנט פון אַרבעט ווי עס ווויען פון אומעט די ווינטן און עס בייסן די וואַנצן. אָבער ערגער איז די מאַלאַריע וואָס מאַטערט זיין קערפּער און פּיבערט אים אָפּ עטליכע

שעה אין טאָג. די אַלטע גוטע דאָקטאָרין פֿאַרשרייבט אים כינין, וואָס העלפֿט אים ווייניק און ער ווערט שוואַכער פֿון טאָג צו טאָג. דערווייל דערנענטערט זיך אויף אַהער דער שׂונא, באַקומען די פּאַרטיי־לייט און די יידן דאָס רעכט זיך צו עוואַקואירן. גייט שׂמחה צו דער גוטער דאָקטאָרין זי זאָל אים מיטגעבן כינין אויפֿן וועג, אָבער זי דערהערנדיק אַז ער אַ געפּערלעך קראַנקער גייט זיך לאָזן אין אַ שווערן וועג, וואָרנט זי אים און זאָגט:

— צו וואָס פֿאַרסטו פֿון דאַנען, איז דען נישט באַקוועמער צו שטאַרבן אין אַ בעט ווי אויף די וועגן אין קאַלטע וואַגאָנעס?

שׂמחה הערט אָבער נישט איר פֿריינדליכע עצה און לאָזט זיך אויף אָפֿענע וואַגאָנען, אונטער האַרבסטיקע זאַוויעען אַוועק ערגעץ אין דער אומבאַקאַנטקייט. דער שאַלאָן שלעפּט זיך ווי אַ טשערעפּאַכע, בלייבט שטיין אויף האַלבע טעג. דאָ פֿאַרפֿעלט קוילן, דאָרט לאָזט מ׳דורך מיילטערישע צוגן. פֿייניקט די קעלט און דער הונגער, נאָר די מאַלאַריע האָט ער פֿאַרלוירן אויף די וועגן. אַ הונגעריקער אָבער אַן אויסגעהיילטער פֿון דער שרעקליכער קרענק קומט ער אָן אין אוראַלער אָבלאַסט, און ווי אַנדערע עוואַקואירטע ווערט ער צוגעטיילט צו אַ סאָווכאָז.

5.

אַ מידער פֿון וואַגל נעמט שׂמחהן אַרום די דאָרפֿישע שטילקייט. איבער דער וועלט טראָגט זיך דער בלוטיקער שטורעם מיט שׂרפֿות און אָט דאָס פֿאַרוואָרפֿענע ווינקעלע איז איינגעהילט אין אייגענע דאגות, אין אָרעמקייט און הונגער, כאָטש דאָס איז אַ גאָר רייכער סאָווכאָז — אַ ברויט פֿאַבריק, וואָס פֿאַרמאָגט טויזנטער דונאַם ערד. צוויי טויזנט מעלקנדיקע קו, פֿערד, אָקסן, קעלבער, טראַקטאָרן און קאָמביינען. און דאָך, נישט נאָר די מענטשן, נאָר אויך די קי, אָקסן און קעלבער גלאָצן מיט הונגעריקע אויגן אין די ליידיקע קאָריטעס. די שטומע ציינגער האָבן נאָך נישט אויסגעלערנט די סאָוויעטישע עקאָנאָמיע, מעקן זיי אומבאַהאָלפֿן און שטעלן נישט צו דער מדינה זייער נאָרמע מילך. זיי קען מען אָבער פֿאַר סאַבאָטאַזש נישט פֿאַר־

שיקן, באַשטראָפט מען דערפאַר די סאָווכאָזניקעס און מען גיט נישט זייערע קינדער קיין מילך צו טרינקען. בלויז די מעלקערינס ביים מעלקען טרינקען זיך אָן מיט מילך וויפל עס גייט נאָר אַריין אין האַלדז. די מיינסטע מענער זענען פאַרשיקט, אָדער אויפן פראָנט, פאַלט דער גאַנצער עול פון דער אַרבעט אויף די פרויען. צו זיי זאָגט עס דער פּאָליטרוק אויף אַ פאַרזאַמלונג:

— אייער סאָווכאָז האָט היי יאָר פאַרגרעסערט דעם פאַרזיי־שטח מיט גאַנצע 7 פּראָצענט, אָבער אונדזער געניאַלער חבר סטאַלין לערנט נישט צופרידנשטעלן זיך מיטן דערגרייכטן און ער וואָרנט אונדז קעגן „קאָפּ־שווינדל פון דערפאָלג". דאַרפן מיר מער און נאָך בעסער אַרבעטן און העלפן צום זיג איבער דעם פאַרהאַסטן שונא. מיר טאָרן נישט פאַרגעסן אַז מיר האָבן דאָס גרויסע גליק צו לעבן אין דער סטאַליניסטישער עפּאָכע.

ביי יעדעס מאָל ווען ער דערמאָנט סטאַלינס נאָמען הויבן אַלע אָן, ווי אויף אַ באַפעל לאַנג צו אַפּלאָדירן. עפּעס אַ באַבושקע דערשרעקט זיך אַז איר אַלטער וועט פון מידקייט איבעררייסן דאָס פּאַטשן, גיט זי אים אַ שטאָרג מיטן עלנבויגן און אַ וואָרטשע אין אויער אַריין — פּראָדאָלזשאַי סטאַריק! (זעץ פאָר אַלטיטשקער).

שׂמחה איז דאָ איינזאַם אָבער נישט הונגעריק. ער נייט הויזן פאַר אַלע וויכטיקע סאָווכאָזניקעס און יופּקעס פאַר זייערע ווייבער וואָס ברענגען אים דערפאַר פּעטע קרויט־זופּן און אַ פריינדליך וואָרט. ער קען אָבער נישט דערשטיקן אין זיך די אומעט און בענקשאַפט, פאַר וועמען זאָל ער אויסגיסן זיין האַרץ? נישט פאַר סטאַלינס בילד און נישט פאַר דער הייליקע איקאָנעס וואָס הענגען אויף דער וואַנט און נישט פאַר זיין איינזאַמער כאַזייקע וואָס בענקט צו איר קאָזאַק וואָס איז ערגעץ פאַרשיקט. כאָטש דער דירעקטאָר פון סאָווכאָז, וואָס פאַרמאַכט זיך מיט איר אין צווייטן צימער, זאָרגט זי זאָל זיין זאַט און האָבן אַ גרינגע אַרבעט. אויך זיין ווייב וואָס דינט אים מיט געטריישאַפט, ברענגט דער כאַזייקע געשמאַקע פּיעראָשקעס און חניפה, ווי זי וואָלט איר אויך עפּעס אָנגעהערט, און פאַרגעסט נישט צו ברענגען אויך פאַר שׂמחהן פּיעראָשקעס.

אין דער שכנותדיקע כאַטע וווינט די משפּחה פון אַ טראַקטאָריסט. ער איז נישט אויפן פראָנט ווייל דער סאָווכאָז נויטיקט זיך אין זיין

פאַכמענישקייט. זיין ווייב נויטיקט זיך אָבער אויך אין דעם הויכן זאַווכאָז (ווירטשאַפטס פאַרוואַלטער) וואָס ברענגט איר קעז און פּוטער פון דער סאָווכאָזישער פּוטער פאַבריק. אַוודאי טאָר מען דאָס נישט אַרויסטראָגן, דאָס גייט פאַר דער אַרמיי. אָבער ער איז דאָך דער באַלעבאָס און דעם טראַקטאָריסטס ווייבל איז אַ געזונטע מיט אַסך אַפּעטיט. זי האָט אָבער צו אים טענות, פאַר וואָס ער טראָגט אויך אַ ביסל פאַר זיין ווייב, ברוגזט זי זיך:

— צו וואָס דאַרף דיין דאַרע שקאַפּע פּוטער מיט קעז?

אָדער זי איז גאָר חושד אַז ער כאַפּט זיך אַמאָל צו צום אייגן ווייב, זידלט זי אים:

— פאַר וואָס קריכסטו צו דיין ווייב ווי אַ חזיר אין מיסט?

און זי לאָזט אים לאַנג וואַרטן אונטער דער טיר, קריגט אָבער אויף אים רחמנות, לאָזט אים אַריין, טרייבט אַרויס די קינדער און פאַרהענגט דאָס פענצטער. זונטיק אַז ער ברענגט אַ פלאַש וואָדקע טרינקט ער מיט איר מאַן פאַר איר געזונט. דערנאָך וואַרפט זי אים אַ שיכורן אַרויס אין דרויסן, ווי עס וואַרט שוין זיין ווייב אים אַהיימצושלעפּן.

נאָר ווייבער וואָס ווייסן נישט פון זאַטקייט און נישט פון דעם טעם פון אַ מאַן חלומען אין זייער איינזאַמקייט וועגן ברויט, הערן זיך איין אין דעם וואָיען פון די הונגעריקע וועלף און בענקען צו זייערע פאַרשיקטע קאָזאַקן, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט גיין פרייוויליק אין קאָלכאָז, אָדער אַ שאָד געווען זיי אָפּצוגעבן אַ בלינדע שקאַפּע פאַרן סאָציאַליזם. זיפצן זייערע ווייבער צו די הייליקע איקאָנעס — אוי דאָלאַ, מאַיאַ דאָליאַ. נאָר צו אַנאַ איוואַנאָוואַנאַס מזל האָט זיך צו איר פאַרקליבן עפּעס אַ קאָנטור־זשירטער, אַ ביסל הינקענדיק און איילט זיך נישט אַהיים צום אייגענעם ווייב און קינדער. האָט זי אויף אים רחמנות, געקומען נעבעך פון פראָנט און טיילט מיט אים די קרויט באָרשטן, מיטן געלעגער. אָבער פאַרטאָג ווען זי גייט מעלקן די קו כאַפּט ער זיך צו צו די קליינע ברוסטלעך פון איר 16 יאָריקער טאָכטער, ווי ביי נאַכט צו די קיילעכדיקע ברוסטן פון איר מאַמע.

אָפּגעריסן פון דער וועלט און אירע געשעענישן טרייבט שמחהן דער אומרו פון דער לאַנגווייליקייט צו נייעם וואָגל. אים קומט אָבער אַביסל געלט

פון סאָווכאָז פאַר נייען הויזן און היטן ביי נאַכט די קי שטאַלן. גייט ער צום בוכהאַלטער זיך אָפּרעכנען. דער הויכער בוכהאַלטער כאַפּט גלייך דאָס רעכן־מאַשינדל און מיט גרויס חשיבות נעמט ער דרייען ביים הענטל, אַהער און צוריק, עס באַקומט זיך אָבער פאַר שׂמחהן אַ גאָר לעכערליכע סומע. אים קומט דאָך אַ סך מער, זאָגט ער צום בוכהאַלטער:

— וואָס טויג דיר די רעכן־מאַשינקע צו אַ פּשוטן חשבון, מען קען דאָך דאָס גאָר לייכט באַרעכענען אויפן פּאַפּיר.

— דאָ איז דיר נישט דאָס פּעדאַלע פון פּאַנעס — זאָגט דער בוכהאַלטער מיט רוגזה — אין סאָוויעצקי סאַיוז באַנוצט מען פאַרגעשריי־טענע טעכניק.

— אָבער דיין מאַשינקע האָט דאָך אַ טעות — טענהט אַלץ שׂמחה.

— די מאַשינקע קען קיין טעות נישט האָבן — ענטפערט מיט שטאָלץ דער בוכהאַלטער.

בלייבט שׂמחהן זיך נאָר צו פאַרקלאָגן פאַרן דירעקטאָר. דער הערט אים אויס און שרייבט אָן אַ צעטל צום בוכהאַלטער ער זאָל נאָך אַ מאָל איבערעכנען. דרייט ער שוין ווידער דאָס הענטל פון דער רעכן־מאַשינקע און דאָס מאָל באַקומט זיך פאַר שׂמחהן אַ צו גרויסע סומע, ווערט דער בוכהאַלטער רויט פון כעס און שרייט אויס:

— ס׳קען נישט זיין, ס׳איז אַ טעות!

— האָסט דאָך געזאָגט אַז די מאַשינקע קען נישט האָבן קיין טעות — דערמאָנט אים שׂמחה. אָבער דער הערט אים נישט, דרייט ווידער די מאַ־שינקע און נאָך אַמאָל און יעדעס מאָל באַקומט זיך אַן אַנדערע סומע. ביז ס׳ווערט שׂמחהן נמאס, גייט איין אויף אַ קלענערע סומע ווי אים קומט און געזעגנט זיך מיט דער סאָציאַליסטישער ברויט־פאַבריק פון הונגער און נויט.

ביי דער נאָענטסטער באַן־סטאַציע כאַפּט ער זיך אַרויף אויף אַ דורכ־פאָרנדיקן שאַלאָן מיט פּליטים וואָס פאַרפירט אים צו אַ נייעם פאַרוואָרפענעם העק, צו אַ פּאַשאָלעק נעבן עפּעס אַ קוילן שאַכטע. טראַכט ער נישט לאַנג און לאָזט זיך פון דאַנען צופוס צו דער נאָענטסטער שטאָט. שפּאַנט ער אַליין איבער אַ נאַקעטן סטעפּ פון וויסטן אומעט. אויפן האָריזאָנט וויגט זיך אַ קעמל

מיטן ריטם פון אַ מאָנאָטאָנעם קאַזאַכישן ניגון. אין אָוונט קומט ער אָן צו אַ דאָרף פון לייוונטע געצעלטן, האַלב איינגעזונקען אין דער ערד, זוכט ער דאָ איבערצונעכטיקן אין אַ קאַזאַכישער קיביטקע. אויף אַ גרויסן דיוואַן ליגט דאָ צעשפּרייט אַ יונגער קאַזאַך, זיין פרוי, די קינדער און דער קעמל. דאָס ווייב איז שמחהן מכבד מיט טיי, און דער יונגער קאַזאַך דערציילט אים, אַז ער איז דער איינציקער לערער אין דער דאָרפישער שולע. הערנדיק אַז שמחה איז אַ ייד, פרייט ער זיך צום ערשטן מאָל צו טרעפן וועמען פון קאַראַל מאַרקס פאָלק. דערנאָך ווערט שמחה אַ מידער אַנטשלאָפן, ער כאַפּט זיך אויף איז שוין גרויסער טאָג, ער טרעפט אָבער די וואָס זענען נעכטן געווען אַזוי פריינדליך מיט ברוגזע פנימער, ענטפערן אים נישט אויף זיין „גוט מאָרגן". מיט וואָס האָט ער זיך אין דער נאַכט פאַרזינדיקט? ווייזט זיך אַרויס אַז פאַרטאָג ווען שמחה איז נאָך געשלאָפן האָט דער קאַזאַכישער לערער זיך אַרויסגעכאַפּט פון דער קיביטקע און באַוויזן צו באַקומען פון רוסישע פליטים אַ לעקציע וועגן יידן, אַז צוריקגעקומען איז ער אַן איבער־צייגטער אַנטיסעמיט, אַפילו זיין ווייב, וואָס קען נישט קיין וואָרט רוסיש, מרוטשעט אונטער דער נאָז — יעברעי דזשאַמאַן! טראָגט זיך שמחה גיך אָפּ פון דעם קאַזאַכישן דאָרף אַוועק צו דער נאָענטסטער שטאָט.

שפּאַנענדיק אַ פאַרזאָרגטער איבער די פרעמדע גאַסן שטעלט אים אָפּ אַן עלטערער ייד און פרעגט אים אויס אויף יידיש — פון וואַנען ער קומט. ער פירט אים גלייך אַוועק אין אַ גרויסער מעטאַל־פאַבריק, ווי ער איז אַן אינזשיניער. דאָס איז אַן עוואַקואירטע פאַבריק פון אוקראַינע, וועמענס אַלע נאַטשאַלניקעס, אינזשיניערן און פאַך־לייט זענען יידן וואָס האָבן זיך אַהער עוואַקואירט מיט דער פאַבריק. שמחה באַקומט דאָ גלייך אַ ברויט קאַרטע, אַ פאָר רובל אַן אַוואַנס און אַן אַדרעס צו אַ כאַזייקע, ווי ער וועט האָבן זיין נאַכט־געלעגער. כאָטש שמחה פאַרשטייט נישט צו וואָס דאַרף אַ מעטאַל־פאַבריק אַ שניידער, דאָך לאָזט ער זיך גלייך צו זיין געלעגער. די רוסישע כאַזייקע ווייזט אים זיין בעטל אין אַ ווינקל פון צימער ווי עס קריכן אַרום אויף די ווענט אויסגעפּאַשעטע וואַנצן. לאָזט ער דאָ איבער זיין פּעקל לאַכעס און גייט אַרויס אָנקוקן די שטאָט, ווי דער גורל האָט אים פאַרוואָרפן.

די קאַזאַכישע שטאָט מיט הילצערנע הייזלעך, ענליך צו אַ גרויס דאָרף, איז באַווױנט מער מיט עוואַקואירטע רוסן און יידן ווי מיט קאַזאַכן. די שטאָט פאַרמאָגט נאָר עטליכע צוויי שטאָקיקע געמויערטע הייזער, ווי דער קינאָ, שולעס, מלוכה־הייזער און דאָס נייע הויז פון די באַן־אַרבעטער. ווען נישט סטאַלינס בילדער אויף די געביידעס פון „פאַרטקאָם" און „גאָר־קאָם" וואָלט געווען שווער צו דערקענען אַז דאָ איז אַמאָל פאָרגעקומען אַ גרויסע רעוואָלוציע. ווי אין גאָרקיס ראָמאַנען שטייען נאָך אַלץ די אַלטע הייזער, די זעלבע מוזשיקעס מיט וואָנסעס און גוטע באַבושקעס. דערפאַר אויפן טאָלטשאָק בליט דער סאָציאַליסטישער האַנדל. אַלטע באַבושקעס פאַרקויפן דאָ וואַרעמע פּיראָשקעס, אינוואַלידן האַנדלען מיט סעמיטשקעס, וואָדקע, טאַבאַק, אַלטע שיך און מעדאַלן פאַר העלדישקייט. אַרום די הענדלער און קונים פּלאָנטערן זיך בעטלער, היימלאָזע קינדער און זשוליקעס, וואָס טשאַטעווען מיט זשעדנע אויגן אויף די ווייבערישע קיישלעך. אויף דער צענטראַלער גאַס שיינט פון די אוניווערמאַג פענצטער אַרויס אַ הילצערנע געמאָלטע חלה און מיט גרויסע אותיות ווערט באַקאַנט געמאַכט פאַר אַלעמען אַז מושטאַרדע באַקומט מען אָן שום באַגרענעצונגען, שטייען טאַקע גרויסע אַטשערעס פון ווייבער, קינדער און זקנים מיט דער האָפענונג — אפשר וועט מען עפּעס פאַרקויפן. אויך ביי די צייטונגס־קיאָסקן שטייען אָטשערעס, ווייל וואָס קען זיין נוצליכער פון אַ צייטונג? אין איר קען מען איינפּאַקן הערינג, און צווישן די געדרוקטע שורות קענען קינדער שרייבן אין די שולעס, די אָנגעשטעלטע אין די ביוראָען. אין זיי קען מען וויקלען מאַכאָרקע צום רויכערן און די „פּראַוודאַ" דינט פאַר טואַלעט־פּאַפּיר. די שטאָט פאַרמאָגט אויך אַ שיינעם לעניִן פּאַרק, ווי עס שטייט אַ ריזיקע שטיינערנע סטאַטוע פון סטאַלינען. אַהער קומען אַלע זונטיק פאַרליבטע פּאָרלעך צו טאַנצן אונטער דער מוזיק פון מלחמה־לידער. די גאַסן זענען פול מיט אָפּגעריסענע, פּרויען, געשוואָלענע פון הונגער, היימלאָזע קינדער און פון ענקאַוועדע־לייט מיט גאַנצע שטיוול. צוריקגעקומען טרעפט שׂמחה זיין כאַזייקע ליגן מיט עפּעס אַן אַלטן רוס. ווען דער גייט אַוועק, דערציילט זי שׂמחהן אַז דער איז איר נאַטשאַלניק פון דער פּאָסט ווי זי אַרבעט. אַדאַנק אים וואַרפט מען זי נישט אַרויס פון דער אַרבעט, כאָטש עס פליסן אַריין

אָנקלאַגעס אַז זי נעמט אַרויס דאָס געלט פון די בריוו וואָס מאָביליזירטע שיקן צו זייערע ווייבער און צו אַלטע מאַמעס. דערפאַר מוז זי זיין גוט צו אים, דערצו ווען ער האָט אַ קראַנק ווייב. צום סוף גיט זי צו:

— ביי אונדז אין סאָוויעצקי סאַיוז ווער עס האָט שׂכל ווערט „ניקאַגדאַ וו׳ניגדיע ניע פּראָפּאַדיאַט״ (קיינמאָל און אין ערגעץ נישט פאַרפאַלן ווערן).

צומאָרגנס לאָזט זיך שׂמחה אַוועק צו דער אַרבעט. איבער דער פאַבריקס הימל הענגט אַ רויך־כמאַרע ווי אַ שוואַרצע פאַן. נאָך אַ קורץ שווייגעניש פון איבערגאַנג פון איין שיכט צו דער צווייטער צעהוזשען זיך די מאַשינען. אין ליטיינעם ווי אין מעכאַנישן צעך אַרבעטן הונדערטער רוסישע מיידלעך, רוסישע בחורים צוריקגעקומען קאָנטוזשירטע פון די פראָנטן און עוואַקואירטע יידישע פרויען. שׂמחה ווערט צוגעטיילט אַלס געהילף צו אַ וואַר־שעווער יידישן רימער וועלכער פאַריכט די מאַשין פּאַסן, ווען זיי רייסן זיך איבער. דערביי בלייבן שטענדיק איבער רעשטלעך פון וועלכע מען קען פאַריכטן שיך, זיי האָבן דערפאַר אַ גרויסן ווערט אויפן באַזאַר. דאָס וויכ־טיקסטע פאַר שׂמחהן איז דאָס נייען הויזן פאַר די נאַטשאַלניקעס און דערפון ווי פון די רעשטלעך פּאַסן, דערלויבט ער זיך צו קויפן אויפן באַזאַר אַ שטיקל ברויט, אַ צולאָג צו דער הונגער נאָרמע. כאָטש דאָס איז ווייניק זיך אָנצו־זעטיקן, פייניקט אים אָבער מער דער זאָרג פאַר די טייערסטע, די איינ־זאַמקייט און די בענקשאַפט. דערווייל רוקן זיך נאָך אַלץ די היטלער־באַנדיטן אַלץ טיפער אין רוסלאַנד. רייסן זיך קיין מאָסקווע, סעוואַסטאָפּאָל און אוראַל. דורשטיקע נאָך מאָרד, פון רויב נאָך נישט זאַט, טרינקט זיך אויך אָן די וואָלגע מיט זייער בלוט אונטער סטאַלינגראַד. דאָרט קומען פאַר בלוטיקע קאַמפן. די דייטשן באַצאָלן אַ בלוטיקן שטייער פאַר זייערע פאַרברעכנס. אין דער פאַבריק שרייען פון אַלע ווענט אַראָפּ די לאָזונג — אַלץ פאַרן פראָנט! יעדע אויסגעאַרבעטע דעטאַל איז אַ קויל אין האַרץ פון שונא. כאָטש אין די פאַבריק סקלאַדעס וואַלגערן זיך די פאַרטיקע פּראָדוקטן און קיינער איילט זיי נישט צו נעמען. דאָך, יעדער וואָס שטייגט איבער זיין אַרבעטס־נאָרמע ווערט באַלוינט מיט אַ צולאָג אַ ביסל קאַשע. אָבער מער פון אַלע סטאַכאַנאָוועצעס פאַרגרעסערט די פּראָדוקציע דער פּיפּיקער הויפּט־בוכהאַלטער מיט זיין פעדער. ער קען די קונץ מיט ציפערן

אַקראָבאַטיק איבערשטייגן אַלע נאָרמעס, פּאַר וואָס די פאַבריק באַקומט הויכע אָנערקענונג, די פאָן פון אָבלאַסט, אַמאָל אויך אַ שפּייז צוגאָב. אין זיין קאַבינעט זיצט דער דירעקטאָר צווישן אַ ים פון פּאַפּירן, פויל אין זיי צו וואַרפן אַ בליק. ער לייענט נישט די בריוו פון עוואַקואירטע אלמנות נאָך געפאַלענע זעלנער, מאַמעס מיט פיצלעך קינדער וואָס בעטן ביים דירעקטאָר אַ פּאָר וואַלענקעס אָדער אַ קליידל צוצודעקן דאָס לייב. ער איז צו פיל פאַרטיפט אין מחשבות, נישט ווי צו נעמען רוי־שטאָף, נישט וועגן דער שלעכטער לאַגע אויפן פראָנט, ער טראַכט וועגן זיין ווייב די דאָקטאָרין פון דעם מעד. פונקט אין דער פאַבריק. אַוודאי איז לעכערליך — חושד צו זיין די דאָזיקע צעפּיעשטשעטע בת־יחידה פון אַמאָל רייכע יידישע עלטערן איר זאָל אימפּאָנירן דער רוסישער מוזשיק. זי האָט דאָך אַ צו גוטן געשמאַק, נאָר פאַר וואָס גיט אָפּ דער ערשטער פאַרטיי סעקרעטאַר נאָך אַזוי פיל פאַרטייאיש מלוכישע פליכטן זיין פרייע צייט נישט זיין ווייב נאָר דער דאָקטאָרין? און אפשר — טראַכט דער דירעקטאָר — פאַרגעסט זי אַז זי איז שוין מער נישט קיין סטודענטקע, נאָר אַ מאַמע פון אַ צוועלף יעריקע טאָכטער? זי פאַרגעסט אַז עס זענען שוין אַוועק יענע נאַיווע צייטן ווען מען האָט אַסך געפלאַפּלט וועגן „פרייע ליבע". זי האָט עס טאַקע דאַמלט גענומען גאַנץ ערנסט, פאַרגעסן אַהיימצוקומען אויף גאַנצע נעכט. אמת, לויטן אָפּמאַך צווישן זיי איז אויך אים געווען דערלויבט צו פאַרברענגען מיט אַנדערע, נאָר ער האָט דאָס עפּעס נישט אויסגענוצט. פאַר אירע חברטעס איז דאָס שוין אַ שיינע פאַרגאַנגענהייט, נאָר נישט ביי איר. ער מוז אָבער מודה זיין אַז פון אַלע אירע גוטע פריינד איז זי נאָר אים געבליבן געטריי. האָט ער דען איר נישט צו פאַרדאַנקען זיינע אַלע פאַרטיי פּאָסטנס, ווי זיין איצטיקן הויכן אַמט פון אַ פאַבריקס דיערקטאָר? אמת אַז דעם פאַרטיי־סעקרעטאַר האָט דאָס שטאַרק נישט געשמעקט, געזוכט תרוצים, אַז עס פאָדערט זיך פאַך־קענטעניש און דערפאַרונג. זי האָט אָבער קלוג אים אַ פרעג געטאָן:

— פון ווען און אין וועלכן אַמט זיצן דאָס די פּעיקע דערצו און באַרופענע פערזאָנען?

ווער ווייסט מיט וואָס פאַראַ אַרגומענט דער דאָקטאָרין איז געלונגען

איבערצוצייגן דעם פּאַרטיי סעקרעטאַר ער זאָל אין מאָסקווע אויספּויעלן פּאַר דער פאַבריק אַ דאַנק פון סטאַלינען אַליין, ווי די אַלע ראַיאָן פּענער און פּרעמיעס, זעט אויס אַז אָן אירע אַרגומענטן וואָלט ווייניק ווירקזאַם געווען די ציפער אַקראַבאַטיק פון דעם כיטרען הויפּט־בוכהאַלטער.

די דאָקטאָרין איז פאַר איר פּשוטקייט און גוטסקייט באַליבט ביי אַלעמען. איר פּאַרטרויען די פאַבריקס־מיידלעך זייערע אינטימע סודות. אַז אַ מיידל ווילט זיך אַ פּאָר פרייע טעג אויף אַ גולייע צו טאָן מיט אַ בחור גיט איר די דאָקטאָרין אַ צעטל אַז זי האָט גרויסע היץ און איז קראַנק. פאַר די בחורים הייסט זי איר מאַן דער דירעקטאָר אויסשרייבן וואַלענקעס אָדער אַ פופייקע. זיי איז נאָר שווער צו פאַרשטיין פאַר וואָס מען גיט זיך אַ קלאַפּ אין האַנט הייסט גאָר די דאָקטאָרין זיך אויסטאָן צום באַטראַכטן? קען זי טאַקע גוט די אַנאַטאָמיע פון אַלע בחורים און אַלע זייערע סודות. ווייל, חוץ אַ דאָקטאָרין איז זי דאָך אויך אַ פרוי, צו וועלכע מען קען האָבן חשק און באַגערן. נאָר דער וויצע־דירעקטאָר, דער אייגנטליכער באַלעבאָס פון דער פאַבריק, דער פאַכמאַן און אָרגאַניזאַטאָר, איז דער פּאַרטרעטער פון דירעקטאָר ביי אַלץ, אָבער נישט ביי דער דאָקטאָרין. כאָטש ער פירט אויס איר יעדן ווילן, זאָרגט אַז דאָס בעסטע וואָס קומט אין מאַגאַזין זאָל זיין פאַר איר. טוישט ברויט ביי עוואַקואירטע פון פּוילן פאַר שיינע קליידער פאַר די דאָקטאָרין; דאָך דערלויבט זי אים בלויז יעדן פרי ער זאָל איר אויסטאָן די קאַלאָשן אָדער וואַלינקעס. זי זשענירט זיך טאַקע נישט פאַר'ן פּאַרטרעטער פון איר מאַן זיך אויסטאָן דאָס קלייד כדי אָנצוטאָן דאָס ווייסע פאַרטוך. זאָל ער גלאָצן זשעדנע מיט די אויגן, דערפאַר וועט ער נאָך געטרייער אויספירן איר ווילן, כאָטש ער וועט זיך אַליין זידלען, וואָס ער האָט נישט די דרייסטקייט פון אַ מאַן, וואָס ער ווערט נעבן איר אַזוי אומבאַהאָלפן.

נישט יעדע פרוי קען אין די שווערע מלחמה יאָרן אַזוי ווי די דאָק־טאָרין זיין זאָרגלאָז און טראָגן אַ גוטן שמייכל. פאַר אַנדערע איז דאָס לעבן צו גרויזאַם. צוגערויבט ביי זיי די מענער, די היימען, געלאָזט זיי עלנט און אויף הונגער. די פּאַרוואַלטערין פון דער פאַבריק קיך ווייסט נישט פון הונגער, אַ דאַנק איר פּאַרטיי־ביכל באַקומען די פּריווילעגיע זיך צו פּאָרן

ביי עסן, אָבער דער גורל איז שטאַרקער פון פּאַרטיי־ביכל, באַקומט זי אַ מעלדונג אַז איר מאַן איז געפאַלן פאַרן פאָטערלאַנד און פאַר סטאַלינען. קורץ נאָך דעם שטאַרבט איר איינציק זונדעלע, איז וואָס בלייבט איר אַן איינזאַמע נאָך צו טאָן אויף דער וועלט? זוכט זי אויף די געלעגערס פון דער מענער צוזאַמענוווינונג איר צער אין זינד צו דערטרינקען. אין פאַבריקס קאַנטאָר זיצן אַסך פרויען, גענעצן און פאַרפּאַטשקען אַסך פּאַפּיר אין וועלכן עס איז אַזאַ גרויסער מאַנגל. די פאַבריק אַרבעט און די קאַנטאָר שרייבט, אָבער ווער וועט באַשרייבן וואָס טוט זיך אין די הערצער פון די אַלע איינזאַמע ווייבער, אַן מענער, אָן היימען? זיצן דאָ צוויי שוועגערינס, ביידע אין זייערע היימען געווען לערערקעס, ביידענס מענער זענען אויפן פראָנט, און ביידע ווייסן נישט צו זיי לעבן. זוכט איינע אין לייענען צו פאַרגעסן איר איינזאַמקייט און בענקשאַפט און די צווייטע די לאַנגווייליקייט צו דערטרונקען אין אַ פרעכן ראָמאַן מיט אַ רוסישן באַאַמטן.

פון אַ טישל אין קאַנטאָר שיינען אַרויס די גרוי־זילבערנע האָר פון דער סעקרעטאַרקע פאַר קאַדרען. זי האָט נאָך אַלס מיידל פאַרלאָזט אירע פאַר־מעגליך יידישע היים און אוועק דינען דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט. אין די שטורמישע טעג פון דער רעוואָלוציע האָט זי געפירט די פרויען פון די אָרעמסטע קוואַרטאַלן אין דער לענינגראַדער אָפּערע, זיי זאָלן געניסן פון דער מוזיק וואָס איז געווען ביז איצט נאָר פאַר די פּריצים און רייכע. די דאָזיקע פרויען זענען אָבער ווייניק גערירט געוואָרן פון דער מוזיק. זיי האָט מער אינטערעסירט די פּלושענע שטולן און געשאַצט דעם ווערט פון די דיוואַנעס, דערביי האָבן זיי געשלונגען סעמיטשקעס און די שאָלן געשפּיגן אַרום זיך. ווען זי האָט זיי אויפמערקזאַם געמאַכט אַז עס איז נישט קולטורעל צו שפּייען, אַז מען דאַרף היטן די ריינקייט פון דער אָפּערע וואָס איז געוואָרן דאָס אייגנטום פון גאַנצן פאָלק, האָבן זיי זיך באַליידיקט און מיט ברוגז געפרעגט:

— וואָס איז דאָס פאַראַ פרייהייט וואָס פאַרווערט און באַגרענעצט דאָס רעכט צו שפּייען ווי עס גלוסט זיך?

געווען זענען דאָס העראָישע טעג פון גלויבן און האָפענונג, פון הונגער, מיטינגען און הייסע ויכוחים. צעבראָכן דער צאַרישער טראָן, די קרוין פון

הערשאַפֿט האָט זיך געוואַלגערט אין די רינשטאָקן, דאָס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. אַ נייע בייטש האָט אַ פּאָך געטאָן איבער די קעפּ פֿון פֿאָלק. אַ נייער יאָך האָט איינגעשפּאַנט רוסלאַנד אין אַ נייער שקלאַפֿעריי. פֿאַרמאַכט דאָס מויל פֿון פֿאָלק, באַפֿוילן צו שווייגן און צו אַפּלאָדירן אַלץ וואָס עס זאָגן די פֿירער. דאָך גלייבט זי אַז דער סאָציאַליזם פֿאַרמאָגט עפּעס גרויסעס, וואָס ווערט אָבער פֿאַרטושט פֿון די דעספּאָטישע הערשער און זייערע ביוראָ־קראַטישע טשינאָווניקעס.

אויף דער וועלט גיסט זיך אַן אַ מאָס בלוט, אויף די פֿראָנטן וועגט זיך דער גורל פֿון פֿעלקער, און דאָ אין ווייטן קאַזאַכסטאַן ראַנגלען זיך די פֿאַרטריבענע פֿון היימען קעגן גורל. קריכן אַרום אויף די באַזאַרן, זייערע פֿרויען און קינדער זאָלן ווייניקער הונגערן. צווישן זיי האָט אין מיטן מלחמה און הונגער, אַ יידישע פֿאַמיליע פֿון לעמבערג, געלעבט צו זאַט. ער האָט שפּעקולירט אויף אַ ברייטער האַנד, אַלץ געקויפֿט און פֿאַרקויפֿט. אָפּגעקויפֿט די גאַנצע מיליך וואָס האָט געמאַכט זיך נישט הערן און זען. פּלוצלינג ווערט ער אָבער אַרעסטירט און פֿאַרמשפּט אויף פֿופֿצן יאָר טורמע. געבליבן איז אַ ווייב און טאָכטער אין עלנט און טרויער נאָך אַ מאַן און אַ טאַטן, נאָך די גוטע אויסגערונענע טעג. אַ צווייטער האָט אַרומגעדרייט זיך אַן עלנטער אויפֿן באַזאַר, געהאַנדלט מיט אַלץ און מיט גאָר נישט מצליח געווען ביז ער האָט געפֿונען עפּעס אַן עלטערע מויד, כאָטש מער הונגעריק נאָך ברויט ווי נאָך אַ ווייב האָט ער מיט איר חתונה געהאַט, ווייל זי אַרבעט אין אַן אַרטעל פֿון וואַנען זי טראָגט אַרויס שטיקער לייוונט. אַוודאי מוז זי דערפֿאַר מיט איר לייב אָנזעטיקן דעם נאַטשאַלניק איידער ער גייט אַהיים צו זיין ווייב. אין דער פֿאַבריק אַרבעט אַ ייד פֿון בעסאַראַביע, אַהער פֿאַרשיקט געוואָרן אַלס אַ געפֿערלעכער בורזשוי, ווייל ער האָט דאָרט פֿאַרמאָגט אַ קליין בלעכער וואַרקשטאַטל מיט אַסך חובות. אָבער גראָד דאָ איז ער אמתדיק רייך געוואָרן, און דאָס פֿון ליידיקע בלעכערנע קאָנסערווון פּושקעס וואָס ער זוכט צונויף, לייט אַן אויף זיי בלעכערנע אויערן און זיין ווייב פֿאַרקויפֿט זיי אויפֿן באַזאַר ווי טעפּלעך צום טרינקען אין וועלכע מען נויטיקט זיך גאָר שטאַרק. דערפֿאַר איז די פֿרוי בערקאָוויטש טאַקע יאָ רייך געווען אין בעסאַראַביע, אָבער שטענדיק קראַנק אויפֿן מאָגן, זיך געהיילט דאָרט ביי די באַרימטסטע

דאָקטוירים, געפאָרן קיין קארלסבאַד און קיין זאַך האָט איר נישט געהאָלפן. אָבער דאָ אויף דער פאַרשיקונג איז זי גלייך געזונט געוואָרן, איר בעסטער דאָקטאָר איז געוואָרן דער הונגער און די מאָגערע קאַשעס.

אין דעם קאָלעקטיוון הויז אין דעם קוואַרטאַל „סאָציאַליסטיש שטעטל" פאַרמאָגט יעדע פאַמיליע אַ קליין צימערל מיט אַ טישל, צוויי טאַבאַרעטקעס און אַ ליימען אייוועלע צום קאָכן. אין סוף פון לאַנגען קאָרידאָר געפינט זיך דער קאָלעקטיווער קלאָזעט און וואַש־צימער. די מלחמה האָט די צימערן אויסגעליידיקט פון מענער. סלאַוואַ מיכאַילאָוונאַ האָט אַמאָל געהאַט אַן אייגענעם מאַן, היינט מוז זי וואַרטן ביז איר שכנטע וועט אַוועק אין דער אָטשערע נאָך ברויט אַז דער שכן זאָל זיך קענען אַריינכאַפּן צו איר. נישטאָ גענוג ברויט און נישט גענוג מענער פאַר יעדער פרוי, זענען די שכנטעס מקנא שורהן מיט איר יידישן מאַן וואָס שיכורט נישט און זידלט נישט. שורה אַליין איז אַ שטיק געטריישאַפּט און גוט אויך צו יאַשאַס יידישע חברים. זי איז זיי מכבד מיט זיסע טיי. זיצט מען צונויפגעפּרעסט אין ענגן צימער און מען בענקט קאָלעקטיוו צו דער היים וואָס שטייט אין פלאַמען, צו די טייערסטע וואָס זענען געבליבן אין היטלער גיהנום. מען פרייט זיך אויך מיט היטלערס גרויסע מפּלה אונטער סטאַלינגראַד און מען האָפט — אפשר... יאַשקעס חברים אַרבעטן אין פאַרשידענע אַרטעלן און האָבן דערפאַר דעם שאַנס נישט צו שטאַרבן פון הונגער. לעאָן איז אַ סטודענט פון קראָקע וואָס האָט דאָ געגומען שטודירן שוסטעריי און גוט אויסגעלערנט די קונסט פון אַרויסטראָגן לעדער פון אַרטעל אויפן באַזאַר, וואָס טוט מען נישט צו לעשן דעם הונגער? נאָר די בענקשאַפט לאָזט זיך נישט פאַרלעשן. עס העלפן אַפילו נישט די רוסישע מיידלעך וואָס קומען צו שורהן, נישט זייערע האַרציק רוסישע לידער. דאָ קומט אויך קסעניאַ וואָס האָט געהאַט אַ יידישן מאַן, אַ פאַרשיקטער אַלס טראָצקיסט. טאָר אָבער אַ קאָמסאָמאָלקע נישט ליב האָבן קיין טראָצקיסט, האָט שוין ווער געזאָרגט זי זאָל אים אָפּגעטן. נאָר אין געהיים טרעפן זיי זיך נאָך אַלץ אויף אומלעגאַלער ליבע. דאָ קומט אויך קאַטיע, אַ יונג פריילעך מיידל, אַ שפּיטאָל שוועסטער מיט אַ קיילעכיק פּנים און קורץ סלאַוויש נעזל. זי טולעט זיך צו שׂמחהן און זינגט:

ווען די ריכטס זיך אויף דעם גאָר נישט,
צעוואָרעמט די ליבע דיר דאָס בלוט.
און יעדן אָוונט אַנטפּלעקט זיך ווידער,
אַזוי וווּנדערליך און גוט.

ווי נאָר עס נעמט אים אָן אַ חשק אַרומצוגעמען קאָטיען שווימט פאַר אים אַרויס דאָס בילד פון גאָלדעלען, לאָזט קיינעם נישט פאַרנעמען איר אָרט אין זיין האַרץ. אַנטלויפט ער פון אינערלעכן געראַנגל צו דער שטאָטישער ביבליאָטעק. דאָס איז אַן אַלטע צערקווע פון וואַנען די באָלשעוויקעס האָבן אַרויסגעטריבן דעם פּראַוואָסלאַווישן גאָט און אַריינגעבראַכט ביכער. אַנשטאָט די איקאָנעס פון הייליקע, דאָ אויפגעהאָנגען די בילדער פון לענין און סטאַלין. אויפן טיש ליגט דאָס בוך פון דער סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע וועלכע זאָגט צו אַזוי פיל פרייהייטן און רעכטן פון וועלכע קיינער וואָגט אָבער נישט צו געניסן. דאָ ליגט דער „דער קורצער קורס פון דער געשיכטע פון דער רוסישער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי" מיט אַסך שוין אויסגעמעקטע העלדן פון דער רעוואָלוציע וואָס זענען שוין דערשאָסן אַלס שונאים פון פאָלק. אויב עס איז קאַרג ברויט איז אָבער דאָס בוך „ברויט" אָפּגעדרוקט אין אַסך מיליאָנען עקזעמפּלאַרן, ווי דער קאָמוניסטישער גראַף אַלעקסעי טאָלסטוי דערציילט ווי אַזוי סטאַלין האָט געראַטעוועט לענינגראַד פון הונגער, ווען טראָצקי האָט צו די דייטשן פאַרקויפט מיליטערישע סודות און פאַראַטן די רעוואָלוציע. אויך די טאָג־צייטונגען זענען פול מיט ליגנס. ליידער זענען גאָר נישט קיין ליגנס די גרויל־געשיכטעס וועגן היטלער־פאַרברעכנס איבער יידן. דערציילט דאָך אַ יידישער פּאָעט און פּאַרטיזאַן אין דער מאָסקווער „איינינקייט" די געשיכטע פון אַ לערערקע מירקע, אין וועמענס געהיימע שולע אין ווילנע ווערן פון טאָג צו טאָג ווייניקער קינדער, וועלכע ווערן ערגעץ פאַרשלעפּט און איינגעשלונגען פון טויט. פייניקט שמחהן דער קאָשמאַר פון יידישן אומקום, עס יאָמערט אין אים די בושה צו זיין אַ דיזענטער, פאַר וואָס ער האָט נישט געהאַט דעם מוט צו שטאַרבן מיט זיי דאָרט, פאַר וואָס ער זיצט דאָ ווען אַנדערע קעמפן אויף די שלאַכטפעלדער ? מעג עס זיין אונטערן באַנאַלן לאָזונג — פאַרן פאָטערלאַנד און

סטאַלינעו, דאָך קעמפּט אומדערשראָקן אַ נייער מענטש, ווען מען טרעפט נישט אויף די באַזאַרן, וואָס באַהאַלט זיך נישט אין הינטערלאַנד. דאָס זענען די געטרייע פּולימיאַטשיקעס און טאַנקיסטן וועלכע נעמען נקמה פאַר אַלע היטלעריסטישע פאַרברעכנס. כאָטש נישט זיי, די קעמפּער, נאָר די פּאָלי־טיקער, וועלכע זיצן אין באַקוועמע קאַבינעטן וועלן נאָכן זיג דעצידירן וועגן גורל פון די פעלקער. דערצו האָבן נישט די סאָוויעטישע גענעראַלן קיין צוטרוי צו שׂמחהן צוליב זיין פּוילישקייט, און גענעראַל אַנדערס פּוילישער אַרמיי וויל אים נישט פאַר זיין יידישקייט. בלייבט אים אין מיטן אומזין פון דער שחיטה אין וועלכער דער וואַנזיניקער היטלער האָט אַריינגעטריבן די וועלט, מיט זיין פאַרברעכערישקייט צעטרייסלט די גאַנצע מענטשליכע ציוויליזאַציע, צו נעמען די פּען און שרייבן. אַן אינערלעך קול רופט אים — שרייב, טינק דיין פּעדער אין אייגענע טרערן, שריי אויס דעם וויי פון דער אונטערגעגאַנגענע וועלט, פון דיין באַטעמט שטעטל, אַ ברוטאַל צעטראָטענע פון היטלעריסטישע שטיוול. שריי אויס דיין בענקשאַפט צו יענעם חן און תמימות, צו יענער געטריישאַפט, צו די זיידענע נשמות און גאָלדענע הערצער. שרייב וועגן די שמוציקע גאַסן מיט זויבערע גלויבנס. באַשרייב די שטאָלץ בונטאַרישע יוגנט וואָס האָט געוואָלט די וועלט איבעראַנדערשן, בעסער מאַכן און זי האָט אַזוי געמיין זיי פאַראַטן, געלאָזט זיי אומקומען. אפשר וועט אַמאָל ווער אַריינקוקן אין דיינע בלעטלעך פון פּיין אויסגע־ווייקטע? שריי אויס דיין בענקשאַפט צו דיין באַליבט מיידל וועמענס גורל איז אַ גרויסער פראַגע צייכן, צו די וואָס האָט אַזוי ליב געהאַט בלומען און געגלויבט אַז אַ וועלט אַ גערעכטע וועט קומען. צו האָט ווער געשאָכטן דעם אוצר, צו האָט אַ שרעקלעכע בעסטיע פאַרצוקט דאָ זוניקע גאָלד?

ווען די צונג וואָלט ביי אים געברענט וואָלט ער אויך נישט געקענט געפינען אַזעלכע ווערטער וואָס זאָלן ווי זאַלץ אויף די ווונדן פרעסן די הערצער. צו אָרעם איז די שפּראַך אויסצושרייען דעם פּיין, צער און ציטער, דעם גרויל. שפּאַנט ער אַוועק אַ פאַרזונקענער אין מחשבות צו דער נאַכט שיכט אין דער פאַבריק. אין גאַס בריט דער פראָסט. די הייזער שטייען איינגעקורטשעטע, פאַרקאָוועט אין אייז און אין טרויער. פון דעם פאַבריקס קוימען רייסט זיך אַ געדיכטער רויך געמישט מיט פונקען. אין מעכאַנישן

צעך ביי די סטאַנקעס אַרבעטן רוסישע מיידלעך מיט פאַרשמירטע פנימער און אויסגעשמירטע קליידלעך פון מאַשין־אייל. בחורים אַרבעטן און שעלטן. פרעגט שמחה איינעם:

— פאַר וואָס רוגייעסטו וואַסקאַ?

— ווי זאָל איך נישט רוגייען אַז כ׳בין אַוועק פאַרטיידיקן דאָס פאָטער־לאַנד און צוריקגעקומען אַ קאַליקע. אַרום מיר אַזוי פיל קראַסאַוויצעס און מיט קיין איינע וועל איך שוין נישט קענען טאַנצען, נישט גולייען, זאָל זשע אַ פייער אין דער מאַמעס וועלט אַריין!

ווען די רוסישע שפּראַך וואָלט נישט געווען אַזוי רייך מיט קללות און ווען נישט דאָס ביסעלע בראָנפן, וואָלט דעם רוסישן מענטש געבליבן נאָר צו פּלאַצן פון יאוש און אומעט.

אין דעם צעך הוזשען די מאַשינען, פון די ווענט שרייט אַראָפּ דער לאָזונג — „אונדזער קאַמף איז אַ גערעכטער, דער שונא וועט ווערן צושמע־טערט!”. באַקומט טאַקע אויפן פראָנט דער שונא געזונטע קלעפּ און קייקלט זיך ווי אַ פאַרווונדעטע חיה צוריק פון ראָסטאָוו און פון דער וואָלגע. אָבער וויפל יידישע קינדער וועלן נאָך בלייבן אין מירקעס געהיימע שולע, וויפל יידן וועלן דערלעבן היטלערס מפּלה. צו וועט שמחה נאָך אַמאָל זעען זיין מאַמען, זיינע טייערסטע, גאָלדעלען? דערווייל רייסט זיך ערגעץ איבער אַ פּאַס פון אַ מאַשין און רייסט איבער שמחהס טרויעריקע מחשבות.

צומאָרגנס טרייבט אים די איינזאַמקייט ווידער צו קאַטיען. ער טרעפט זי אין שפּיטאָל. זי שוועבט אַרום צווישן די בעטלעך ווו אַ ווייסער מלאך, צווישן ווייטאָג, באַנדאַזשן און קאַרבאָל־ריח. איר צאַרטער שמייכל היילט ווי באַלזאַם. אויף אַ בעטל זיצט אַ זעלנער מיט נאָר איין פוס, ביי אַ צווייט שטייט אַ שטיוול, דער פוס וואָס האָט אים געטראָגן איז שוין אָפּגעשניטן. פון אַ זייטיקן צימער טראָגן זיך קרעכצן. עמיצער וויל אויסשטרעקן זיין האַנט צו קאַטיען, ער האָט זי שוין אָבער נישט. פון שפּיטאָל גייען ביידע דורך פּראָסטיקן ווינט צו איר כאַטע. אויפן טיש זידט דער סאַמאָוואַר, אין ביידן זידן די הערצער. ער נעמט אַרום קאַטיען און פאַר די אויגן שווימט פאַר אים אַרויס גאָלדעלע. אין דרויסן פייפט די וויוגאַ, רייסט די כאַטע ווי זי וואָלט געשטאַנען אַליין אין אַ צעבושעוועטן סטעפּ. דריקט ער שטאַרקער

צו זיך קאַטיען. גאָלדעלע איז דאָך נאָר אַ חלום, און קאַטיעס לייב צאַפּלט, בריט, זי פאַרמאַכט די אויגן, און אַ תענוג צעגיסט זיך אויף איר פּנים.

אַ צווייטן אָוונט גייען ביידע אין קינאָ. אויפן עקראַן גייט אַ מלחמה פילם. דער העלד, אַ סאָוויעטישער אָפיציר אַ פאַרליבטער אין אַ שיינע באַרישניע. אָבער איצט איז מלחמה, נישטאָ קיין צייט אויף ליבע, שלאָגט ער העלדיש און אומדערשראָקן דעם פאַרהאַסטן שׂונא, פאַרן פאָטערלאַנד און פאַר זיין געליבטע. אין אַ בריוו באַשטעלט ער זיך מיט איר אויף אַ פּאָר שעה נאָכן זיג. שׂמחה האָט אָבער נישט קיין לאַנד. נישט קיין היים, און ווער ווייסט צו ער האָט נאָך ערגעץ אַ געליבטע? זי לעבט נאָך אין זיין חלום, מיט אַ בלאַס פּנים, די לאָקן באַדעקן איר קאָפּ מיט גאָלד און זי קוקט אויף אים מיט פאָרוווּרף. שטייט ער אויף מיט געוויסנסביסן און חרטה.

6.

אַ שווערע שטילקייט וועקט אויף גאָלדעלען פון שלאָף. מיט פּחד שטעקט זי אַרויס דעם קאָפּ דורך אַ שפּאַרע פון טיר און זעט פּאַר זיך אַ פּוסט געסל. אין דער צייט איז שוין געוועגליך דאָס שטעטל לאַנג וואָך, איצט טראָגט זיך דער פּחד איבער דער פּוסטקייט. ערגעץ עפּנט זיך אַ האַלבער לאָדן. מיט צעשראָקענע אויגן פרעגט אַ פרויען קול אין דער פּוסטקייט:

— וואָס וועט זיין, וואָס וועט זיין שׂרה לעבן?

פּלוצלינג נעמען ווי אַן ערד־ציטערניש זיך טרייסלען די ווענט און ווי אַ בליץ צעטראָגט זיך די נייעס — דייטשישע טאַנקן זענען אָנגעקומען אויפן מאַרק. עפענען זיך פאַריגלטע טירן און צעשראָקענע יידן שטעלן זיך אויף די שוועלן און וואַרטן מיט גרויס שפּאַנונג. גלייך רייסן זיך אַריין דייטשן אין די געסלעך מיט אַ ריטשען פון קללות. זיי טשעפּען אָבער נישט קיינעם. טראַכט מען — דער טייוול איז נישט אַזוי שרעקליך ווי מען מאָלט אים. דערפאַר צומאָרגנס וועקט אויף די יידן אַ ווילדער געשריי — יודען הערויס! קיינער פון די מענער טאָר נישט בלייבן אין די שטובן. טרייבט מען שוין פון אַלע געסלעך, אַלטע, בלייך דערשראָקענע יידן צום מאַרק. דאָ שטעלן אָן אויף זיי די דייטשן מיט חוזק און געלעכטער זייערע פאָטאָ־אַפּאַראַטן.

קערן זיך דערנאָך די יידן צוריק געטרייסטע וואָס מען איז אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק. אין די וויטערדיקע טעג טרייבן די דייטשן שוין מיט זידלערייען און קלעפּ צו רייניקן דעם מאַרק און די געסלעך. דאָך פאַרלירן יידן נישט די האָפענונג. גאָט וועט דאָך זיין פאָלק נישט פאַרלאָזן. עפּנט ווער אַ קרעמל, מען פּרובירט האַנדלען, נאָר די ערד דוכט זיך שאַרט זיך אָפּער פון אונטער די פיס. באַהאַלט מען זיך ווידער אונטער פאַרמאַכטע לאָדנס, אונטערן ריגל מיט ציטער פאַר אַ שרעקליכן בייז. פאַרגליווערט ליגט דאָס שטעטל אין טויט־אַנגסט. קיינער גייט נישט אין שיל אַריין, מען דאַוונט אין די שטובן. נאָר דער פעטער געצל שטעלט זיך אַוועק ביי די פאַרשלאָסענע שיל טירן און יאָמערט דאָרט אַריין:

—רבונו של עולם, פאַר וואָס שוויגסטו. צו זעסטו דען נישט וואָס מען טוט מיט דיין פאָלק?

גאָלדעלע איז געבליבן שטעקן אין שטעטל ווי געפּענטעט אין אַ שטייג. נישטאָ מער קיין לערנען, קיין גימנאַזיע, דערצו פאַלט איצט אויף איר דער גאַנצער עול פאַר איר הונגעריקער פאַמיליע. אירע אָרעמע עלטערן האָבן מיטן פאַרלירן דעם קליינעם האַנדל, פאַרלוירן זייער איינציקן אָנשפּאַר און זייער גאַנצן מוט. גייט גאָלדעלע צו די פּוילישע געסלעך עפּעס צו טוישן אויף ברויט. דאָ דערקענט זי דער לערער יוליוש, כאָטש ווייניק צייט ביי אים געלערנט, דאָך פרעגט ער אויס מיט אינטערעס, ווי זי לעבט און וואָס זי מאַכט. צום סוף זאָגט ער:

— דער ציל פון די דייטשן איז אומצוברענגען אַלע יידן, דאַרף יעדער פון אייך זיך ראַטעווען ווי נאָר ער קען. דיר לייג איך פאַר זאָלסט מיט דיין בלאָנדקייט זיך צייטווייליק פאַרוואַנדלען אין אַ פּוילישע און אַוועק קיין וואַרשע, פון דאָרט וועסטו אויך לייכטער קענען העלפן דיין הונגעריקע היים.

מיט איר גרויסן צוטרוי צו דעם גוטן לערער איז דאָך שווער גאָלדעלען צו באַנעמען, אַז ווער וועט האָבן האַרץ אומצוברענגען אומשולדיקע זקנים, ווייבער און קינדער. דאָך דער געדאַנק צו קענען העלפן אירע עלטערן שטויסט איר אָנצונעמען דעם לערערס עצה און הילף. אין אַ פּאָר טעג אַרום באַקומט דער לערער מיט דער הילף פון דער שוואַרצער יאַנקע, פון איר מאַן דעם געמיינע שרייבער, פאַר גאָלדעלען אַ געבורטס־שיין פון עפּעס אַ

פאַרשטאַרבן דאָרפיש מיידל. מיט דעם קאַטוילישן דאָקומענט און אַ פויעריש טיכל אויפן קאָפּ, לאָזט זיך גאָלדעלע קיין וואַרשע. דער צוג איז פול מיט אַלטע פויערים און פויערטעס מיט קיישעלעך, צווישן זיי אויך דייטשישע זעלנער וואָס גלאָצן אויף גאָלדעלען מיט נאַרישע פייערלעך אין די אויגן. באַדויערט זי צום ערשטן מאָל וואָס זי איז באַשטראָפט געוואָרן מיט שיינקייט. גאָלדעלע טרעפט וואַרשע אַ צעקלאַפּטע. אויף די יידישע גאַסן שטייען אַלטע לייט אַרום פריש אויסגעקלעבטע פּלאַקאַטן מיט עפּעס אַ נייער גזרה. ביי אַ בעקעריי שלעפּן פוילישע פּאָליציאַנטן אַרויס יעדן ייד וואָס וויל זיך דערשלאָגן צו אַ ברויט און דערלאַנגען נאָך קלעפּ. אויף דער נאַלעווקעס טרייבן דייטשן אַ גרופּע יונגע יידן צו דער אַרבעט. גאָלדעלע טרעפט איר מומע אַ פאַרעלטערטע און צערודערטע. זי פאַרמאָגט איצט גאָר ווייניק און קען גאָר ווייניק ווען העלפן. באַשליסט גאָלדעלע מיט איר קאַטוילישן דאָקומענט צו גיין אַרבעטן. צו העלפן איר היים און אויך דער מומען. זי קומט אין דער גרויסער מעטאַל פאַבריק אין בעמאָ און געפינט נישט ווייט פון דער פאַבריק אַ געלעגער ביי אַן אָרעמע פוילישע אלמנה.

איז גאָלדעלע שרעקליך אומעטיק אין אָט דער פרעמדער וועלט. זי בענקט צום נעכטן וואָס האָט געשיינט צו איר מיט פרילינג און ליבע, ווי אַ חלום איז דאָס אַלץ פאַרגאַנגען, געשענדעט ליגן די שענסטע חלומות. ווו איז די זון וואָס האָט פאַר איר אַזוי ליב געשיינט ? גאָלדעלע האָט פאַר־טוישט איר דאָקומענט, איר נאָמען, פאַרטוישט איר וועלט, אָבער נאָך קיין מאָל איז איר נישט געווען אַזוי טייער איר פאָלק ווי איצט. עס מוז דאָך זיין אין אים עפּעס גרויס אויב די היטלעריסטישע חיות קענען אַזוי שטאַרק פיינט האָבן יידן. אין דער פרעמדקייט שטייט כסדר פאַר אירע אויגן איר שטעטל, מיט פאַרוויינטע צעשראָקענע פענצטער, ווי מען זיצט איצט ביי הונגעריקע טישן און מען שעפּטשעט אין דער שטיל תהילים. דער גוטער לערער שיקט צו איר דער שוואַרצער יאַנקען מיט וועמען גאָלדעלע שיקט שפּייז צו אירע עלטערן. דאָס זינדיקע פוילישע ווייבל קומט קיין וואַרשע מיט עפּעס אַ סודותדיקע שליחות פון לערער יוליוש און זי פירט עס אַריין אויך גאָלדעלען אין דער סודותדיקער וועלט פון דער אַנטינאַצישער אונטער־גרונט. שטעלט גאָלדעלע איר גאַנצער געטריישאַפט נישט נאָר צו העלפן

איר היים נאָר אויך דינען איר אומגליקליך פֿאָלק וואָס ליגט אַ געפֿאַנגענער אין די געטאָס. ווערט יעדער וואָס טוט עפּעס קעגן די היטלער באַנדיטן איר אייגן.

איר ערשטע פֿאַרבינדונג איז מיט דעם עלטערן בעקער אַרבעטער סטאַניסלאַוו, וועמען דער מלחמה אויסברוך האָט באַפֿרייט פֿון דער מאָקאָ־טאָווער טורמע. ער איז דאָרט לאַנגע יאָרן געזעסן פֿאַר אָנגעהעריקייט צו דער קאָמוניסטיש־טעראָריסטישע גרופּע פֿון די צוויי הויכע פּוילישע אָפֿיצירן באַגינסקי און וויעטשערקעוויטש. די טורמע איז פֿאַר דעם פּשוטן פּוילישן אַרבעטער געווען זיין אוניווערסיטעט, דאָרט האָט ער פֿון וויכטיקע פּאַרטיי טוער באַקומען פּאָליטישע באַוווסטזיין. זיי זענען אָבער נישט געווען קיין אמתע פּוילישע פּראָלעטאַריער נאָר יידישע אינטעליגענטן. האָט ער זיך צווישן זיי געפֿונען אַ ביסל פֿרעמד און געבליבן איז צו זיי אַן אומצוטרוי. אַוודאי וואָלט ער זיך באַליידיקט ווען מען באַשולדיקט אים אין אַנטיסע־מיטיזם, ער מיינט בלויז אַז אין די אינטערעסן פֿון דער פּאַרטיי איז נויטיק צו ווייזן דער וועלט אַז קאָמוניזם האָט גאָר נישט צו טאָן מיט יידן, ווי דאָס ווילן איינרעדן די היטלעריסטן און פּוילישע פֿאַשיסטן. חוץ דעם זענען דאָך די יידישע אַרבעטער נישט קיין אמתע פּראָלעטאַריער, ווייל געאַרבעט אין קליינע וואַרקשטאַטן. מיט זיינע דערפֿאַרענע אויגן באַמערקט סטאַניסלאַווסקי אַז אין דעם מיידל מיטן נאָמען סטעפֿאַ פֿליסט נישט קיין פּויליש בלוט, דאָך נעמט נישט זעלטן דעם אַלטן רעוואָלוציאָנער אָן אַ באַגער צו שטעלן זיך אויף די קני פֿאַר אָט דעם יונגיטשקן מיידל ווי עס שטעלן זיך מיליאָנען גלויביקע אויף דער קני פֿאַרן בילד פֿון אַ יידישער פֿריילין וואָס איז שוין טויט באַלד צוויי טויזנט יאָר. צווישן די וואָס גאָלדעלע טרעפֿט זענען אַזעלכע טאָפּלט פֿאַרקאָנספּערירט ווי יידן און קעמפֿער. אַמנאָענטסטן איז איר די חניוודיקע פֿרעדאַ וואָס האָט אַ סך דרייסטקייט און העלדישקייט אויף איר געוויסן. זי איז איצט די פֿאַרבינדלערין צווישן פּוילישן אונטערגרונט מיט די יידישע קאָמוניסטן אין געטאָ. מיט איר אַריש פּנים און ריין פּוילישן אַקצענט וואָלט זי דרייסט געקענט בלייבן אויף דער אַרישער זייט, זי איז אָבער צו געטריי צו פֿאַרלאָזן אירע יידישע חברטעס און חברים אין געטאָ. אויך סטאַשעקן וואָלט קיינער נישט חושד געווען אַז ער איז נישט קיין

אמתער פּאָלאַק, ער פֿאַרמאָגט אָבער צו זיין פּויליש פּנים אַ יידישע געטריישאַפט און ער זאָגט צו גאָלדעלען:

— מיין גאַנץ לעבן בין איך געווען ווייט פון יידן. געשטרעבט צו זיין אַ מענטש און נישט קיין ייד. היינט אָבער, ווען מענטשליכקייט איז באַנקראָט וועל איך דאָך נישט ווי אַ פּחדן אַנטלויפן פון דעם גורל פון מיין פאָלק, דערפֿאַר גיי איך אין געטאָ אַריין.

אָט קומט פּלוצלינג אַן איבערפֿאַל פון דער היטלער אַרמיי אויף דעם ראַטן־פֿאַרבאַנד. נישט לאַנג צוריק ווען היטלער מיט סטאַלינען האָבן זיך צעטיילט מיט פּוילן, האָט דער ראַטן־פֿאַרבאַנד זיך אין די פּוילישע קאָמוניסטן נישט געוויטיקט. אָבער איצט קען סטאַניסלאַוו מיט זיינע חברים שפּילן אַ גאָר וויכטיקע ראָל. ווידער קענען זיי רופן דעם פּוילישן פּראָלעטאַריאַט צו גיין האַנט ביי האַנט מיט די סאָוויעטישע פֿעלקער קעגן היטלער־פֿאַשיזם. מאָביליזירן זיי פון דאָס ניי זייערע כוחות. שטעלן צוריק אויף די דורכן קאָמינטערן פֿונאַנדערגעלאָזטע פּויליש קאָמוניסטישע פּאַרטיי אונטער דעם נייעם נאָמען — פּ.פּ.ר. זיי אָרגאַניזירן אַ געהיימע „פֿאָלקס אַרמיי”, אָבער אויך איצט, ווען דער היטלעריזם טוט אַלץ אומצוברענגען די יידן, שטייען נאָך אין שפּיץ פון דער אַנטיהיטלעריסטישער אונטערגרונט די זון פון דעם פֿאַרעקשנטן פֿאָלק. צווישן זיי דערקענט פּלוצלינג גאָלדעלע, לייבישן פון איר שטעטל. ער איז אַסך עלטער געוואָרן, טיף פֿאַרקאָנספּירירט, דאָך דערקענט זי אים. אויך ער דערקענט דאָס מיידל פון זיין שטעטל, וואָס וועקט אַ וואַרעמע היימישקייט אין דעם קאַלטן רעוואָלוציאָנער. אויך גאָלדעלען איז גוט צו געפֿונען אַן אייגענעם אין דער גרויסער פֿרעמדקייט, אַ בחור פון איר שטעטל וואָס האָט זיך דערהויבן צו אַ וויכטיקער פֿערזענלעכקייט אין דער אונטערגרונט. ווען ער קומט צו איר, לאָזט ער איבער ביי דער שוועל זיין וויכטיקייט און איז ווידער דאָס בחורל לייביש, פון איר סימפּאַטיש שטעטעלע צו וועלכן זי בענקט. ווערט ער איר האָפֿענונג, איר אָנשפּאַר, כאָטש זי ווייסט און קען אויך זיין ווייב זאָשקען. זי קען זיך אָבער נישט פֿאָרשטעלן ער זאָל ליב האָבן אָט די שלעכטע נישט סימפּאַטישער פֿרוי. דערפֿאַר מאַטערט נישט זאָשקע איר געוויסן, נאָר די ספֿקות וואָס גראָד איצט, ווען איר פֿאָלק קומט אום פון שׂנאה, לעבט

איבער דאָס טראַגישסטע, צו מעג זי עגאָיסטיש געניסן פון אַ פריינדשאַפט? איר האַרץ בענקט אָבער אין דער גרויסער איינזאַמקייט און פּיין צו אַ פריינד און אַ טרייסט, צו אַ ביסל וואַרעמקייט און ליבע. איז גאָלדעלע אים מוחל זיין פּאַרטייאישן פאַנאַטיזם, די זיכערקייט אַז זיין פּאַרטיי האָט קיינמאָל נישט קיין טעות. זי ווייסט אָבער אַז צוזאַמען מיטן ראַטן־פאַרבאַנד איז זיין פּאַרטיי איצט די איינציקע האָפענונג צו ווערן דער באַגראָבער פון חיהשן היטלעריזם. ווערט אויך לייביש—באַלעק איר איינציקע האָפענונג, און לאָזט זיך פון אים אַרומנעמען און קושן.

אין אַ קילן אָוונט גייענדיק איבער דער האַלב פוסטער טשערניאַקאָוו־סקע גאַס, פאַרזונקען אין זאָרג פאַר אירע עלטערן און טרויעריקע מחשבות, גייט איר אַנטקעגן זאָשקע. איינגעהילט אין אַ וואָלענעם שאַל, מיט אַ זויער פּנים, וואָס דערזעענדיק גאָלדעלען ווערט נאָך מער זויער. זי דערנענטערט זיך און הייבט אָן וואַרפן ברוגזע ווערטער:

— ווו שעמסטו זיך נישט מיט דיין קאָקעטעריע צו פאַרדרייען באַלעקן דעם קאָפּ, דו ווייסט דען נישט אַז ער איז מיין מאַן?

גאָלדעלע פאַרלירט זיך אָבער נישט און אפשר גאָר צופרידן מיט דער געלעגנהייט צו זאָגן דאָס וואָס זי האָט געוואָלט, אַז לייביש זאָל עס זאָשקען זאָגן, און זי ענטפערט געלאַסן:

— לויט מיינע באַגריפן האָט מען רעכט אָנרופן זיך וועמענס אַ ווייב נאָר אויב דער האָט זי ליב. אויב באַלעק וואָלט דיך ליב געהאַט וואָלט ער דאָך נישט געקומען צו מיר פאַרברענגען, פּטרן זיין טייערע צייט מיט מיר.

— ביסט הייסט עס זיך מודה אַז דו פאַרברענגסט מיט מיין באַלעקן. ווו קומסטו, אַזאַ יונגע קאָזע צו אים?

— יאָ, כ׳בין זיך מודה, און כ׳וויל דו זאָלסט עס וויסן. אייגנטלעך וואָלט עס באַלעק דיר באַדאַרפט זאָגן, ווייל נישט איך וויל און נישט ער דאַרף דיך אָפּנאַרן, נישט לאָזן דיך מיט אַ פאַלשער אילוזיע, אַז ער איז דיינער, ווען זיינע געפילן זענען ווייט דערפון.

— ער איז דאָך מיינער, איך האָב קיינעם נישט חוץ אים און דו דאַרפסט זיך אָפּטראָגן פון אים.

— איך מיין אַז באַלעק איז נישט דיינס קיין פּריוואַט־אייגנטום, וועמען

דו קענסט צובונדן צו זיך בלויז דערפאַר וואָס פאַרמעל איז ער דיין מאַן.

— איך וויל מיט דיר נישט דיסקוטירן נאָר כ׳פאָדער דו זאָלסט צו רו לאָזן מיין באַלעקן.

— איך קום נישט צו אים נאָר ער צו מיר און וועל האַנדלען ווי עס דיקטירן מיר מיינע געפילן.

אַ ברוגזע לאָזט זאָשקע איבער גאָלדעלען אין מיטן גאַס שעפּטשנדיק:

— וואָס וועל איך טאָן אָן אים?

אין אָוונט קומט באַלעק און נעמט אַרום גאָלדעלען מיט גרויס ליבשאַפט. נאָר דערהערנדיק וועגן דער טרעפונג און דעם דיאַלאָג מיט זאָשקען, ווערט פאַרכמאַרעט זיין פּנים, און ער זאָגט פאַרביטערט:

— צו וואָס האָסטו דאָס איר באַדאַרפט זאָגן? זי נעמט דאָך דאָס אַלץ צו דראַמאַטיש, פון איצט וועלן מיר דאַרפן זיין מער פאָרזיכטיק.

— ניין, ענטפערט גאָלדעלע — מער פון אַלץ האָב איך פיינט ליגנס. פאַר וואָס האָסטו נישט דערציילט זאָשקען וועגן דיינע באַזוכן ביי מיר? איז דיר נישט גענוג צו קאָנספּירירן דיין אָפּשטאַם, דיין טעטיקייט, ווילסטו אויך קאָנספּירירן דיינע געפילן צו מיר פאַר זאָשקען? דו זאָגסט אַז דו האָסט מיך ליב, דו האָסט אָבער נישט דעם מוט צו פאַרלירן די באַקוועמליכקייט צו זיין דער מאַן פון זאָשקען. כ׳האָב געגלויבט אַז דו ביסט אַ מענטש מיט פּרינציפּן, אָבער דו וואָס פאַרמעסט זיך צו איבעראַנדערשן די וועלט האָסט נישט די מינדסטע דרייסטקייט עפּעס צו ענדערן אין דיין אייגן לעבן, וואָס איז איין גרויסער ליגנט. דו לעבסט מיט אַ פרוי וועמען דו האָסט קיין מאָל נישט ליב געהאַט, דו קענסט אויך נישט אמתדיק ליב האָבן, דו ווילסט אויך מיך אין דיין ליגנט פאַרשפּינען. צווישן אונדז איז אַלץ געענדיקט. זאָלסט מער צו מיר נישט קומען.

ציט זיך גאָלדעלע צוריק אין איר איינזאַמקייט אין מיטן דער וועלט פון שׂינאה. ווי שטאַרק איז איר האַרץ אויב עס פּלאַצט נישט פון יסורים. דערצו ברענגט די שוואַרצע יאַנקע די שרעקליכע נייעסן פון איר שטעטל, אַז קיין יידן זענען מער דאָרט נישטאָ. אַ טייל האָבן די דייטשן אַרויסגעפירט אין די לאַגערס, די רעשט פאַרמאַכט אין דער שול וואָס זיי האָבן אונטער־געצונדן. די שוואַרצע יאַנקע דערציילט מיט טרערן אין די אויגן וועגן די

געוואַלדן און אוממענטשליכע קולות וואָס האָבן אין דער נאַכט זיך געטראָגן פון דער ברענענדיקער שיל. איצט איז גאָלדעלע אַליין געבליבן אויף דער וועלט, נישטאָ שוין וועמען צו העלפן, פאַר וועמען צו לעבן, אפשר נאָר צוליב נקמה? מיט נאָך מער אקטיווקייט זיך אַריינטאָן אין דעם קאַמף קעגן די מערדער. נייִן, זי טאָר נאָך נישט אַוועק פון דער וועלט, האָט נאָך דעם פליכט פאַר איר פאָלק נישט געטאָן. זי האָט נאָך דעם חשבון נישט געמאַכט מיטן שונא, אפשר וועט זי נאָך מיט אירע שוואַכע כוחות, כאָטש אַ קליינע נקמה נעמען? פאַרגליווערט זי נאָך מער איר פּנים צווישן אָט דעם פרעמדן פאָלק וואָס קען אַזוי גאַליק חוזק פון יידן און ווי קנעכט קניען פאַר די דייטשע באַנדיטן. נייִן, גאָלדעלע וועט נאָך מער העלפן דעם געטאָ, שאַפן געווער, ראַטעווען פון דאָרט יעדן וועמען עס לאָזט זיך, יעדעס לעבן פון דאָרט איז הייליק. הערט זי זיך איין צו יעדן קלאַנג פון יענער זייט מויער, לעבט מיט יעדע געשעעניש פון דאָרט. אָט טרויט אַ קריסטליכע פרוי איר אָן אַ גרויסן סוד, וואָס זי דערציילט מיט גרויס רעגונג:

—איך האָב מיט עקל געקוקט אויף דעם קליינעם באַשעפענישל, אַ סקעלעטל, הויט און ביינער, איינגעהילט אין שמאַטעס. זעט אויס אַז אַ געטריבענע יידישע מאַמע האָט עס געוואָלט ראַטעווען און אַריינגעשטופּט עס אין אונדזער טויער איידער די דייטשן האָבן עס באַוויזן אַרויסצורייסן פון אירע הענט. דאָס קינד האָט זיך אַזוי איינגעקלאַמערט אין מיין האַלדז מיט די דאַרע הענטלעך אַז כ'האָב מער נישט געקענט עס אָפּרייסן פון זיך. אין יענער מינוט האָב איך שוין געפילט אַז דאָס קינד וועט בלייבן מיינס. איך האָב נישט ליב קיין יידן. גאָר דאָס קינד האָב איך ליב באַקומען ווי אַן אייגנס.

אויף דער פּולאַווסקע גאַס שוידערט גאָלדעלען אויף אַ שרעקליכע סצע־נע. זשאַנדאַרמען אויף מאָטאָציקלען טרייבן אַ מחנה יידן. דאָס זענען די לעצטע פון פּאַלעניצער געטאָ, קינדער, פרויען און זקנים. די אומגליקליכע לויפן, געטריבענע פון די זשאַנדאַרמען וואָס דערשיסן יעדן וואָס שטייט אָפּ. פּלוצלינג דערקענט גאָלדעלע צווישן די געטריבענע דאָס פּנים פון איר גימנאַזיע חברטע פייגעלען, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן טאַלאַנט צו צייכענען און מאָלן. אויך פייגעלע דערקענט און גיט צו גאָלדעלען אַ רעזיגנירטן מאַך

מיט איר דאַר הענטל, ווי זי וואָלט זאָגן — געענדיקט טייערינקע, אַלץ פֿאַרלוירן, נישטאָ קיין הילף.

דער שרעקליכער רעזיגנאַציע אויסדרוק דריקט זיך טיף איין אין גאַל־דעלעס נשמה, לאָזט זי נישט שלאָפֿן, נישט עסן. פֿייגעלעס אויגן דערמאָנען זי אין די אַנדערע גימנאַזיע חברטעס. די טייערע מיידלעך מיט קינדיש נאַיווע חלומות, מיט זייערע ערשטע ליבעס, וועמענס ערשטע זינד איז געווען צו שרייבן לידער. ווו זענען זיי איצט? ליגן גאָלדעלען נאָך אין טעם די שפּאַצירן מיט דעם שניידער בחורל פֿון איר שטעטל. מיט אים איז געווען אַזוי גוט צו שמועסן און ער האָט געקענט אַזוי גוט ליב האָבן. צו לעבט ער נאָך ערגעץ, צו בענקט ער נאָך איר? אויף יענער זייט מויער ליגן עס די היימישע טייערע גאַסן, ווי אַ יוגנט האָט געליבט און געלעכצט נאָך אַ בעסערע וועלט. איצט גרייט זיך אָט די יוגנט צו געבן דעם לעצטן שפּיי אין פּנים פֿון די מערדער. זיי די אויסגעמאָרדעטע, די פֿון אַלעמען פֿאַראַטעטע, איינזאַמע, אָן געווער, גייען אויפֿהייבן די פֿאָן פֿון בונט קעגן דער מעכטיקס־טער און רוצחישסטער מאַכט אין דער וועלט. קעגן זיי שיקט עס היטלער זיינע טאַנקן און האַרמאַטן, ווען די „ריטערליכע" פֿאַלאַקן, כדי צו פֿאַרדעקן די אייגענע שאַנד, חוזקן איבער דעם ברענענדיקן געטאָ און פֿרייען זיך אַז דאָרט — פֿרעגלען זיך די זשידקעס.

דעם דריטן טאָג ציִען זיך שוין די קאַמפֿן אין געטאָ. ווער האָט אָנגעצונדן די געבליטן פֿון די נאָמענלאָזע העלדן? דער צעפּלאַמטער רוף צום קאַמף און נקמה טראָגט זיך פֿון די פֿאַרבאַרגנסטע ווינקעלעך, בונקערס און היילן, פֿון אונטער חורבות און פֿאַלנדיקע ווענט. לויפֿן נייגעריקע פֿאַלאַקן צו די געטאָ מויערן, מיט אייגענע אויגן צו זעען, ווי די דייטשן וועלן זיך דאָס אָפּרעכענען מיט די חוצפּהדיקע זשידקעס. די דייטשן פֿאַרשליסן אָבער אַלע צוגענג צום געטאָ, קיינער זאָל נישט זעען זייער חרפּה — די אַמבולאַנסן מיט געהרגעטע און פֿאַרוווּנדעטע דייטשן. אויפֿן פּלאַץ קראַשינסקי, ווו דייטשע האַרמאַטן שיסן אין געטאָ אַריין וויילט זיך די פּוילישע יוגנט אויף קאַרו־סעלעס, אונטער די קלאַנגען פֿון פֿריילעכע מאַזורקעס און פֿרעכן געלעכטער פֿון זייערע מיידן. גאָלדעלע קען מער נישט אַרבעטן, גאַנצע טעג לויפֿט זי אַרום די געטאָ מויערן. דאָרט זענען דאָך געבליבן אירע שענסטע טעג.

איצט ברענען דאָרט די הייזער און אירע טייערסטע חלומות, יעדער אויפרייס רייסט אויף איר נשמה. זי איז פול מיט ווייטאָג און מיט שטאָלץ פון דער יידישער גבורה. אויף דער אָרעמער מילע און נאָוואָליפּיע שטייען די וואָס האָבן פיינט דעם פאַשיזם און האָבן אַזוי ליב דאָס לעבן און די פרייהייט, אַרומגערינגלטע מיט אַ געטאָ־מויער און אַ מויער פון שׂינאה שטייען זיי מיט געווער אין די הענט. פון וואַנען זייער געוואַגטקייט? זיי ווייסן דאָך קלאָר אַז דער קאַמף האָט נישט קיין אויסזיכטן אויף דעם מינדסטן דערפאָלג, דאָך האָבן זיי אים אָנגעהויבן. און צום ערשטן מאָל פאַלן דייטשישע באַנדיטן פון יידישע הענט. זיי די „העלדן" איבער שוצלאָזע פרויען און קינדער קענען אויך אַנטלויפן אין בהלה פאַר יידישע קעמפער און באַצאָלן גאָר טייער פאַר זייער יעדן זיג איבער דעם אומבאַוואָפנטן געטאָ. דאָ אויף די יידישע גאַסן פלאַצט ווי אַ זייפנבלאָז די לעגענדע וועגן דער אומבאַזיג־באַרקייט פון דער היטלעריסטישע אַרמיי.

גאָלדעלע לויפט איבער די בוידעמס פון די פאַרלאָזטע הייזער, וואָס רינגלען אַרום ווי אַ קייט דעם געטאָ. זי קען זיך נישט אָפּרייסן, זיין כאָטש נאָענט צו די אומגליקליכע, איינזאַפּן אין זיך זייער ווייטאָג, יעדן קרעכץ און ציטער, דעם פּיין און גבורה פון אָט דער שרעקליכסטער טראַגעדיע פון איר פאָלק. אין געטאָ איז איצט פּסח, „אַ פרילינג מיט אַ שחיטה", ווי עס האָט געזאָגט דער פּאָעט. צווישן די ברענענדיקע הייזער, צווישן די פלאַמען, לויפן מענטשליכע שאָטנס איבער דעכער. פון אַ פענצטער שפּרינגט אַרויס אַ פרויען געשטאַלט מיט אַ קינד אויף די הענט און בלייבט אַ צע־שמעטערטע ליגן אויפן ברוק. אַרום טראָגן זיך אָן אויפהער אויפרייסן און האַרמאַטן שאָסן. ווי צעיושעטע חיות לויפן די דייטשן, צונדן אונטער די הייזער, צעשטערן יעדן סימן פון לעבן, די פלאַמען שלינגען איין אַלץ וואָס האָט דאָ געלעבט און געבליט. איבער דעם געטאָ טראָגט זיך פון טויזנטער שׂריפות אַ מעכטיקער פלאַם וואָס שלינגט איין איר וועלט, די היימען, די הייזער, און עס שרייט דאָס בלוט צו די הימלען — די מערדער צום אייביקן שאַנד. איבער דעם ים פון פייער טראָגט זיך די יידישע שׂינאה און צאָרן, די לעצטע יידן וואַרפן די לעצטע גראַנאַטן, און די לעצטע קללה די מערדער.

אויך אויף דער קריסטליכער גאַס איז איצט פרילינג און פּאַסכאַ. עס

שמעקט מיט יומטוב און מיט בעז. כלה־מיידלעך אין ווייסע חופה־קליידלעך גייען אין די קלויסטערס ווי עס העגגט דער געקרייצטער ייד פון נצרת מיט צעשפרייטע הענט. די אָרגלס שפּילן, די כאָרן זינגען אים אַ הללויה, ווען זיין פאָלק ווערט געקרייצט און געשאָכטן.

ליגט אַן אימהדיקער גרויל איבער די חורבות פון געטאָ. די בונקערס מיט טויטע קערפּערס פון די העלדן. טויט איז דאָס פאָלק וואָס האָט אויף אָט די גאַסן געשפּרודלט מיט לעבן, געחלומט, געוויינט און געלאַכט. טויט איז די פּרעכטיקע יוגנט וואָס האָט איר חלום נישט אויסגעחלומט, פון רייכן נעכטן געבליבן נאָר צעריסענע ווענט, עס הענגען נאָר שטיקער באַלקאָנען. געבליבן איז גאָלדעלע אָן אַ היים, אָן אַ פאָלק, אַליין אין אַ ווילד פרעמדע וועלט פון שׂינאה. ציִען זיך אירע טעג ווי אַ שלעכטער חלום. בלויז די פליכט צו ראַטעווען, כאָטש אַן אייניציקן, גיט נאָך אַ זין איר לעבן אויף אָט דער פאַרברעכערישער וועלט. שטייט זי אין דער פינצטערניש פון נאַכט אויף דער קרוטשע גאַס, מיט וואַכע אויגן און אַ וואַך האַרץ, צוזאַמען מיט אַ קריסטליך מיידל.ביידע ציטערן פון דער נאַכט קעלט און שרעק. דאָס מיידל שעפּטשעט שטיל אַ תפילה צו איר גאָט: פאַרגיב זיי ליבער יעזוס, די אומגליקליכע יידן זייער חטא קעגן דיר, זיי זענען שוין גענוג באַשטראָפט געוואָרן...

אַ שטילער רעש טרייסלט אויף ביידע מיידלעך, און זיין לויפן צום אייזערנעם דעקל פון דער קאַנאַליזאַציע רער. דאָס דעקל עפנט זיך פּאַמעלעך, עס קוקט אַרויס אַ קאָפּ און אייניציקוויז קריכן זיי אַרויס ווי שקעלעטן, פאַרחלושטע געשטאַלטן, שמוציקע, פאַרעיפּישטע. די מיידלעך טראָגן זיי אונטער וואַלעריאַנער טראָפּנס צו די נעז און שטיקלעך ברויט. אין דער פינצטער פירן זיי די געראַטעוועטע אַריין אין אַ טויער, צו דעם צוגעגרייטן קעלער אין אַ זייטיקן הויף. די אַנדערע נאַכט קומען אַרויס נאָר צוויי גע־שטאַלטן. אין די ווייטערדיקע שוין קיינער. אומזיסט דאָס וואַרטן. נאָר די נאַכט הענגט אַ טרויעריקע איבער דעם טויטן געטאָ.

פליסן טעג, וואָכן און חדשים און גאָלדעלעס האַרץ איז אַלץ פאַרפרוירן אין איר צער. אַפילו די גרויסע מפּלות פון דער היטלער אַרמיי קען נישט אַנוואַרעמען איר נשמה. צו איז דען דאָ אַ נקמה קעגן די מערדער?

אויף די גאַסן לויפן אויטאָס און טראַמוואַיען, אין די געוועלבער פאַר־

קויפט מען הערינג און זויער־קרויט, נאָר גאָלדעלע לעבט מיטן בילד פון איר מאַמען, פון חברטעס, פון פייגעלען וועמען זי האָט געזעען טרייבן צום טויט. פייגעלעס געשטאַלט לאָזט זי נישט רוען, רעדט צו איר אין חלום — נעם טייערינקע מיינע פּענדזלעס, נעם מיין טאַלאַנט און פּאַראייביק די צום טויט געטריבענע, מיך, דיינע חברטעס. און אפשר איז עס נישט געווען בלויז קיין חלום? גאָלדעלען כאַפּט אַרום אַ שטאַרקער באַגער צו צייכענען און מאָלן. דער געדאַנק גיט אַ נייעם זין איר לעבן, אַ נייע פליכט פאַרצווזעצן דאָס וואָס פייגעלע האָט אָנגעהויבן, וואָס פייגעלע האָט איר באַפוילן — פאַראייביקן דאָס שענסטע וואָס איז געשוחטן געוואָרן.

דערווייל רוקט זיך די רויטע אַרמיי אַלץ נענטער קיין וואַרשע, טיילנדיק געזונטע קלעפּ די היטלער באַנדיטן. אונטער דער גסיסה פון די דייטשן לעבט אויף די פוילישע גאווה. זיי ווילט זיך נישט באַפרייט ווערן פון די רוסן, כאַפּן זיי זיך צום געווער, עס ברעכט אויס דער אַלגעמיינער וואַרשעווער אויפשטאַנד. קריכן אויך אַרויס די לעצטע יידן פון אַלע באַהעלטעענישן און בונקערס. יידן מיט פוילישע נעז און אַרישע דאָקומענטן, נקמה צו נעמען פאַרן טויט פון זייערע טייערסטע. בלייבט אָבער די רויטע אַרמיי שטיין ביי דער ווייסל, זיי האָבן צייט. האָבן אויך די דייטשן געגוג צייט אָפּצווישן וואַרשע פון דער מאַפּע. צוזאַמען מיט די צינד־באָמבעס וואַרפן זיי העץ־אויפרופן קעגן די יידן. פון וואַרשע בלייבט אַש און חורבן, און אירע לעצטע איינוואוינער אַנטלויפן. אויך גאָלדעלע אַנטלויפט מיט איר איינציקן פאַר־מעגן — אירע ערשטע סקיצן, מיט וועלכע זי לאָזט זיך אויף וואָגל. זי קומט אָן אין דעם פאַבריקס־שטעטל בלוינע ווי זי געפונט פאַר זיך אַ דאַך און געלעגער אין אַ גרויסער אָרעמקייט, צווישן הונגעריקע קינדער, אַ שיכורן טאַטן וואָס אַנשטאָט ברויט טיילט ער זיין ווייב קלעפּ. אויך דאָ צייכנט גאָלדעלע. זי לערנט זיך אויסכישופן די ליניעס פון רעזיגנירטע פּנימער, פון צער און צאָרן, פון מאַמעס וואָס האָבן מיט ווייטאָג צום לעצטן מאָל געטוליעט זייערע קינדער. פאַרליבטע פאָרלעך וואָס האָבן ביים צעשיידן צום לעצטן מאָל געקושט זיך. זי לערנט צו באַהערשן די טעכניק פון אויסשרייען מיט פאַרבן און ליניעס איר גרויסן וויי. זי איז שטאָלץ וואָס זי האָט אַנטדעקט אין זיך דעם טאַלאַנט דאָס צו טאָן.

דער אַריינמאַרש פון דער רויטער אַרמיי ווערט פאַר די אויסבאַהאַלטענע, פאַרמאַסקירטע און געראַטעוועטע יידן אַן אומענטשליכע פרייד. ס׳איז שווער צו גלויבן אַז זיי וועלן מער נישט דאַרפן פירן קיין קאָנספּיראַטיוו פאַרשטעלט לעבן, פון צערייצטע נערוון און אייביקן פחד, פון הענגען צווישן לעבן און טויט. פאַר גאָלדעלען איז עס אַ פרייד צו קענען פון איצט פריי דערפילן איר פליכט, מיט איר טאַלאַנט אויפצושוידערן דאָס מענטשליכע געוויסן און רופן צו אַ שטראָף און באַצאָלונג פאַר די מערדער. נאָר די באַפרייטע פאָלאַקן זענען אַליץ נישט באַפרייט געוואָרן פון דער שׂינאה צו יידן, כאָטש פוילן איז כמעט יידן־ריין. צו שוואַך זיך אַנטקעגנצושטעלן די רוסן נעמען זיי זיך צו מאָרדן די לעצטע געבליבענע יידן. באַפאַלן זיי אין די נעכט אין פאַר־וואָרפענע ווינקלעך. די פוילישע ערד איז נאָך נישט זאַט פון יידישן בלוט. געפונען די געראַטעוועטע יידן די איינציקע הילף אין דער רויטער אַרמיי. העלפן זיי דאָס פאַרמירן זיך פון אַן אַנדער פוילן, נישט פון פּולקאָווניקעס און כוליגאַנעס. ווערט דאָס נישט צעקלאַפּטע לאָדזש די צייטווייליקע הויפּט־שטאָט. לאָזט זיך אויך גאָלדעלע אַהין. דאָ טרעפט זי דעם גוטן לערער יוליוש. ער איז דאָ נישט געקומען אַהער נאָך קיין באַלוינונג פאַר זיינע גרויסע פאַר־דינסטן אין קאַמף קעגן דעם אָקופּאַנט, נישט נאָך מלוכישע קאַריערע, נאָר אַלס לערער וויטער לערנען קינדער זיי זאָלן אויסוואַקסן מענטשן.

ער העלפט גאָלדעלען אַנקומען אין דער ניי געגרינדעטער הויך־שולע פאַר קונסט. דאָ וואַרפט זי זיך מיט פלייס און באַגער צום לערנען, צו באַ־הערשן די טעכניק פון פאַרב און ליניעס, צו קענען וואָס בעסער מאָלן, צו אַנטוויקלען דעם טאַלאַנט, צו זיין ביכולת צו פאַראייביקן די גרויסע טראַ־געדיע פון איר פאָלק.

לאָדזש ווירבלט מיט מיטינגען, פאַרלעזונגען און טעאַטער, רוסלאַנד שיקט אַהער אירע שענסטע און בעסטע טענצערינס איינצונעמען דאָס האַרץ פון פוילישן פאָלק. די טעקסטיל פאַבריקן וואָס האָבן דאָ אַמאָל געהערט צו דייטשישע און יידישע פאַבריקאַנטן, זענען איצט באַפּוצט מיט רויטע פענער און מיט דער לאָזונג — זאָל לעבן גאָמולקאַ! נעכטיקע פּ.פּ.־סאָוצעס האַלטן דאָ לויב־רעדעס צום קאָמוניזם און ראַטן־פאַרבאַנד, בלויז די ווענט פון די קלאָזעטן זענען פאַרפאַטשקעט מיט קאַריקאַטורן און לאָזונגען קעגן

יידן, קעגן מאָסקאַלעס און סטאַלינען, — דעם זשידאָווסקי פּאָכאָלעק. אויך נישט ווייניק נעכטיקע מוסרים, וואָס האָבן היטלערן פאַרקויפט זייער נשמה, אַמאָליקע פּאָליצייאישע שפּיצלעס, זענען געוואָרן וויכטיקע מלוכה־לייט און מיט נישט איין געמיינקייט דערגרייכט צו אַ הויכער קאַריערע און הויכן לעבנס־סטאַנדאַרט. לאָדזש ווערט אויך אַלץ מער מיט יידן, גראַטעוועטע פון טויט־לאַגערן, צוריקגעקומענע פון סיבירער טונדרעס, אָנגעזאַפּטע מיטן טעם פון היטלעריסטישן טויט און סאָוויעטישן הונגער. זיי טראָגן נאָך די פאַרלאַטעטע פופייקעס און רעדן רוישיק מיט די הענט וועגן די גרויסע גליקן וואָס זיי האָבן דאָרט געהאַט אין טאַשקענט און אַלמאַ־אַטאַ, ברייען וועגן גרויסע דערפּאָלגן ביי רוסישע שיקסעס. נאָר אין דער שטיל דערציילט מען זיך וועגן דעם גרויל פון וויסטע סעווער נעכט, פרעסט און הונגער. צוזאַמען מיט די יידן זענען צוריקגעקומען זייערע פּאַרטייען. באַפּאַרבט מען דעם ציוניזם און בונדיזם מיט אַ ביסעלע קאָמוניזם און מען לעבט אויף טויטע טעאָריעס, טויטע אילוזיעס. צווישן די צוריקגעקומענע זענען אויך אַזעלכע וועמענס חסידישע טאַטעס האָבן זייער גאַנץ לעבן געפירט אַ פאַרביטערטע מלחמה קעגן יצר הרע, אָפּגעוועלקט זייען לעבן צו באַקומען זייער לוין אויף דעם עולם הבא, אַזוי האָבן זייערע זין אָפּגעפוילט אין די טורמעס פאַר קאָמוניזם, פאַר דער צייט פאַרעלטערט געוואָרן, אָפּגעטאָן זיך פון עולם הזה, און איצט, אין נאָמען פון דעם סאָציאַליסטישן עולם־הבא געשטעלט זיך צום סאָציאַליסטישן געהיים־דינסט, ווערן סאָציאַליסטישע שפּיצלעס, צענזאָרן, היטער פון קאָמוניסטישן כשרות, אָפיצירן אין דער פוילישער סאָציאַליסטישע אַרמיי, הויכע מלוכה דיגניטאַרן און ספּעצן אין דער סאָציאַליסטישער דיפּלאָמאַטיע. אויך די וואָס זענען געקומען אַנטוישטע פון ראַטן־פאַרבאַנד, טרייבט צוריק צום קאָמוניזם די סכנה וואָס לויערט אויף זיי. נישט געפונען קיין אַנדערן גאָט וועמען אַנצוטרויען זייער לעבן און גורל, ווערט די רויטע אַרמיי זייער איינציקע שוץ קעגן די פוילישע מערדער. זינקען זיי אין נייע אילוזיעס, און צוזאַמען מיט די פריש געבאַקענע מאַכערס, קאָמיטעטשיקעס, חוזקן זיי פון די וואָס גרייטן זיך „אַוועקצושווימען צום לאַנד פון עובר בטל", און זיי זאָגן:

— דאָרט אין ישראל איז גוט צו שטאַרבן, אָבער מיר ווילן לעבן אין

אַ סאָציאַליסטיש פּוילן. און זיי, די שרייבערס פון דער יידיש קאָמוניסטישע צייטונג — מען זאָל זיי נישט קענען חושד זיין אין שאָוויניזם — פאַרשווייגן אַלע פאַרברעכנס, דעם מאָרד וואָס ווערט טאָג טעגליך באַגאַנגען איבער די רעשטלעך געראַטעוועטע יידן, צעשמירן זיך גאָר ברייט וועגן איינציקע ליכטיקע נשמות וואָס האָבן געראַטעוועט ערגעץ אַ ייד פון טויט, ווי זיי די פאָלאַקן וואָלטן דאָס געווען אַ פאָלק פון לויטער צדיקים.

דערוייל ווערט דאָס פאָלקס־דעמאָקראַטישע פּוילן אַלץ מער אַ געטרייע קאָפּיע פון רוסישן קאָמוניזם. מיט די זעלבע חניפה צום פירער, מיט חשד צו יעדן איינעם, מיט סטאַכאַנאָווצעס, נאָרמעס, ליגנט און פּלענער. אויך די פּוילישע פּרעסע, ווו די „פּראַוודאַ", חוזקט פון נאָרמאַל מענטשליכן שׂכל און געפילן פון לייענער. אויך דאָ באַגרענעצט דער רעזשים די רעכט און פרייהייט פון מענטש, באַפּוצט איר טעראָר מיט שרייענדיקע לאָזונגען, מיט ווייניק געשמאַק און אַ סך לעכערלעכקייט. אויך דאָ הערשט די בליישטיפט פון צענזאָר איבער אַלץ וואָס מען רעדט, שרייבט און מען טראַכט.

אין אָט דעם לאָדזש שפּילט די שוואַרצע יאַנקע אַ גאָר וואַזשנע ראָלע. די וואָס איז אַמאָל אין איר שטעטל געקראָכן אין די הויכע גראָזן מיט דאָרפישע יונגען האָבן די יאָרן פון אונטערגרונט און קאָנספּיראַציע אַ סך געענדערט און אַנטוויקלט. שוין נישט מער יענע דאָרפישע מויד און גלחס דינסט. זי טראָגט זיך דאָ אַרום מיטן פאַרטיי ביכל און מיט וויכטיקע פאַר־דינסטן. נאָך אַנשטאָט פּויערישע יונגען האָט זי היינט וויכטיקע פאַרטיי לייט, אַנשטאָט די הויכע גראָזן — אַלע מאָל אַנדערע בעטן. קיין לאָדזש איז זי אָנגעקומען צוזאַמען מיט די רוסישע טאַנקן, וואָס האָבן מיט זייער שטאָלענער מאַסע גערוקט זיך קיין בערלין. האָט זי דאָ פאַרכאַפּט אַ באַקוועמע דירה פון אַן אַנטלאָפענעם פאָלקס־דייטש, געלייגט זיך מיט אַ רוסישן לייטענאַנט, כאָטש זי האָט נישט געקענט מער ווי דאָס איינציקע רוסישע וואָרט — טאָוואַרישטש, און ער, דאָס פּוילישע וואָרט — פּזשאַ־קרעוו. פאַר אירע פאַרדינסטן פאַר דער פאָלקס־אַרמיי, פאַר צושטעלן, — אַ דאַנק איר מאַן דעם געמיינע שרייבער — געפעלשטע דאָקומענטן, פאַר אויסבאַ־האַלטן מענטשן אין וואַלד נעבן איר שטעטל, אין וואָס עס האָט איר צוגע־האָלפן דער גאַיאָווע, מיט וועמען זי איז געווען אַזוי שטאַרק באַפריינדעט,

אַז אַפילו זיין שלאַבעריק ווייב האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס אַנשטאָט צו קריכן מיטן גאַיאָווע אין בעט, קריכט זי מיט אים גאָר אין וואַלד, וואָס איז געשטאַנען עפּעס מאָדנע סודותדיק. די שוואַרצע יאַנקע האָט דאָ גלייך אַהערגעברענגט איר טעמפּן מאַן, וואָס איז פון אַ געמינע שרייבער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וויכטיקן מלוכה באַאַמטן. פאַר יאַנקען איז ער געוואָרן די מאַטעריעלע זייט פון איר לעבן און זי היט אים טאַקע גוט ער זאָל דעם חודש לוין נישט פאַרטרונקען. ביי טאָג איז ער נישטאָ, נאָך דער אַרבעט שיקט זי אים אַוועק אין סטאַשיץ פאַרק הערן ווי די פייגל זינגען און זאָגט אים אָן ער זאָל פרי נישט צוריקקומען, ווייל זי האָט גאָר וויכטיקס זיך דורכצושמועסן מיט אַ וויכטיקן פאַרטיי מאַן, וועגן וויכטיקע מלוכה פראַגן. דער וויכטיקער פאַרטיי מאַן האָט איר טאַקע גאָר וויכטיקעס פאָרצוואַרפן, ער קען איר נישט מוחל זיין אירע רוסישע פולקאָווניקעס און יידישע או.בע.־לייט און וויל איר איבערצייגן אַז איבערן פוילישן סאָציאַ־ליזם דאַרפן אָנפירן נאָר פאָלאַקן און נישט קיין פרעמדע. אָבער זי אַ האַלב נאַקעטע, ענטפערט:

— די פוילישע גאווה איז שוין אַן אָפּגעלעבטע זאַך, אַן איבערבלייב פון דער פוילישער שליאַכטע. ס'איז גאָר נישט שלעכט וואָס היטלער האָט איבערגעלאָזט אַ ביסל יידן, מען זאָל זיי קענען אַרויסווייזן אונדזער אינטער־נאַציאָנאַליזם און האָבן דערביי אויך פאַרגעניגן. דאָס בעט איז דאָס פּאַ־סיקסטע אָרט צו פאַרגעסן אַלע נאַציאָנאַליסטישע פאַראורטיילן. אָבער דו ליידאַק זאָגסט אַז דו האָסט מיך ליב און וועסט באַלד זיך וואַלגערן מיט דיין קלאַפּטע וואָס איז פעט ווי אַ האָלענדישע קו. פון מיינע רוסן און יידן פילט זיך דאָך נישט קיין פריקרער ריח ווי פון אַ פעט ווייב.

פאַר דער שוואַרצער יאַנקע איז דאָס נייע פוילן אַן אמתער גן־עדן. קריכט זי אַרום אין אַלע מלוכהשע און פאַרטייאישע אַמטן, אומעטום געפינט זי עמיצן וואָס פאַרבינדט זי מיט אַ געמיינזאַמען סוד, אַ געמיינזאַמע נאַכט. און אַז די פאַרטיי חברים זענען שטאַרק פאַרנומען, געפינט זי אַ מויערער וועמען עס איז נמאס געוואָרן צו לייגן ציגל, טרייבט ער זיין ווייב צו האַנדלען אויפן שוואַרצן מאַרק, און פאַר איר פאַרדינסט שיכורט ער מיט דער שוואַרצער יאַנקען און טיילט זיין ווייב קלעפּ.

אין אָט דער שטאָט פון טעקסטיל, אַנאַלפאַבעטיזם, שיכרות און ריח פון קאַנאַליזאַציע, שטראַלט עס אַרויס די העלע זון פון דער פּוילישער פאָלקס־דעמאָקראַטיע. אירע כהנים, די גאָמולקאַס, סטאַניסלאַווס, באַלעסלאַווס און אַנדערע זענען עס אַ גוט אָרגאַניזירטער אַפּאַראַט פון פּאַרטייאישער מאַכט איבערן פאָלק. זיי, די אַסקעטיש אומעטיקע טיפּן, קניִען געצנדינעריש פאַר די מאַרקסיסטישע דאָגמעס און פאַרן יויזל פון קרעמל. אַרום זיי שווימען עס ווי פיש אין וואַסער, אַ ביסל לײדיקגײערס וואָס פּילן אָן אַלע פּאַרטייאישע און מלוכה ביוראָען, רעדאַקציעס, זיי שטעלן עס צו דעם פאָלק קולטור, אַגיטאַציע און זיך פאַרשידענע פּראָטעקציעס אין די אַמטן פון צוטיילונג פאַר פלייש, קאָנסערוון און טאַלאָנען אויף מאַנופאַקטור. אויך אונדזער לייביש וואָס איז היינט דער באַרימטער און פאַרדינסטפולער חבר באַלעסלאַוו, איז אַ געטרייער פאַרזאָרגער פון פּוילישן פאָלק. ער טרעט אַרויס אויף מיטינגען צוזאַמען מיט גאָמולקאַן און לויבט סטאַלינען דעם פירער פון וועלט פּראָ־לעטאַריאַט און בעסטן פריינד פון פּוילן. זיין זאַשקע מיטן זויער צעקנייטשטן פּנים, אַפּלאָדירט אַמשטאַרקסטן די קלוגע רייד פון איר גאַר וויכטיקן מאַן — דעם בויער פון פּוילישן סאָציאַליזם. דאַרף אָבער גראָד אים טרעפן אַזאַ אומאַנגענעמע געשיכטע: עפּעס אַ פאַרמלחמהדיקער יידישער קאָמוניסט פון מוראַנאָווער ראַיאָן, וואָס איז נאָר וואָס צוריקגעקומען פון רוסלאַנד, האָט גייענדיק אין גאַס דערקענט אין דעם וויכטיקן פּאַרטיי און מלוכה פירער חבר באַלעסלאַוו, זיין אַמאָליקן חבר לייבל. האָט ער פאַר גרויס פרייד גענומען לויפן צו אים, וועלנדיק מיט אים זיך צוקושן, שרייענדיק — לייביש, לייביש! אָט דער נאַיווער קאָמוניסט האָט זעט אויס נישט געוווּסט אַז עס זענען שוין מער נישט יענע טעג פון דער אומלעגאַלקייט, ווען אַ חבר האָט עפּעס באַדייט. היינט האָבן מיר דאָך אַ קאָמוניסטישע מדינה מיט קאָמוניסטישע מיניסטאָרן. דערצו מרוטשען דאָך גענוג די פּאָלאַקן קעגן דער פּוילישער רעגירונג פון דרייצן זשידעס. צו וואָס דאַרפן זיי זיך אויך דערוויסן אַז דער ריינער פּאָלאַק און וויצע־מיניסטער, טאָוואַרישטש באַלעסלאַוו דאָס איז נישט מער ווי אַ זשידעק פון אַ קליין שטעטל מיטן נאָמען לייביש? דערשפּירנדיק אָט דעם געפאַר, באַפעלט באַלעסלאַוו זיין שאָפער שנעל אָפּצופאָרן, אַנטלויפנדיק פאַר זיין נעכטיקן חבר און פון זיין אָפּשטאַם.

באָלעק איז נישט דער איינציקער וואָס קאָנספּירירט אויך אין קאָמוניסטישן פּוילן זיין אָפּשטאַם, צו וואָס זיך רעקלאַמירן מיט זייער יידישקייט? גאָלדעלע וועט אָבער פון איר פאָלק נישט אַנטלויפן. נאָך אַזוי פיל יאָרן פון געצוווּנגענער פאַרמאַסקירונג ווילט זיך אַזוי שטאַרק אַראָפּוואַרפן די מאַסקע און די פרעמדקייט, מיט שטאָלץ ווידער טראָגן איר יידישן נאָמען און איר אייגענעם „איך". פאַר קיינעם מער נישט באַהאַלטן, נישט שעמען זיך מיט איר פאָלק. די פּוילישע סטודענטן אין דער הויכשולע זוכן מיט איר אַ פלירט, זענען גרייט אַפילו מוחל זיין איר יידישקייט, און דערקלערן ליבע דער שיינער טאָכטער פון דעם פאַרהאַסטן פאָלק. גאָלדעלען ציט אָבער צו יידישער היימישקייט, געפינט נישט קיין געמיינזאַמע שפּראַך מיט די וועמען בלוט און שינאה האָבן אויסגעגראָבן אַ טיפן תהום. געפינט זי נאָר אַן איינציק יידיש מיידל וואָס לערנט מיט איר צוזאַמען און מאָלט אויף די זעלבע טעמעס פון חורבן און אומקום. אָבער אויב גאָלדעלע חלומט וואָס שנעלער זיך אַרויסצובאַקומען פון דעם לאַנד פון קברים, גלויבט איר חברטע, אַז די וואָס האָבן זי באַפרייט פון אָשוויענטשים וועלן נישט פיינט האָבן מער קיין יידן, און אַז דאָס סאָציאַליסטישע פּוילן וועט ווערן אַן אמתע היים אויך פאַרן געליטענעם יידישן פאָלק. גאָלדעלע קען אָבער צו גוט די סטאַניסלאַווס און זיינע חברים, זי ווייסט אַז די פאַנאַטישע פאַרטיי לייט האָבן צו באַגרענעצטע האָריזאָנטן. מיט זייער בלינדע אמונה זענען זיי פעיִק צו צעטרעטן מענטשליך לעבן, און ווער ווייסט וואָס פאַראַ צרות זיי קענען אָנטאָן אין נאָמען פון זייער אמת? זיי זענען אָבער נישט פעיִק צו שענקען דעם פאָלק קיין גראַם פרייד. זייער רעוואָלוציאָנערע אַנטשלאָסנקייט גייט אָפּט געפּאָרט מיט טאָטאַלער אומענטשליכקייט. דער פאַנאַטישער אידעאַליסט ווערט אָפּט אַ קללה, אָבער נישט קיין בויער פון אַ גערעכטע און פרייע וועלט. פאַרטיפט זיך גאָלדעלע נאָך מער אין דערלערנען די טעכניק פון מאָלן, אין די קאָמפּליצירטע טעאָריעס פון זעען, פערספּעקטיוו, ליכט און שאָטן, אין דער מיסטעריע פון פאַרבן און ליניע זוכנדיק אין דער ליכט פון דער קונסט צו אַנטלויפן פון די שאָטנס פון לעבן.

7.

אַוועק איז אַ שווערער ווינטער, געפּלאַצט די פרעסט, ס׳ברעכט זיך דער אייז. אויך פון די פראָנטן קומען פריילינגדיקע גרוסן. יעדן טאָג ביי באַפרייטע שטעט. די היטלער חיה קייקלט זיך צוריק. נאָר אין שׂמחהס האַרץ בושעוועט נאָך אַלץ דער שווערער ווינטער. זיין היים איז חרוב, עס בלי:ען דאָרט נאָר קברים. פאַר די מפּלות אויף די רוסישע פראָנטן פּייניקן די היטלעריסטן נאָך מער די יידן און פאַרמעסטן זיך זיי אין גאַנצן אומצו־ברענגען. אין וואַרשע זענען העלדיש געפאַלן די לעצטע פון דער יידישער יוגנט. קומען די גרוסן פון נצחון באַגלייט מיט די קאָשמאַרסטע ידיעות פון יידישן אומקום. אָבער דאָ אין דעם פאַרוואָרפענעם ווינקל פון קאַזאַכסטאַן שווימט דאָס לעבן אין איר לאַנגווייליקן טרויער. די צייטונגען דערציילן אַז אין פּאַלעסטינע איז געשאַפן געוואָרן אַ יידישע בריגאַדע ביי דער ענגלי־שער אַרמיי צום קאַמף קעגן היטלערן, און דער יידיש קאָמוניסטישער „איי־ניקייט״ שרייבט, אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט גאָר נישט קעגן אַ יידישע מלוכישקייט אין פּאַלעסטינע. ווי קומט עס דער קאָמוניזם זאָל אָנערקענען אַזאַ ציוניסטישן געדאַנק ווי די רעכט פון יידן צו אַן אייגן לאַנד? וואַרעמט דאָס אָן די פאַרוואָגלטע יידישע הערצער מיט אַ גרויסע האָפענונג. שׂמחה אין זיין איינזאַמקייט געפינט דאָ אַ ביסל היימישער וואַרעמקייט ביי אַ פּליטים פאַמיליע פון וואַרשע. דאָס איז דוד, וואָס אַרבעט אין דער זעלבער פאַבריק אַלס סטאָלער, און האַלט שׂמחהן ווי אַ יונגערן ברודער. זיין ווייב אַרבעט אין מעכאַנישן צעך, און זייער זון לערנט אין דער קאַזאַכישער שולע. דוד איז געווען דאָרט אין וואַרשע אַן אַקטיווער קאָמוניסט, נאָר די גרויליקע „מאָסקווער פּראָצעסן״ האָבן אים דערפון אויסגעהיילט. ער קען אָבער זעט אויס נישט זיין אָן אַ גלויבן, איז גראָד דאָ אין לאַנד פון קאָמוניזם ביי אים רייף געוואָרן דער געדאַנק צו פאַרטוישן די קאַזאַכישע סטעפּעס אויף תנ״כישע מדבריות. ער ווייסט אָבער ווי צו באַהאַלטן זיינע געפערליכע געדאַנקען, ווייל אין לאַנד פון קאָמוניזם איז די גרעסטע חכמה צו שוויגן, נישט צו זאָגן דאָס וואָס מען קלערט.

די רויטע אַרמײ רוקט זיך אָן אויפהער אַלץ נענטער קיין בערלין, צו דער נעסט פון דער היטלעריסטישער חיה. עס קומען גרויסע געשעענישן: דאָס פאַלן פון בערלין, היטלערס טויט, און די דייטשע קאַפּיטולאַציע. דער זיג שרייט אַרויס פון אַלע ראַדיאָ הילכערס, פון די טאָג־צייטונגען און רעדעס. רעדט מען שוין אויך צווישן די פליטים גאָר געשמאַק וועגן צוריקפאָרן, כאָטש יעדער ווייסט אַז ער האָט מער נישט קיין היים, דאָך רייסט מען זיך וואָס שנעלער פון דאַנען אַוועק. דוד פיבערט אָבער מער פון אַנדערע. זיינ״ע פלענער פירן אָבער אַסך ווייטער אַוועק איבער פוילנס גרענעצן, צום לאַנד פון די עלטער־זיידעס. ער רעדט אָבער וועגן דעם ווייניק, נאָר פויקט מיט די פינגער אין טיש און שווייגט אויס זיינע געדאַנקען. דודל האָט זיך אין דעם לאַנד געגוג אָנגעהערט פון די יידישע פליטים וועגן סאָוויעטישע קאָנצענטראַציע לאַגערן אין ווייטן סעווער, פון אייגענער דערפאַרונג דער־קענט דעם סאָוויעטישן סאָציאַליזם וועלכער האָט זיך פאַרמאָסטן צו באַגראָבן דעם קאַפּיטאַליזם און אַליין געווירשנט זיין גאַנצן בייז: די נויט, לוין־אַרבעט, אויסנוצונג, שפעקולאַציע, אַנשטאָט קאַפּיטאַליסטן הערשן דאָ טעמפּע ביוראָ־קראַטן איבער די פאַבריקן און מלוכה אַנשטאַלטן. אים ציט אָבער נישט צוריק צום פאַרפוילטן קאַפּיטאַליזם, נאָר צו אַן אַנדערן, בעסערן הומאַניטאַרן סאָציאַליזם, מיט ברייטע פרייהייטן אַנשטאָט טורמעס און לאַגערן. אָט דעם אידעאַל חלומט ער צו טרעפן אין אַ פריי יידיש לאַנד.

שמחהן איז גוט מיט דודס פאַמיליע, ווייניקער איינזאַם. דוד כאַפּט אָפּט אונטער אַ כאַלטורקע און נעמט צו הילף שמחהן. אָט באַקומט ער אין דער שטאָט פאַרוואַלטונג אָנצושרייבן די נעמען פון די גאַסן מיט שוואַרצע פאַרב אויף ווייסע בלעכענע שילדלעך. ער באַקומט דערפאַר אַ גוטן לוין און צוזאַמען מיט שמחהן פילן זיי גיך אויס די באַשטעלונג, אָבער די וואָס צעהענגען די אויפשריפט קענען ליידער נישט לייענען, פאַרטוישן זיי די יוצרות, באַהענגען אַ גאַס מיט פאַרשידענע נעמען. אָבער ווער באַמערקט דען אַזאַ קלייניקייט? די איינוווינער ווייסן סיי ווי נישט דעם נאָמען פון זייער גאַס, און אויב ווער ס׳איז נישט שיכור וועט ער סיי ווי טרעפן אַהיים.

נאָך דעם באַקומט דוד אַ צווייטע כאַלטורקע, צו באַמאָלן די ווענט פון וואָקזאַל מיט לויב־לאָ״זונגען צו דער זיגרייכער רויטער אַרמײ און צו

סטאַלינען. דער קאָמענדאַנט פון וואָקזאַל אין דער ראַנג פון אַ קאַפּיטאַן, איז זייער פריינטלעך צו דודן, זאָגט אים צו פאַר דער אַרבעט יעדן טאָג אַ פעטע פלייש זופּ, אויך פאַר שׂמחהן, און אַהיימצוטראָגן פון דער אָפיצירישע קיך ביים וואָקזאַל. באַמ׳ען זיך בײדע, די אַרבעט זאָל וואָס לענגער זיך שלעפּן און מער קעסלעך פלייש זופּן צו פאַרדינען. דערווייל גייען די טעג ווי די ווייזער אויפן זייגער. יעדער טאָג ווערט געבוירן מיט אַ גרויסן פראַגע צייכן — וואָס וועט ער ברענגען? דורכן וואָקזאַל גייען דורך שאַלאָנען מיט דעמאָביליזירטע פון פראָנט. זעלנער, די הענט באַצויגענע ביז אַרויף מיט זייגערלעך, מיט גרויסע פעק שטאָפן פון צעפּלאָנדערטע געשעפטן, מיט זיידענע וועש אַראָפּ־געצויגן פון יונגע דייטשקעס. עס גייען אויך סאַניטאַרע צוגן מיט געליימטע זעלנער, איבערגעדעקט מיט שינעלן, קאַליקעס אָן הענט, אָדער אָן פיס. צווישן די מיליטערישע צוגן רייסט זיך אָפּט דורך אַ שאַלאָן מיט רע־פּאַטריאַנטן פון ווייטע קאַזאַכישע סטעפּעס, פאַרוואָרפענע קאָלכאָזן, יידן מיט צעריסענע פופייקעס, פון וועלכע עס הענגען נאָך שטיקער וואַטע. דאָס איז זייער פאַרמעגן מיט וואָס זיי פאָרן נאָך יאָרן צוריק קיין פוילן.

אויך אין דער שטאָט גרייטן זיך די פּליטים פון פוילן צוריקצופאָרן. דערווייל האַלט מען בלויז ביים רעגיסטרירן, און אין „פאַרבאַנד פון פוילישע פּאַטריאָטן״ קומען פאַר פאַרזאַמלונגען ווו מער רומט סטאַלינען. זיי, די קרבנות פון דער אַוואַנטוריסטישער פּאָליטיק פון די פירער, מוזן אָן אויפהער הויך אַפּלאָדירן, ווען מען דערמאָנט נאָר דעם נאָמען וואָס רופט אַרויס אַ פּחד, וואָס האָט מיט אַזאַ ברייטן זשעסט געשיקט צום טויט זיינע נעכטיקע חברים, וועמענס נאָמען שרייט אַרויס פון אַלע צייטונגען אין דער וועלט. דאָס פאָלק זעט דעם גרויסן זיגער נאָר אין זיין גאַלאַ־מונדיר און נישט אין נאַכט־העמד פון אַ פאַרביטערטן אַלטיטשקן, וועמען עס איז ווייניק זיין באַרימטקייט. אָט דער רויטער סולטאַן איז אויך זיכער אַז די וועלט וועט זיך אָן זיין חכמה גאָר נישט קענען באַגיין. האָט ער רחמנות אויף דער וועלט ווייל ער וועט אַמאָל מוזן שטאַרבן, כאָטש מיט אַ פּרעכטיקן טויט, מיט טויזנטער מאָנומענטן וואָס וועלן פאַרפלייצן זיין לאַנד, מעגליך אַז ער ווייסט גאָר נישט אַז ווען ער וועט שטאַרבן וועט עס פאַרן פאָלק זיין די פריילעכסטע לוויה.

ענדליך הייבן אויך דאָ די פּליטים פון פוילן צו פּאַקן זייערע אָרעמע

פעקלעך. אויפן וואָקזאַל פאַרמירט זיך שוין אויס דער שאַלאַן. אין די וואַגאָנעס מיט צוגעגרייטע פריטשעס און אייזערנע אייוועלעך צום קאָכן אויף דעם לאַנגן וועג. אין זעלבן וואַגאָן נעבן דודס פאַמיליע געפינט זיך שוין אויך יאַשקע מיט זיין רוסיש ווייב און זייער קליין יונגעלע. דער לאָדזשער פריזירער שלמה, וואָס האָט איבערגעלאָזט אין פוילן אַ ווייב און פאָרט צוריק מיט אַ צווייטע וואָס טראָגט שוין אין בויך אַ ניי לעבן. אויף די נאַרעס איז צעלייגט אויך אַ פרומע וואַרשעווער משפחה מיט פיר טעכטער, וואָס חוץ די יונגסטע, טרעטן נישט אָפּ פון דער מאַמען, און דער גאַליציאַנער, וואָס האָט ווי אַן אַלטער בחור דאָ חתונה געהאַט מאַר אַ יונגע בעסאַראַבערין, טרעט נישט אָפּ פון זיין יונג ווייבל, פאַרשטעלט זי פאַר פרעמדע אויגן, וויקלט זי מיט אַ וואַרעם שאַל און שעפּטשעט איר:

— זאָלס זיך מיר חלילה פייגעשי נישט פאַרקילן.

אָבער מער פלאַץ פון אַלעמען פאַרנעמען אין וואַגאָןביידע לאָדזשער ברודער וואָס פירן מיט זיך אַסך זעק מיט זאַלץ. זעט אויס נישט צו פּטרן די צייט פון פאָרן אָן ריווח, האָבן ביידע ברודער פאַר זייער גאַנצן געלט וואָס זיי האָבן פאַרדינט אויף די רוסישע באַזאַרן, געקויפט זאַלץ, כדי מיט גרויס ריווח דאָס צו פאַרקויפן אויף די דורכפאָרנדיקע וואָקזאַלן. צום געזעגענען זיך מיט שורען, יאַשקעס ווייבל, איז געקומען איר גאַנצע רוסישע פאַמיליע און חברטעס, אויך קאַטיאַ איז געקומען זיך געזעגענען מיט שׂמחהן, און פון אירע אויגן פינקלען מיידלישע טרערן.

אָט שלעפּט זיך שוין דער שאַלאַן איבער דער רוסישער ברייטקייט. אָפּט דוכט זיך אַז מען שטייט גאָר אויף איין אָרט, נאָר די כאַטעס און ביימער, דער רוסישער סטעפּ רוקט זיך צוריק, אויך די צייט, מען פאָרט דאָך צוריק צום נעכטן. זענען די וואַגאָנען געוואָרן די היים, ווי מען קאָכט, עסט, און אַלע, איין משפּחה. לאַנגווייליקט מען זיך צוזאַמען און מען האָפט צוזאַמען אויף עפּעס אומבאַשטימטעס, מען שטרעבט אַליין נישט וויסנדיק צו וואָס. ווו אַהין אייגנטליך פאָרט מען? פאַרגעסט מען שוין אַפילו זיך צו שעמעןביים איבערטאָן, און די ווייבער זיך צו באַהאַלטן ווען מען דאַרף, פאַר מענערישע אויגן. אַפילו דער גאַליציאַנער פאַרשטעלט נישט מער זיין יונג ווייבל פאַר די שכנים פון וואַגאָן. גאַפּיען טאַקע ביידע ברודער אויף איר

הויכן בוזעם און טראַכטן מיט וויפל איז געוואַקסן דער פּרייז פון זייער זאַלץ. אויף יעדער סטאַנציע, ווען די מענער לויפן צום וואַגזאַל נאָך דער נאַרמע ברויט און הייסן קיפּיטאָק, זוכןביידע ברודער דאָס ערשטע זיך צו דערוויסן וויפל עס איז דאָ דער פּרייז פון זאַלץ. אָבער וואָס ווייטער מען פאָרט אַלץ טייערער ווערט דאָס זאַלץ און אַלץ בולטער זענען די שפּורן פון מלחמה. אַלץ מער צעקלאַפּטע וואָקזאַלן, פאַרברענטע דערפער, צעשטערטע שטעט. דאָ איז דער מלאך המות דורכגעגאַנגען אין אַ היטלעריסטישן מונדיר. איצט פאַריכטן דאָ דייטשישע געפאַנגענע אין צעריסענע מונדירן די באַן־רעלסן, און זיי, די זין פון דער אָבער־ראַסע בעטן ברויט און צום פאַרויכערן ביי יידישע פּליטים. פירן זיך אין די וואַגאָנען ויכוחים — צו מען מעג רחמנות האָבן אויף די וואָס האָבן אָן רחמנות געשוחטן יידישע פרויען און קינדער ? צו מעג מען געבן ברויט די וואָס האָבן דאָס יידישע לעבן פאַר־וואַנדלט אין אַ חורבן ? צעלייגט זיך דער טרויער איבער די וואַגאָנען, יעדעס האַרץ ציטערט מיט דעם געדאַנק — צו וועט מען נאָך טרעפן דאָרט ווען פון די טייערסטע ? אָבער ביידע ברודער טרויערן איבער דעם חורבן פון זייער זאַלץ וואָס איז דאָ גאָר זייער וואָלוול, איז זייער געלט אויך צעגאַנגען ווי זאַלץ אין וואַסער. אָבער וואָס איז דען געלט ? נעמט זיך טאַקע קיינער נישט איבער מיט זייער סוחרישער טראַגעדיע.

נאָך דריי וואָכן שלעפּן זיך, בלייבט דער שאַלאָן שטיין ביי דער גרענעץ פון נייעם פּוילן. אין די וואַגאָנען קומען אַריין מונדירטע לייט און מעלדן אַז פאַרן פאַרלאָזן דאָס לאַנד דאַרף יעדער וואָס פאַרמאָגט גאָלד אָדער פּרעמדע וואַלוטע עס אָפּגעבן, ווייל ביי וועמען מען וועט אַזעלכס געפונען וועט שטרענג באַשטראָפט ווערן. כאַפּן טאַקע אַ פּאָר יידן אַ ציטער, מען זאָל ביי זיי נישט זוכן. אָבער אויך שמחה איז אומרואיק, כאָטש קיין גאָלד פירט ער נישט, אָבער אין זיינע בלעטלעך פון בענקשאַפט צו אַ גאָלדן מיידל, געפונען זיך אַ פּאָר ביטערע ווערטער וואָס די טשינאָווניקעס פון סאָציאַליזם זענען גאָר נישט אינטערעסירט זיי זאָלן גיין אויף עקספּאָרט. דער פּחד ענדיקט זיך צוזאַמען מיטן פייף פון לאָקאָמאָטיוו און שמחה פירט אַרויס ניי צוגעשריבענע בלעטלעך צוזאַמען מיט די וואָס ער האָט דאָ אַהער־געבראַכט, נישט צענזורירטע געדאַנקען, געבוירענע אין לאַנד פון סאָציאַ־

ליזם, פון ווייסקייט און אומעט אויף וועמענס סטעפּעס ער האָט איבערגעלאָזט 6 יאָר פון זיין יוגנט.

אַריבער די גרענעץ, גליטשט זיך שוין דער צוג איבער די רעלסן פון שינאה. איבער די פּוילישע פּייסאַזשן, באַקאַנטע נעמען פון שטעט און אויגן וואָס שפּיזן מיט שינאה און פרעגן — ווער האָט געשיקט נאָך אייך? אויף די סטאַנציעס שאַרן זיך צו נעבעכדיקע, פון טויט געראַטעוועטע און רוימען אין דער שטיל אייך, אַז דער מאָרד איבער יידן איז אויף דער פּוילישער ערד נאָך נישט געענדיקט, עס הערשט נאָך דאָ פּאָר יידן די סכנה פון טויט. עפּעס אַ נייער אונטערגרונט וואָס אין קאַמף קעגן די רוסן מאָרדן זיי יידן. טרייסט אַלעמען דודל אַז פּוילן וועט נאָך זיין די בריק צו אַן אמתער היים.

דער שאַלאַן וואָס איז באַשטימט צו פירן די פּליטים צו די נייע פּוילישע שטחים אין נידער־שלעזיע בלייבט שטיין אויף דריי טעג אין קראָקע. קומען צו די וואַגאָנען אַ פּאָר יידן, ברענגען צו מצות און דערציילן אַז עס איז פּסח. דאָס זענען אַ גרופּע יידישע פּאַרטיזאַנער, די רעשטלעך פון אַ יוגנט וואָס האָט געטריי געקעמפט קעגן שונא און געטריי געבליבן זייער פאָלק. אין קראָקע באַשליסט דוד מיט שמחהן זיך צו כאַפּן קיין וואַרשע, צו זען מיט די אייגענע אויגן דעם חורבן פון זייער שטאָט.

די פּאָרשטאָט פּראַגע אויף דער לינקער זייט ווייסל שטייט אַ גאַנצע, נאָר אָן יידן. דער גרויסער באַזאַר, מיט אַנדערע הענדלער. אויף דער צווייטער זייט ליגט אַ גרויסע חורבה, די טויטע שטאָט. נאָר די ווייסל פליסט אַלץ ווי אַמאָל דורך די פּאָניאַטאָווסקי בריק, טראַגנדיק מיט זיך דעם סוד פון טויט. אין פּראַגע, די באַקאַנטע גאַסן ווייען מיט פרעמדקייט, צווישן וועלכע עס בלאָנדזשען אַרום איינציקע פּאַראייגזאַמטע געראַטעוועטע יידן, וואָס לעבן פון אַ „דזשוינט" פּעקל און נישטערן אין די רשימות פון די געראַטעוועטע יידן, וואָס ליגן אין יידישן קאָמיטעט. וואַרפט זיך אויף שמחה מיט דודן אויף דער רשימה און מיט אַמאָל ווערט שמחהס האַרץ ווי אָפּגעשטעלט, ער קוקט אויף אַ נאָמען און עס מישן זיך אים די אותיות. די טרערן ווי אַ נעפּל פאַרשטעלן אים דעם נאָמען. ערשט דוד ברענגט אים צו צום באַוווסט־זיין און שמחהן ווערט קלאָר אַז דאָס איז טאַקע זי, נישט קיין אַנדערע. איר פאַמיליע, איר און זיין שטעטל, לייענט ער נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל

און קען זיך נישט אָפּרייסן פון דעם נאָמען. ערשט דערנאָך נעמט ער ווייטער זוכן, אפשר לעבט נאָך ווער? ער געפינט אָבער מער נישט קיינעם. מישט זיך פרייד צוזאַמען מיט טרויער, אַ גרויסע האָפענונג אין מיטן פון חורבן. רייסט אים אַ קראַפט שוין זיך צו לאָזן קיין לאָדזש, ווי עס שרייבט אַז זי געפינט זיך, דער פּראַקטישער אָבער דוד האַלט אים אָפּ און עצת אים קודם כל קומען אויף אַ באַשטימט אָרט, זיך גוט אַרומוואַשן פון לאַנגן פאָרן, אָפּרייניקן זיך פון די לייז וואָס מען פירט מיט זיך פון גן עדן, ערשט דערנאָך זיך ווייזן פאַר גאָלדעלען. פאָרט ער צוריק אַ באַרוישטער פון גליק און מיט אומרו, עס מאַטערן אים אָן אַ שיעור פראַגעס — ווי וועט זי אים באַגעגענען, צו איז זי אַליין? אין די וואַגאָנעס הערשט אָן אַלגעמיינע אַנטוישונג און טרויער. אַסך זענען צוריקגעקומען פון וואַרשע און פון אַנדערע שטעט מיט קלאָרן וויסן אַז זיי האָבן מער קיינעם נישט אויף דער וועלט. אויך דוד האָט קיינעם פון זיינע נאָענטסטע נישט געפונען. איז פאַרשווונדן די לעצטע אילוזיע און נישט איינער פרעגט זיך — צו וואָס בין איך אַהער געקומען?

פרעמד און אומהיימלעך איז דאָס שטעטל, מיט אירע פּוסטע הייזלעך פון די אַרויסגעטריבענע דייטשן. דאָ האָט מען עס אַהערגעברענגט דאָס ביסל אומגליקליכע יידן זיי זאָלן עס פאַרפוילישן די דייטשישע ערד וואָס די זיגער האָבן צוגעטיילט פאַר פּוילן. קוקן טאַקע טרויעריק די פאַרלאָזענע הייזעלעך, דער אַלטער גאָטישער קלויסטער, אויף די פרעמדע וואָס זענען געקומען זיך באַזעצן אין די שטובן מיט מעבל, ראַדיאָ און פּיאַנינעס. קיינעם פרייט אָבער נישט וואָס די דייטשן האָבן איבערגעלאָזט, נאָר טרויערן איבער די וואָס די דייטשן האָבן אומגעבראַכט. שמחה לייגט אַוועק זיינע לאַכעס אין דודס נייע דירה, וואַשט זיך גוט אַרום, טוט אָן אַן אַמעריקאַנער אַנצוג וואָס ער האָט באַקומען פון פריש געגרינדעטן יידישן קאָמיטעט און לאָזט זיך קיין לאָדזש. זיצט אין וואַגאָן מיט פאַרמאַכטע אויגן נישט צו זעען ווי עס שפּיזט צו אים די שינאה, און ער טראַכט אַלץ וועגן גאָלדעלען, וואָס וועט ער איר זאָגן? דער צוג לויפט איבערן לאַנדשאַפט פון פּוילישן פרילינג, דורך די וואַגאָנען רייסט זיך אַריין דער ריח פון חודש מאַי.

מיט האַרצקלאַפּעניש שטייט ער פאַר די טויערן פון לאָדזשער קונסט

אַקאַדעמיע, איבערגעלאָדן מיט געפילן. אָט וואַקסט פאַר אים אויס, זי, און דאָך אַן אַנדערע. אַ דערוואַקסענע, בלאַנדע פריילין מיט אומעטיקע אויגן, אָבער פול מיט רייץ. גיט אים אַ גלי, ווי עס וואָלט פאַר אים אַ שלאָג געטאָן די שעה פון גליק. קוקט ער אויף דער שטאָלץ און באַשיידענער מיט אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט. זי האָט דאָך דאָס געגעבן אים כוח אין די יאָרן פון וואָגל, אין די שווערסטע שעהן פון סכנה דורכצוהאַלטן די איינזאַמקייט, עלנט און אָפט הונגער, נאָר ווייל ער האָט געלעבט מיטן געדאַנק וועגן איר. איז אפשר וויילביידע האָבן זיך צו פיל צו זאָגן שווייגט מען? צו האָט די צייט, די אכזריותדיקע געשעענישן, די אונטערגעגאַנגענע וועלט געשטעלט צווישןביידן אַ וואַנט? ער שווייגט פון איבערפלוס פון געפילן און זי פון דער אומגעריכטער איבעראַשונג, אירע אויגן — דוכט זיך פרעגן:

— פון וואַנען האָסטו זיך באַוויזן אויף מיין טרויעריקן הימל?

אָבער אין שמחהן זינגט אַ געזאַנג באַהויכט פון צוריקגעפונענעם גליק, אַ נייער גלויבן ברענגט אים די יוגנט צוריק, וואָגט ער איר פאָרצולייגן זי זאָל מיט אים פאָרן אין זיין שטעטל, נעבן דער גרענעץ, און דערציילט איר וועגן זיין פלאַן מיט דודן צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. גאָלדעלע זוכט דאָך אויך דעם וועג צו אַנטלויפן פון דעם אָשוויענטשים לאַנד, ווי מען האָט געברענט לעבעדיקע יידישע קינדער, אויך זי וויל דאָ איבערלאָזן בלויז אַ קללה וואָס זאָל אייביק בלייבן הענגען איבער די פוילישע הימלען ווי אַ פינצטערע כמאַרע. פירט טאַקע גאָלדעלע אַריין שמחהן אין איר צימער, פאַקט איין איר וועש, אַ פאָר קליידלעך און דאָס ביסל צייכענונגען און בילדלעך. שמחה שפירט נאָך איר יעדע באַוועגונג און אין האַרץ וואַקסט דער ווילן זי צו באַלוינען פאַר יאָרן ליידן און שענקען איר גליק.

דאָס געוועזענע דייטשישע שטעטל איז שנעל פול געוואָרן מיט יידן, אַהערגעברענגטע פון די וויטסטע עקן פון רוסלאַנד. שטייט עס צווישן טרויעריקע בערג, ווייסע הייזלעך מיט רויט שפּיציקע דעכער. אַ מיטל־אַלטערליכער קלויסטער, אַ טורעם, אַסךביימער און אַלץ באָדט זיך אין לאַנגווייליקייט און גרינס. ביים ראַנד פון שטעטל שטייט אַ פאַרלאָזטע פאַבריק אין טויטן שווייגן. די יידן האָבן דאָ גלייך אָנגעפילט דאָס שטעטל מיט רעש און געשעענישן. שלמה דער פריזירער האָט דאָ גלייך געעפנט

אַ ראַזורע ווי מען קומט זיך שערן, ראַזירן, דערציילן אַ נייעס, אויסהערן אַ סוד אָדער אַ רכילות. שלמה אַליין האָט געטראָפן אַ גליק און טראַגעדיע. אים האָט אויפגעזוכט זיין ווייב, וואָס ער האָט אָנהייב מלחמה איבערגעלאָזט אין לאָדזש, זי איז געבליבן לעבן. אָבער וואָס זאָל ער טאָן אַז ער האָט שוין אַ צווייטע, וועלכע איז יונגער און ער האָט זי ליבער פון דער ערשטער, דערצו שוואַנגערט זי? איז ער געפאָרן צום ערשטן ווייב זיך פרייען וואָס זי לעבט, און געטרויערט וואָס זייער קינד איז טויט. איבערגענעכטיקט ביי איר, זיך אָנגעזעטיקט מיט איר לייב און מיט אירע טרויעריקע געשיכטעס, זכרונות און טרערן, און איבערגעלאָזט איר אַ גט. שורע יאַשקעס רוסיש ווייב פילט זיך דאָ צווישן די יידישע ווייבער ווי אַ פיש אין וואַסער. זי רעדט שוין גוט יידיש, ווען די יידישע ווייבער האָבן גאָר אָנגעהויבן רעדן פויליש. אַז יאַקשע חוזקט פון איר וואָס זי צינדט פרייטיק צו נאַכטס ליכט, פאַר־ענטפערט זי זיך, אַז דאָס טוט זי צוליב איר יונגעלע, ער זאָל נישט וויסן אַז זיין מאַמע איז מיט עפּעס אַנדערש פון די אַנדערע יידישע מאַמעס. יעדעס מאָל לאָזט זיך ווער פון שטעטל אַוועק זוכן קרובים, קומען אָבער צוריק אַנטוישטע, דערפאַר אָבער מיט שוידערליכע געשיכטעס פון מאָרד איבער יידן. מען דערציילט וועגן אַ שרעקליכן פּאָגראָם אין קעלץ איבער די געראַ־טעוועטע פון טויט יידן. ווייל מען וואָס שנעלער אַנטלויפן פון דעם לאַנד פון שינאה. די גרענעצן זענען אָבער פאַרמאַכט. נעמט מען זיך דערווייל צום מייסטרעוועןביים פאַך, אָדער מען וואַרט ביז עס וועט געגרינדעט ווערן אַ קאָאָפּעראַטיוו. ווער ס׳דערמאָנט זיך אַז ער האָט אַמאָל געהערט צו אַ „לינקן״ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, פאָדערט ער דערפאַר פון יידישן קאָמיטעט אַ פאָר בעסערע אַמעריקאַנער הויזן. דאָס שטעטל האָט אירע געשעענישן. אָט האָט אַ מאַמע צוריקגעבראַכט איר טאָכטער וואָס זי האָט אַלס קינד איבערגעלאָזט ביי אַ קריסטליכע שכנה, פרייט זיך דאָס גאַנצע שטעטל מיט איר גליק. אָבער נאָר איינע האָט אַזאַ גליק געטראָפן. גאָר ווייניק האָבן וועמען פון די נאָענטסטע לעבעדיק געטראָפן. דרייט מען זיך דאָ אַרום ווי אויף אַ פרעמדער וועלט און מען ווייסט נישט וואָס אָנצוהייבן צו טאָן מיט זיך. מען קוקט מיט שינאה אויף די פאָר געבליבענע דייטשע משפחות. אָט איז אַ דייטשקע וועמענס מאַן איז געגאַנגען איינגעמען די וועלט און ער פוילט שוין דאָרט

ערגעץ אין דער רוסישער ערד. ער האָט געדינט דאָס פאָטערלאַנד און היטלערן און זי דינט איצט אסתר לאהן, וואשט אירע וועש און איר קינדס ווינדעלעך. די איינזאַמע יונגע יידישע בחורים נעמען די געבליבענע דייטשע טעכטער צום טאַנץ אין זאַל פון די פייערלעשער. די דייטשישע מיידלעך זענען רעכטלאָז און אונטערטעניק, פירט מען זיי נאָך די טענץ אַוועק צו זיך אין די צימערן. די דייטשקעס זענען זייער העפליך, מער הערט פון זיי נאָר — ביטע און דאַנקע שיין. די בחורים זענען אויסגעהונגערט נאָך אַ פרוי, דאָך קענען זיי נישט פאַרגעסן אַ דערמאָרדעטע שוועסטער אָדער אין אַ געליבט מיידל און זיי צוקאַטערן די דייטשקע ביז ווייטאָג. אָבער נאָכן אָנזעטיקן שמייסט ווער אָן די נאַקעטע דייטשקע. צווישן די געבליבענע דייטשקעס איז דאָ די יונגע פרוי פון אַן עלטערן געוועזענעם פראָקוראָר. לאָזט זי איבער איר אַלטן מאַן און גייט טאַנצן מיט יידישע בחורים. אין די אָוונטן קריכט זי צום מאַגאַזין צו די פאַרקויפער, דאַמלט ווען די טירן זענען שוין פאַרמאַכט און קומט אַרויס מיט קאַפע און ציגאַרן פאַר איר מאַן צו רויכערן. אויך זי איז זייער פריינטליך צו יידן, זיי זענען דאָך נישט אַזוי אומאַנשטענדיק ווי יענע צוויי רוסישע זעלנער, וואָס אַריינקומענדיק אין שטעטל האָבן זיי זי אויסגעטאָן אין די אויגן פון איר מאַן, און כאָטש זי האָט מיט פאַרגעניגן געלאָזט זיך פאַרגוואַלדיקן, האָבן זיי דאָך ביי איר צוגענומען אירע זיידענע וועש, דאָס אָפּצושיקן אַ מתנה זייערע רוסישע ווייבער. אין שטעטל זענען דאָ אויך אַ פאָר פוילישע פאַמיליעס, זענען זיי פול מיט שׂינאה צו די יידן, וואָס קומענדיק אַהער פריִער פון זיי האָבן פאַרנומען די בעסערע דייטשישע שטובן. זייערע טעכטער זענען דערצו מיט גאווה און קענען נישט מוחל זיין די דייטשישע טעכטער פאַר זייער דערפאָלג ביי די יידישע בחורים.

צווישן די סודות וואָס מען דערציילט אין שלמהס ראַזורע, איז וועגן אַ קליין שכנותדיק שטעטל, האַרט אויף דער טשעכישער גרענעץ. דאָרט אונטער פאַרמאַכטע טירן איז פול מיט יידישע יוגנט און איינזאַמע קינדער, וועלכע פאַרשווונדן סודותדיק אין פינצטערע נעכט, און דאָס הויז ווערט צוריק אָנגעפילט מיט אַנדערע, געקומענע פון נייע שאַלאַנען וואָס שטראָמען נאָך אַלץ פון אוזבעקער, קירגיזער און קאַזאַכסטאַנער סטעפּ. לאָזט זיך צו דעם שטעטל אויך שׂמחה מיט גאָלדעלען צוזאַמען מיט דודס און יאַשעס

פאַמיליעס. אויך אַנדערע לאָזן איבער דאָס דייטשישע שטעטל מיט איר לאַנגווייליקייט און פאַלשע אילוזיעס און קומען אין דעם סודותדיקן קיבוץ ביי דער גרענעץ. פאַר דער מאַכט איז דאָס לעגאַליזירט ווי אַ פּראָדוקטיווי־זאַציע פּונקט פאַר היימלאָזע יידישע יוגנט, כאָטש די פּוילישע פּאָליציי ווייסט גוט ווענן אירע אַנדערע אויפגאַבן און נעמען גערן אַ גוטן פּרייז פאַר יעדע פאַרשוווּנדענע גרופּע, און אפשר אַרט עס גאָר נישט די סאָציאַליסטישע הערשער אַז אין פּוילן וועלן זיין אַביסל ווייניקער יידן? זיצן דאָ טאַקע יידישע מיידלעך ביי זינגער־מאַשינען, און די בחורים ביי סטאָלער־וואַרק־שטאַטן. נאָר ביים עסן זיצט מען צוזאַמען ביי לאַנגע טישן און מען זינגט ישׂראל לידער. כאָטש מען פאַרשטייט נישט די העברעישע ווערטער קריכן די מעלאָדיעס אַריין אין האַרץ. ביי נאַכט שלאָפט מען אין גרויסע צימערן מיט אַסך בעטן און מען חלומט וועגן אַ גליקליכע היים. ביי די פאַרמאַכטע טירן היטן די עלטערע בחורים מיט אַ ביקס אין האַנד דעם חלום פון די יונגערע געראַטעוועטע ברודער און שוועסטער אויף וועלכע עס לויערט אַלץ דאָס מעסער און די קויל פון דעם פּוילישן מערדער.

שׂמחה אַרבעט צוזאַמען מיט דודן ביים וואַרקשטאַט און גאָלדעלע מיט דודס און יאַשקעס ווייבלעך אַרבעטן אין דער קיך. אַ גאַנצן טאָג טראַכט ער וועגן גאָלדעלען אָבער נאָר ביים עסן קען ער אַריינקוקן אין אירע אויגן אָנגעגאָסענע מיט מעלאַנכאָליע, דערציילן איר וועגן זיין לעבן אין רוסלאַנד און הערן אירע טרויעריקע געשיכטעס. שׂמחה איז נאָך שטאַרקער פאַרליבט אין דער סענסיווער גאָלדעלען, עס זינגט אין אים די פרייד וואָס זי לעבט און איז טרויעריק פאַר איר גלייכגילטיקייט.

ציִען זיך די טעג מיט דערוואַרטונג אויף אַ פינצטערע נאַכט, צו קענען אַנטרינען פון דעם פינצטערן לאַנד. דערווייל קומט גאָר אַ פריידיקע בשׂורה, אַז די פּוילישע רעגירונג האָט געעפנט 6 גרענעץ פּונקטן אויף עטליכע טעג, ווו יידן וואָס ווילן, קאָנען פריי, מיטן העלן טאָג פאַרלאָזן דאָס לאַנד פון מיליאָנען יידישע קברים.

אויף יענער זייט גרענעץ שמייכלט זיי אַנטקעגן דאָס פריינדליכע טשע־כיען. דאָ וואַרטן שוין אויף די אַנטלאָפענע יידן גרויסע אויטאָס, וואָס פירן זיי אַוועק צו דער נאָענטסטער שטאָט, ווי אין הילצערנע באַראַקן איז גרייט

פאַר זיי אַ הייסע באָד, אַ געשמאַקער פרישטיק און „דזשווינט״ פעקלעך מיט שאָקאָלאַד, וואָס מען האָט יאָרן נישט געזעען פאַר די אויגן. איבערגע־נעכטיקט מוז מען גיך פאַרלאָזן די באַראַקן. אַ נייער שטראָם פליטים דאַרף פאַרנעמען זייער אָרט. פירט זיי אַ שאַלאַן אַוועק קיין עסטרייך, אַריין אין דער סאָוויעטישער זאָנע. מען זעט דורך די וואַגאָן פענצטער די סאָוויעטישע זעלנער פלירטעווען מיט דייטשישע מעדכען. ווער ווייסט אין וואָס פאַר אַ שפראַך זיי פאַרשטייען זיך? אַוודאי בענקען זעלנער צו די ערשטע טעג פון זיג, ווען מען האָט געקענט פריי אַראָפּרייסן די קליידער פון די ווייבער און טעכטער פון פאַרהאַסטן שונא. איצט מוז מען דעם ברוטאַלן חשק באַהאַלטן אונטער אַ העפליכן שמייכל.

דאָס נעכטיקע היטלער עסטרייך ליגט איצט איינגעהילט אין אַן אי־דיליע, אַרום שמייכלט דער פרילינג מיט געזאַנג פון סאָראָקעס און קאַווקעס. אָט טרייבט מען דורך אַ סטאַדע שאָף צו דער פאַשע און אויסגעפּוצטע דייטשן מיט דייטשקעס גייען אין קלויסטער. אָט שפּאַנט ווער מיט אַן אויסגעשפּרייטן פאַראַסאָל, כאָטש דער פרילינג רעגן האָט שוין לאַנג אויפגעהערט. אין אָט דעם לאַנד האָבן אַ סך אָנגעטאָן די מונדירן, געכאַפּט די ביקס און אַוועק שטאַרבן פאַר היטלערן, איצט דרייען זיי זיך אַרום מיט גראָבע בייכער אין באַזיגטן לאַנד ווי מענטשליכע בהמות. אין אַ קעלער רעסטאָראַן זיצן אַ פּאָר עלטערע דייטשן, טרינקען ביר און שווייגן. אָט איז די באַרימטע שטאָט ווין מיט צעשמעטערטע הייזער, רוסישע מאַכאָרקע און פאַלשע דייטשישע חנופה. פון דאַנען פאָרט דער צוג אַריין אין דער אַמעריקאַנער זאָנע, ווו עס פאַרשווונדט גלייך די געשפּאַנטקייט און פחד. די פליטים אין צוג עטעמען פרייער אָפּ, מען צעלייגט זיך באַקוועמער אין דער ענגשאַפט. טייל דרעמלען שוין אויף די אייגענע פעקלעך. דער לאָקאָמאָטיוו לאָזט אַרויס אַ מעלאַנכאָלישן פייף אין דער נאַכט אַריין. אין וואַגאָן איז שטיל, אַלץ דרעמלט, נאָר די רעדער אַמפּערן זיך מיט די רעלסן. דאָס צאַנקענדיקע ליכט פון וואַגאָן לעמפּל באַלייכט גאָלדעלעס אומעטיק פּנים. זי זיצט אויף איר פעקל נעבן שמחהן און ראַנגלט זיך קעגן שלאָף. פאַרמאַכט און עפנט די אויגן ביז דער שלאָף נעמט זי אַריין אין זיין מאַכט. כדי איר קאָפּ זאָל זיך נישט רייבן אויף דעם האַרטן וואַגאָן ווענטל לייגט שמחה פאָרזיכטיק — זי נישט

אויפצוּוועקן — איר קאָפּ אויף זיין שויס. צום ערשטן מאָל איז ער אַזוי נאָענט צו זיין טייערסטע. גלעט ער אירע האָר אין דער פינצטער און היט איר שלאָף. אירע ליפּן דוכט זיך שמייכלען, זי חלומט אפשר אַ גוטן חלום? כאַפּט אויך שׂמחה אַ דרעמל. פאַרטאָג עפנט גאָלדעלע אירע גרויסע שיינע אויגן, וואַרפט אויף שׂמחהן אַ בליק מיט חשד און בלייבט זיצן אין פאַרגליווערטן אומעט. נאָר שׂמחהן איז וואַרעם אויף דער נשמה. ער האָט דאָך געהאַלטן איר קאָפּ אויף זיין שויס, די נאַכט האָט עפּעס אַ וואַנט צווישן אים מיט איר צערוקט. ער איז איצט איר היטער און באַשיצער. כאָטש זי שווייגט אַלץ טרויעריק, רוקט ער איר אונטער אַמעריקאַנער קעקס צום עסן און פּוצט אָפּ דעם שטויב פון איר קליידל. ווען ער ברענגט איר טיי פון וואָקזאַל וואַרפט זי אים אַ דאַנקבאַרן בליק און ער, נאָענט צו זיין באַגערטער, אָטעמט אַריין דעם אַראָמאַט פון אירע האָר, און זי איז מיט אַזוי פיל געשמאַק. ווילט זיך איצט פאַרגעסן אין אַלע זאָרגן, נאָכלאָזן די לייצעס פון לעבן און אַריינרייטן אין אַ זיסן דמיון.

אין דער אַמעריקאַנער זאָנע פון עסטרייך הערשן די אַמעריקאַנער עמ.פּי.־לייט, אָנגעטאָן אין שטאָלענע קאַסקעס אויף די קעפּ. דער נעכטיקער טויט־לאַגער איז איצט אָנגעפּילט מיט יידישע פּליטים. נאָך פּריש זענען דאָ די שפּורן פון דעם קאַשמאַרן נעכטן. פון אַלע ווינקעלעך קוקט נאָך אַרויס דער טויט. די זעלבע נאַרעס אויף וועלכע עס האָבן געצאַנקט אַזוי פיל לעבנס. דאָ זענען ערשט נעכטן געזעסן די אומגליקליכע שקעלעטן, מיט אָפּגעגאָלטע קעפּ אין קאַצעטישע כאַלאַטן. דאָ זענען זיי אויסגעגאַנגען פון הונגער, אויס־געהוסט זייערע לעצטע טעג, אומגעקומען פון קלעפּ. אין דער לופט טראָגט זיך נאָך דער ריח פון טויט. צווישן די געראַטעוועטע יידן וואָס גרייטן זיך אָנצוהייבן אַ לעבן פון דאָס ניי, פאָרעט זיך אַרום אַ נידעריק כיטרע יידל ביים טיילן די פּראָדוקטן און „דזשוינט" פּעקלעך. ער גרויסט זיך, אַז ער איז אַ פאַרמלחמהדיקער ציוניסט, און וואַרט דאָ אויף אַ וויזע צו פאָרן קיין אויסטראַליע. אָבער אויך אין דעם לאַגער בלייבט מען געציילטע טעג. די „בריחה" ליידיקט זי שנעל אויס פאַר אַנדערע און די פירט זיי אַריבער דער גרענעץ קיין דייטשלאַנד, אין אַ סטאַבילן לאַגער אונטער מינכען.

די שטאָט פון נאַציזם, קאַטוילישע קלויסטערס און בורדעלן איז איצט

מיט שקעלעטן פון צעריסענע הייזער, מיט זינד און שפעקולאַציע. די נעכטיקע מערדער דרייען זיך אַרום מיט טעמפּע אומשולדיקע פּנימער, טרינקען פאַר־וואַסערטן ביר און די געראַטעוועטע יידן האַנדלען דאָ מיט דאָלאַרן, אַמעריקאַנער ציגאַרן און שלאָפן מיט יונגע דייטשקעס. זייערע מענער האָבן פאַר־שפּילט די מלחמה, גיבן זיי זיך איבער ווי טראָפּעען, גייען פריוויליק אין געפאַנגענשאַפט אין די אָרעמס פון די זיגער און מינדערווערטיקע יידן. היטלער האָט זיי געפּאַשעט מיט ערזאַץ־פּוטער און ראַסן־האַס, הייַנט פּאַשען זיי די אַמעריקאַנער זעלנער מיט שאָקאָלאַד און מיט „איי לאַוו יו". די ראַסע פון באַזיגטע סאַדיסטן וואַרפן איצט די גאַנצע שולד אויף היטלערן, זיי וואָלטן אָבער קיינמאָל נישט דערגרייכט די שלימות פון מאָרד, מיט אַזאַ דייטשישער גרינדליכקייט, ווען דאָס פאָלק וואָלט נישט פאַרמאָגט קיין מיליאָנען היט־לערס, געריגגס, אייכמאַנס און מענגעלעס. דרייען זיך אַרום אומבאַשטראָפט די מערדער וואָס האָבן איבער אומגליקליכע פאַרצויגן די פּעטלעס, געמאַכט אַש פון מיידלישן צויבער, קינדישן חן דערשטיקט מיט גאַזן, און מוטער ליבע פאַרברענט אין מיידאַנעק. געווען טויב צום געשריי פון געפּייניקטע, צום לעצטן ציטער פון צאַנקנדיקע נשמות, צום יאָמער פון דערוואָרגענע. איצט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די היטלעריסטישע מונדירן, שמייכלען זיי מיט פאַלשער חנופה און פאַלשער העפליכקייט, מיט פאַרזיסטע ווערטער. דאָס פאָלק וואָס האָט פאַרמאָגט דעם סטראַטעגישן טאַלאַנט נישט איין קריג צו פאַרלירן און עפענען אַלע מאָל אַנדערע פראָנטן פון מלחמה איז איצט באַשעפטיקט אויף די פראָנטן פון זינד און שפעקולאַציע. היטלער האָט זיי צוגעזאָגט אַ הערליכן זיג באַגלייט מיט פויקן מוזיק, איצט איז דאָס באַזיגטע און צוטיילטע דייטשלאַנד איין גרויסער בורדעל פון הפקר און צעהולעטן יצר הרע. די אַמעריקאַנער באַגליקן די באַזיגטע מיט וויסקי און סיפיליס, די ענגלישע דזשענטלמענער מיט דעמאָקראַטיע, און די פראַנצויזן פּאַשען זיי מיט שונד און עראָטיק. די דייטשישע נשמה איז איצט אַ נאַקעטער מדבר, געפגרט זייער אָפּגאָט, איז וואָס איז זיי געבליבן? טאַנצן יונגע דייטשקעס מיט אַמעריקאַנער אָפיצירן אונטערן ריטשען פון טראָמבאָל, בלאָז, סאַקסאָפאָן אויף דעם חורבן פון טויזנט יעריקן רייך.

די פרוי עלזאַ האָט זיך אַסך אָנגעהערט וועגן יודען, איר גאַנץ האָט

זיי שטאַרק פיינט געהאַט, אָבער אַז זי טרעפט איר טאָכטער זיצן אויף די קני פון דעם יודע וואָס וווינט ביי איר, צינדט אין איר זיך אָן דאָס ווייבערישע בלוט און וואַרפט בליקן צו איר טאָכטער, וואָס פאַרשטייט דעם באַטייט און טרעט אָפּ מיט אַ געטריישאַפט פון אַ טאָכטער אַן אָרט פאַר איר מאַמען אויף די קני פון דעם יודע. די מאַמע, אונטערצוחנפענען דעם יודע, שמייסט אַרונטער דעם פאָטאָ פון איר מאַן און זעצט זיך אויף זיין צווייטער קני נעבן איר טאָכטער. דער ייד טרעט אויף דעם היטלעריסטישן מודריר, מיטן קרייץ פאַר העלדישקייט פון דעם פאָטאָ און קריכט מיט ביידע הענט אין צוויי ווייכע בוזעמס. די מאַמע דערציילט אַז איר מאַן איז אין בעט גאָר נישט געווען קיין העלד, איר איינציקע טאָכטער האָט זי גאָר צו פאַרדאַנקען זיינעם אַ גוטן קאַמעראַד. באַנוגנט זיך נישט דער ייד מיט דער טאָכטערס און מאַמעס בוזעם, און ביידע טוען פון זיך אויס די וועש און די בושה. מיט דער מאַמען און טאָכטער אין בעט נעמט ער נקמה פאַרן טויט פון זיינע נאָנטסטע, פאַר יאָרן הונגער, פחד און טויט־אַנגסט.

בערטאַס מאַן איז צוריקגעקומען פון דער מלחמה אָן אַ האַנט און פאָדערט פון זיין ווייב קאַפע און צום רויכערן. שלייערט זיך בערטאַ איבער די חורבע גאַסן און צילעווען מיט אירע בלויע אויגן אין אַמעריקאַנער זעלנער, ביז זי נעמט אין געפאַנגענשאַפט אַ נעגער מיט ווייס בלישטענדיקע ציין. איז ווי זאָל זי אים פירן אויב נישט צו איר שכנטע וואָס האָט געהאַט דאָס גליק איר מאַן זאָל געהרגעט ווערן? טיילט זי זיך מיט דער שכנטע מיט דעם נעגערס קאָנסערוון און שאָקאָלאַד, אָבער די פרוי ווירטין באַנוגנט זיך נישט, זי וויל אויף זיין אַ שותפטע צום נעגער. בלייבט בערטען צו זוכן אין גאַס נאָך אַנ־דערע זעלנער און ביידע ווייבער פאַרלייגן אַ שותפות אונטערנעמונג פון זינד.

צווישן די חורבות וואָס ליגן ווי אַ גערעכטע נקמה, שטעקן אַרויס צעריסענע באַלקאָנס, צעבראָכענע טרעפּ, אָפּגעריסענע ווענט, שטיקער געמאָלעכץ פון וואַלקיריעס, נאַקעטע נימפעס און געפּאַנצערטע ריטער. אין דעם כמעט גאַנץ געבליבענעם קאַטוילישן קלויסטער וועקט דאָס בילד פון דער הייליקער פריילין גאַנץ זינדיקע מחשבות. נישט אומזיסט האָט גאָט זי אויסגעזוכט אַריינצובלאָזן אַ ביסל הייליקן גייסט, זי זאָל ווערן די מוטער פון גאָטס־קינד. אַ גליק וואָס זי איז שוין לאַנג טויט, אַנישט וואָלטן די נאַציס

פֿאַר איר יידישקייט זי פֿאַרברענט אין מײַדאַנעק. דערפֿאַר קענען איצט די טעמפּע דײַטשן שטיין אויף די קני פֿאַר דער יידישער פֿריילין און בעטן זי זאָל זיי מוחל זיין אַלע זינד.

די וועלט וויל וואָס גיכער פֿאַרגעסן די דײַטשישע פֿאַרברעכנס, כאָטש עס שטייען נאָך ווי עדות די נעכטיקע טויט־לאַגערן. אויך די קרבנות ווילן פֿאַרגעסן די קאָשמאַרע נאַכט פֿון היטלעריזם. כאָטש זיי שלאָפֿן נאָך אין די זעלבע באַראַקן מיט צוויי שטאָקיקע בעטן, אויסגעריבענע מאַטראַצן, אָנגעזאַפּטע מיט לייד און ריח פֿון טויט. זיי זענען מער נישט קיין פֿאַרמשפּטע צום טויט נאָר צו היימלאָזיקייט, אויסגעוואָרצלטע „די.פּי.״־לײַט, וואָס לעבן פֿון שנאָר און אומזיכערקייט, אונטער דער פֿאַרשאָלטענער גלייכגילטיקייט פֿון דער וועלט, צו זייער גורל. פֿאַרמאַכט זענען די טויערן צו זייער אייגעניקע האָפֿענונג, צו אַן אייגענער היים. אָט די שאָטנס פֿון הויט און ביינער, מיט אונטערגעהאַקטע נירן, אויסגעהאַקטע ציין, קאַליקעס וואָס ווייסן אַליין נישט מיט וועלכן נס זיי זענען געבליבן לעבן, ווילן צו להכעיס דער געמיינער וועלט לעבן און געניסן, אָנזעטיקן זיך פֿאַר יאָרן הונגער. פֿראַווען זיי חתונות צו אַנטלויפֿן פֿון דער איינזאַמקייט, צעקאַלעטשעטע נשמות ווערן גייציק נאָך געלט און זינד, פֿאַרנעמען זיך מיט שפּעקולאַציע, האַנדלען מיט וואַלוטע און לייגן זיך מיט די ווייבער פֿון זייערע נעכטיקע מערדער. מיט גרויסע אותיות שרייט אַראָפּ פֿון יזכור לוח אין לאַגער זאַל — געדענק אין די זעקס מיליאָן טויטע, געדענק אין די קרעמאַטאָריומס און גאַז־קאַמערן! זיי ווילן אָבער פֿאַרגעסן, אַנטלויפֿן פֿון דעם קאָשמאַרן נעכטן. ווער פֿון זיי איז אַראָפּגענומען געוואָרן פֿון אַ תליה אַ מינוט פֿאַרן דערשטיקט ווערן, ביי עמיצן האָבן דייטשישע אָפּיצירן מיט אַ שוסטער־צוואַנג אַרויסגעריסן פֿון מויל דאָס גאָלד צוזאַמען מיט די ציין. אין די נעכט לעבן זיי איבער די עקזעקוציעס און שרייען פֿון שלאָף. ביי אַ מאַמען האָבן די דייטשן אַרויסגעריסן איר קינד און עס צעשמעטערט אין אירע אויגן. דאָך ווילן זיי נאָך אַלץ לעבן. שטיקעוועט מען זיך צונויף אין פֿאַרלעך. מען לעבט צוזאַמען און מען בלייבט זיך פֿרעמד. טייל לאָזן איבער די אייגענע ווייבער און קריכן צו דייטשקעס. טרייסט זיך איינע אַז איר מאַנס דייטשקע איז אַ ריינע, אַ צווייטע, אַז די דייטשקע קאָסט אים ביליק.

אסתר איז באַפרייט געוואָרן מיט אַ וואָג פון 35 קילאָ און איצט פרעגט זי קאַקעטיש איר שכן:

— אמת יאַסקע, איך בין נישט צו דיק? אַ פּרוי דאַרפט זיין אַ ביסל פליישיק, אַזוי ווי איך אויסעקנאַטן. קען טאַקע דיין ווייב מיר נישט פאַרגינען, וואָס דו קומסט צו מיר. זי האָט דאָך שוין פון דיר אַ קינד, וואָס וויל זי נאָך די אויסגעלאַסענע?

מאַשע האָט חתונה געהאַט מיט איר מאַן אין וויטן בוכאַרא, ווו די מלחמה האָט זי פון בעסעראַביע פאַרוואָרפן צוזאַמען מיט איר מוטער. ביידע האָבן דאָרט געשמאַק אונטערגעהונגערט ווען ער האָט געהאַנדלט און געהאַט אַ סך געלט. נאָך איצט איז ער אַלץ געטריי מאַשען וועלכע איז פאַר אים יונגער מיט צוואַנציק יאָר. פאַרט יעדן טאָג פון לאַגער קיין מינכען האַנדלען אויף דער מעל שטראַסע און ברענגט אַלע מאָל אַהיים מתנות זיין יונג ווייבל. האָט דען מאַשע מער וואָס צו טאָן ווי זיצן אין דעם צריף פון דעם שניידער? ער האָט זיך פון ערגעץ געשאַפן אַ ניי מאַשין און נייט זשאַקעטן און קאָסטיומען פאַר ווייבער. זיין ווייב קען גוט איר מאַנס פרנסה פון אַ דאַמען שניידער, וואָס דאַרף קענען מאַכן קאָמפּלימענטן, די קליענטקעס האָבן גאָר נישט פיינט דער שניידער זאָל ביים פּאַסן זיי גוט אַרומטאַפּן און זיי זאָלן אומשולדיק אים ווייזן זייערע נאַקעטע אָרעמס און קניען. איז ביי איר נישט קיין נייעס וואָס מאַשע זיצט הויך פאַרשאַרצט דאָס קליידל ווי זי וואָלט גאָר נישט געוווסט אַז דער שניידער קוקט אויף אירע קיילעכדיקע קני, אויף דער ווייסקייט וואָס שימערירט אַרויס פון מאַשעס צאַפּלדיקן בוזעם, און וואַרט נאָר זיין ווייב זאָל אַרויסגיין. מאַשע איז ביים שניידער שוין געווען היימיש זי זאָל זיך דאַרפן צו פיל היטן פאַר זיין ווייב. דער שניידער האָט שוין אויף איר אויסגעמאַסטן די זשאַקעטן פון אַלע קליענטקעס און יעדן שטיקל פון איר לייב אויסגעמאַטשקעט. אַז זיין ווייב קומט פּלוצלינג אַן און טרעפט זי גראַד אין די אָרעמס פון איר מאַן, פאַרלירט זיך אויך נישט מאַשע, נאָר צעלאַכט זיך שעלמיש און זאָגט:

— דיין מאַן איז אַ גרויסער שאַלטיק, ער האָט מיך שיר נישט צעביסן.

וואָס זאָל זי מאַכן אַז עס איז איר גוט מיטן שניידער, לאָזט זי איבער איר זונדל אַ גאַנצן טאָג ביי איר מאַמע וואָס פאַרענטפערט זי:

— איר מאַן מוז דאָך פאָרן פאַרדינען אַביסל געלט, און זי איז דאָך נאָך אַזוי יונג, נעבעך גאָר נישט געלעבט, און דער שניידער איז דאָך אַ ווילער מענטש.

פערל האָט נאָך אין ווייטן אוזבעקיסטאַן זיך צוגעבונדן צו דבורהן און איר משפחה, אַן איינזאַמע און דערשלאָגענע, שטענדיק גרייט צו לאָזן אַ טרער, איז זי ווי געבוירן געוואָרן שטענדיק ווערן צו באַדינען. האָט דבורה זי פאַר רחמנות אַריינגענומען צו זיך, געגעבן צו וואַשן די וועש פאַר דער גאַנצער משפחה, צו לאַטען און שטיין לאַנגע שעהן אין די אָטשערעס נאָך ברויט, צוקער, דערפאַר פלעגט די פוילע דבורה זי אָפט רימען:

— דו ביסט אַן אמתע בריה, איך טויג גאָר נישט צו דעם, כ'וועל עס איבערלאָזן פאַר דיר. און טאַקע אַלע אַרבעטן אַרויפגעלייגט אויף פערלען. אַזוי אין די וואַנדער־וועגן, ווי אויך איצט אין דעם לאַגער טוט פערל מיט געטריישאַפט, ווי אַן אייגענע, אַלע אַרבעטן פאַר דער משפחה. דערפאַר אַז מען שדכנט פערלען אַ בחור גייט דבורה ווי אַן עלטערע שוועסטער זיך טרעפן מיט דעם יונג, פערל איז דאָך אַ שעמעוודיקע, און אויף דבורהן קען מען זיך פאַרלאָזן. זי ווייסט ווי אַזוי מיט אַזוינעם צו רעדן. איז יעדעס מאָל ווען זי גייט צום יונג, וואַשט, פוצט זיך און שפיגלט זיך לאַנג. פערל העלפט איר פאַרקנעפלען דעם ביוסטנהאַלטער, ווי דבורה שפאַרט קוים אַריין די צוויי היבש קיילעכעקע ברוסטן. אַוודאי וועט דער בחור צוריק אויפקנעפלען, נאָר וואָס וועט זי דען נישט טאָן פאַר פערלען? זי וועט אים רייצן מיט אירע קרעפטיקע קניען און זיך ברוגזן און אים מוחל זיין — נו איך פאַרשטיי — וועט זי זאָגן — ביסט הונגעריק נאָך אַ פרוי. זעסט ווי גוט כ'בין פאַר דיר? און איך שענק דיר אַ ווייב אַ בריה. פאַר מיר איז זי ווי אַ שוועסטער, אָן איר וועל איך זיך קיינמאָל נישט באַגיין, אויך נאָך דער חופה וועט זי ביי מיר אַלץ טאָן, ווייל ווער וועט מיר אויסוואַשן אַ וועש? איך טויג דאָך נישט צו דעם. דערפאַר וועסטו דאָך מיך האָבן. און זי צעלאַכט זיך מיט אַן איראָנישן געלעכטער.

מלחמה, לאַגערן, וואָגל און הונגער האָבן צעשטערט אַסך גוטע מידות, ווייבערישע צניעות. זעט נישט שמחה אין די קרבנות פון נאַציזם דווקא קיין הייליקע, זיי זענען נאָר די רעשטלעך פון אַ הייליק מאַרטירער פאָלק,

היילִיק איז דער מיליאָן אומשולדיקע אומגעקומענע יידישע קינדער, די האַרציקע יידישע מאַמעס, די געטרייע פאַרהאָרוועטע יידישע אַרבעטער און די פּרעכטיקע יוגנט פון אַלע משיחישע גלויבנס, וואָס אַסך פון די געראַטעוועטע האָבן אויף די וועגן פון פּיין און וואָגל נאָך נישט פאַרלוירן. נישט פאַרגעסן די חלוצישע לידער, געזונגענע אויף פריילעכע ל״ג בעומרס און מאַיוווקעס, געזונגענע אין די פּוילישע וועלדער, איצט קלינגען זיי פאַר־איינזאַמטע איבער דער טומאהדיקער ערד פון די מערדערס. אין די אָפּגע־זונדערטע באַראַקן פון די וואַנדער־קיבוצים זינגען די פאַריתומטע אויס די פאַרבענקטע ישראל־לידער און טאַנצן „הורא״, צו פאַרגעסן די איינזאַמ־קייט און קאָשמאַרע זכרונות. אין קיבוץ קומען אויך שליחים פון ישׂראל ווי לעבעדיקע גרוסן פון אַלטן חומש־לאַנד. נישט לייכט איז אָבער אָנצוצונדן פאַרפרוירענע נשמות, וואָס האָבן אָפּט געזעען דעם טויט פאַר די אויגן, שווער צו געפונען דעם שליסל צום האַרץ פון די וואָס זענען אַרויס פון בונקערס, טויט־לאַגערס, וועלדער, פון סיבירער טונדרעס, פון אייביקע שנייען און הונגער. טרעפן די שליחים מיט זייערע רעדעס נאָר אין דער זייט, נישט אין האַרץ אַריין. נאָר פּעסע מיט איר געשמאַקן ליטווישן יידיש, מיט איר אייגענער געשמאַקייט קען אָנוואַרעמען די איינזאַמע בחורים, די מיידלעך און קינדער פון וואָגל און היימלאָזיקייט. זי אַגיטירט נישט, דערציילט נישט וועגן הסתדרות, זי שענקט זיי נישט קיין פּאַרטיי־פּראָגראַם, נאָר איר האַרץ. נעמט זיי אַרום ווי אייגענע, זינגט און שטיפּט מיט זיי. אַמאָל שענקט זי אָן איינזאַמען בחור איר לייב. ווער ס׳האָט מיט שׂינאה און תאווה געוואָלגערט זיך מיט דייטשקעס, עסן זיך איין אין איר לייב מיט ליבשאַפט. אַפילו די מיידלעך זענען אין איר פאַרליבט. פּעסע האָט באַזונדער ליב צו שמועסן מיט דודן, דערציילן אים פון איר קיבוץ און הערן פון אים וועגן לעבן אין ווייטן רוסלאַנד, אָבער שטענדיק ווען זי פאַרבעט אים צו זיך אין צימער זאָגט זי אים אָן, ער זאָל קומען מיט זיין ווייבל, ווי זי וואָלט זיך נישט געטרויט צו בלייבן מיט אים אַליין.

דוד איז פאַרן קיבוץ ווי אַ פאָטער. זאָרגט וועגן אַלץ. אים העלפט אין דער ווירטשאַפט זיין פרוי און יאַשע מיט שורעץ. אָבער נישט בלויז פאַרן

באַשפּייזן און קליידונג זאָרגט דוד, נאָר באמת זיך אין די יונגע איינפלאַנצן געדאַנקען, שטויסן זיי צום טראַכטן. אַט זאָג ער:

— נאָכן נצחון איבער היטלערן שטייט די וועלט אַ צעטומלטע און ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיטן נצחון. אַנשטאָט אָנצוהייבן אַ תקופה פון פעלקער־פריינדשאַפט, קלאַמערן זיך די פּאָליטיקער אין דעם באַוואָפנטן שלום. זיי ווילן זיך אויך נישט אַנטוואָפענען פון דער שינאה. זיי דערציִען אַ נייעם דור פון געהאָרכזאַמע זעלנער. זייערע פילמען באַזינגען די העלדן פון שלאַכט־פעלדער און שלאָפּצימערס. זייער פּאָרנאָגראַפישע ליטעראַטור טראָגט זיך ווי אַ סם איבער די צערוי:נירטע שטעט און צערוי:נירטע גלויבנס. די טראַגעדיע פון דער היינטיקער ציוויליזאַציע איז וואָס איבער די פעלקער הערשן פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטיקער אָן געוויסנס, מיט אַ פאַרקריפּלטן אַרט פון טראַכטן, עס הערשן דיפּלאָמאַטן מיט אַקראָבאַטישע צינגער, פּראָפעסיאָנעלע ליגנערס וועמענס טעטיקייט ווערט דיקטירט פון שינאה צום מיטמענטש און תאווה צו מאַכט. לעבן טאַקע די פעלקער אין פּחד פאַר אינטריגעס פון זייערע הערשער, וועמען די מורא צו פאַרלירן די מאַכט טרייבט צו אַלץ נייע געפערליכע אַוואַנטורעס. זענען טאַקע די „וועלט פאַרזאָרגער" פאַרנומען אין צוגרייטן אַלץ נייע אָרגיעס פון מאָרד און פאַרוויסטונג.

אַ צווייט מאָל זאָגט ער צו זיי:

— די וויסנשאַפט מאַכט די פאַנטאַסטישסטע דערגרייכונגען, אויך אויף דעם געביט פון טויט און חורבן. פאַרן „קליינעם מענטש" איז אַ קליין גליק וואָס אַנשטאָט פון אַ פּרימיטיווער קויל וועט ער האָבן דעם כבוד אומצוקומען פון אַ געווער פון דער נייסטער טעכניק. ז די וויסנשאַפט איז נישט ווייניק שולדיק וואָס אין דער היינטיקער ציוויליזאַציע הערשט נאָך אַלץ דאָס געזעץ פון דזשונגל, שרעק, חשד, ליגנס, ווו די שטאַרקע פאַרצוקן דעם שוואַכן, און די הערשער גרייטן צו טויט־מכשירים פון דער העכסטער טעכניק צו פאַרוויסטן די וועלט.

אין דעם גרויסן פּליטים־לאַגער זענען אויך דאָ יונגע וואָס געהערן נישט צו קיין קיבוץ, זיי גרייטן זיך צו פאָרן קיין אַמעריקע, אַנשטאָט אַ "הורא" טאַנצן זיי אַ „ראָק'ן ראָל" און האַנדלען מיט אַמעריקאַנער ציגאַרעטן. עס זענען דאָ אַסך סתם יידן מיט ווייבער און קינדער וואָס זענען גרייט צו

פאַרן אומעטום ווען מען וועט זיי נאָר אַריינלאָזן. פאַר אַלע צוזאַמען איז דער לאַגער איין גרויסע לאַנגווייליקייט. נאָר די וואָס פאַרען זיך ביי דער "אונראַ" פראָדוקטן און „דזשוינט" פעקלעך, די מאַכערס, קאָמיטעטשיקעס און פאַר־זאָרגערס נודיען זיך נישט. זיי פאַרגעסן נישט זיך אַליין צו פאַרזאָרגן, צו צעבלאָזן מחלוקות, שאַפן אָפּאָזיציעס און פאַרשפּרייטן רכילות. פאַר דודן איז דער אומהיימליכער לאַגער די לעצטע בריק צו אַן אייגענער היים, שטעקט ער אַלעמען אָן מיט גלויבן, אָבער נישט מיט אילוזיעס. ער זאָגט צו די לאַגער יידן:

— אייך וואַרטן דאָרט גאָר נישט קיין גאָלדענע גליקן, דערפאַר אָן אייגענע היים, ווו איר וועט מער נישט זיין קיין געסט און קיין פרעמדע.

ווען דוד לעבט מיט די ווייטאָגן און האָפענונגען פון די פליטים, איז שׂמחהס וועלט אויסגעפילט מיט דער ליבע צו גאָלדעלען. נישט בלויז איר שיינקייט, נאָר איר פשוטקייט וואָס ווייסט נישט פון ליגנט און פאַרשטעלט־קייט, נאָר פון נייגעריקייט צום לעבן, צו ביכער און קונסט, פון פרייקייט פון טראַכטן. דאָס נישט דינען צו קיין געצן, צו אַלגעמיין אָנגענומענע ליגנס מאַכט אים אַזוי נאָענט צו איר. ווייל אויך ער האָט נישט ליב אָפּצו־פּסקענען, צו זיין אין אַלץ זיכער, נאָר פאַרקערט, אומעטום שטעלן די פראַגע צייכן אין דעם „אפשר". נאָר דער ספק — צו גאָלדעלע האָט אים ליב, מאַטערט אים, ער איז צו שטאָלץ איר אָנצוּוואַרפן זיינע געפילן, ער ווייסט דאָך נישט אַז פאַרטיפט אין מאָלן, נעמט איר אָפּט אָן אַ חשק אים צורופן, צו זיין מיט אים צוזאַמען, נאָר עפּעס ציט זי צוריק צו דער איינזאַמקייט. אפשר איז נאָך צו פרי צו פאַרגעסן, אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך דעם טרויער?

דערווייל קומט פון ערגעץ אַ באַפעל דער קיבוץ זאָל זיך לאָזן אין ווייטערדיקן וועג. פירט זיי ווידער די געהיימע האַנט פון „בריחה" איבער דעם לאַנד פון פאַרברעכער קיין מעריב. פאָרן דורך אויך בערכטעסגאַדען ווו עס ליגט די חורבה פון היטלערס שלאָס און די חורבה פון דעם וואַנזיניקן חולם, פון דעם נבזה וואָס האָט אויסגעשוחטן שׂמחהס פאָלק, צעבראָכן זיין יוגנט, באַרויבט פון די שענסטע יאָרן און אים ווי אַ יתום געטריבן איבער די וועגן פון בלוט און טויט. ווייטער פירט דער וועג איבערן רייך, וואָס

איז אַמאָל געווען איינגעהילט אין לעגענדעס, ראָמאַנטישקייט און פּאָעזיע, היינט שווימט אָט דער טייך דורך פּאַרוויסטע שטעט, חורבות און צעשעדיקטע פֿאַבריקן. זיי קומען אָן קיין דרום פֿראַנקרייך, נישט ווייט פֿון ריזיקן אַטלאַנטיק, צו אַן אַלט אָפּגעזונדערטן שלאָס, וואָס שמעקט מיט אַלטערטימלעכקייט, סודות און שימל. דער שלאָס איז מיט אַסך צימערן, באַשטעלט מיט בעטן, מיט רעש פֿון יוגנט און קינדער, מיט אַ געמיש פֿון שפּראַכן, יידישן טומל, מיט געזאַנג און מיט האָפֿענונג אויף עפּעס אַ סודותדיקער שיף, וואָס דאַרף זיך באַווייזן אין עפּעס אַ פֿינצטערע נאַכט און זיי אַוועקפֿירן צו אַ ווייטן אייגענעם ברעג. צווישן אָט די יידישע קינדער פֿון פֿאַרשידענע לענדער, פֿאַרשידענע גורלס, גרויל־געשיכטעס, פֿאַרשידענע נסים וואָס האָבן זיי געראַטעוועט פֿון טויט. צווישן אָט די וואָס זענען דורכגעגאַנגען אַלע טויערן פֿון גהינום נעמט גאָלדעלע זיך נאָך שטאַרקער צום מאַלן. זי חלומט צו שאַפֿן עפּעס גרויס, צו אַנטפּלעקן אין פֿאַרבן דאָס העראָישע פֿון אַ פֿאָלק פֿון אַלעמען פֿאַרלאָזן. אַ יוגנט פֿון אַלעמען פֿאַראַטן, אין איינזאַמען האָפֿנונגסלאָזן געראַנגל פֿאַרן לעבן, זייער לעצטער שלאַכט, זייער נקמה און טויט. אויך שמחה באַהאַלט זיך אין אַ ווינקל און שרייבט אַריין אַ ניי קאַפּיטל אין זיין ראָמאַן וועגן גאָלדעלען אין דעם לעגענדאַריש אַלטטימלעכן פּאַלאַץ, ער באַשרייבט איר געמיט, איר אַרבעט, עס ווילט זיך אַזוי שטאַרק אים שרייבן וועגן אַלץ וואָס עס טוט זיך אין איר נשמה.

כאָטש עס איז גאָר נישט געזונט זיך צו וואַרפֿן אין די אויגן פֿון דער וועלט פֿאַר אַזעלכע וואָס גרייטן זיך צו אַ פֿאַרווערטע רייזע אין זייער לאַנד אַריין, מען טאָר דאָן נישט פֿאַראַטן דעם סודותדיקן פּאַלאַץ וואָס האָט לאַנג געפּוסטעוועט און רוישט איצט מיט יונג יידיש לעבן, דאָך כאַפּט זיך שמחה מיט גאָלדעלען אַרויס אויף אַ שפּאַציר צום שכנותדיקן שטעטל. די נייגעריקייט, און אפשר ווילט זיך זיי ווידער ווי אַמאָל אין וואַרשע שפּאַצירן צוזאַמען? ס'איז אַ לינדער מעריב ווינטער. די שטראַלן פֿון דער פֿאַרנאַכטיקער זון רייסן זיך דורך די וואָלקן און צעטייען דעם שניי אויף די דעכער. שמחהן איז גוט צו גיין נעבן איר. די לופֿט איז מיט פֿאַרנאַכטיקע קלאַנגען, דאָס האַרץ גייט איבער פֿון אַן אינערליכע מוזיק. ערגעץ מוז דאָך זיין דאָס וואָס מען רופֿט — גליק? עס שמייכלען צו זיי די שמאָלע געסלעך מיט

פאַרטראַכטע הילצערנע קאַלירטע הייזלעך, מיט גאַניקעס. דאָס שטעטל שמעקט מיט ווײַן און ליבע, מיט ערדישער זיסקייט און תפילות צום הימל. צווישן קלויסטער געזאַנגען זייגט די הייליקע גראַציע אָן דאָס געטליכע קינד מיט ליבע פון אירע פריילין ברוסטן. אויפן קינאָ עקראַן גייט אַ ספּעק־טאַקל מיט פאַנטאַסטישע שיינקייטן, ליבע־ראָמאַנען, שלאַכטן, דועלן און הייסע קושן. אין גאָרטן שלאָפן די בלומען אין זייער ווינטער־שלאָף, פון אַ קלייט קוקט אויס די קרעמערקע אויף אַ קונה. אין רעסטאָראַן טרינקט מען ווײַן און מען פלוידערט. אין זייט פון שטעטל דרעמלט אַ טייכל האַלב פאַרפרוירן. זומער האָבן דאָ ווייבער געוואַשן זייער וועש און דערציילט רכילות. נישט ווייט פון שפּיטאָל ווי מען געבוירט קינדער, שטייט אַ קליינער בית עולם, אַרומגעצוימט מיט אײַזערנע שטאַכייטן, אײַנגעהילט אין שטיל־קייט, איבער ווייסן שטיין און גראַניט שאָקלען זיך די ביימער איבערן טויט. און ווידער שמאָלע געסלעך מיט ריח פון ווײַן און הייסע ווייבערישע בליקן. אָט איז דער דענקמאָל פאַרן אומבאַקאַנטן זעלנער. ביי אַ פענצטער שפּינט אַ יונג שיינע פרוי, ווי זי וואָלט מיט די שפּיזן געשטאָכן, וועמען אַריינ־צושפּריצן דעם גיפט פון דער ליבע. ווען נישט די צרות וואָס עס שטעלן צו די פּאָליטיקער און גענעראַלן, וואָלט אפשר דאָס פּשוטע פאָלק געוווּסט דעם טעם פון אַ ביסל פריידי, זיי נויטיקן זיך דאָך נישט אין קיין סך: אַ ביסל ריינע לופט צום אָטעמען, אַ שטיקל ברויט, אַ גלאָז ווײַן, אַ גוטן וויץ און אַ געשמאַקע ווייב מיט אַ צעלאַכט פּנים, וועמענס סם פון דער ווייבליכקייט איז געמישט מיט דעם טעם פון האָניג. ביים גייען צוריק, קוקט אויף זיי דער פּראָפיל פון דער לבנה, פון הימל פאַלט אַ שטערן, עס בליצט אויף אַ נייער. פון אַ הייזל שרייט אַריבער איין פרוי צו דער צווייטער:

— געטרודאַ, געטרודאַ, קום כ׳וויל דיר דערציילן אַ סוד!

און שׂמחה שפּאַנט מיט גאַלדעלען צום מיטלאַלטערליכן שלאָס, וואָס שטייט אין דער טונקלקייט ווי אין אַ לעגענדע פאַרוועבט.

פרייטיק אין אָוונט זענען אין אַלטן שלאָס מיט ווייסע טישטעכער געדעקט די לאַנגע טישן, מיט ווײַן, געפילטע פיש און געשמאַקע מאכלים. דעם עונג שבת הייבט אָן דער ארץ ישׂראל שליח חבר בערל, מיט דעם קאַפּיטל פון תנ״ך, פון יחזקאלס וויזיע פון נאַקעטע ביינער, וואָס ווערן זיך

פאַרצאַפּעלט מיט פלייש און נשמה, און ער לייענט די ווערטער פון נביא:

— און וועל אייך, מיין פאָלק, אויפברעכן פון אייערע קברים, און אייך ברענגען אויף דער ערד פון ישׂראל.

נאָכן געשמאַקן עסן צעזונגט מען זיך מיט ישׂראל לידער און מען גייט איבער צו יידישע און רוסישע, צום סוף צורוקט מען די טישן און אַלע ווערן אַריינגעשלעפּט אין די „הורה" טענץ. די ווילדע טאַמאַראַ פון רומעניע מיטן באַבלימט קליידל, כאַפּט שטיפעריש אָן שׂמחהן און פלעכט אים אויך אַריין אין טאַנץ. עס טאַנצן פריילעכע בחורים, מיידלעך מיט קינדישע אויגן, טאַמאַרע האַלט שׂמחהן פעסט ביי דער האַנט, אָבער זיינע אויגן זוכן גאָלדעלען, ווו איז זי ערגעץ פאַרשוווּנדן?

שבת נאָכן פרישטיק גייענדיק צוריק צו זיין צימער, כאַפּט שׂמחהן פּלוצלונג אַרום אין האַלב פינצטערן קאָרידאָר טאַמאַרעס דינע הענטלעך, זי פאַרלייגט זיי אַרום זיין האַלדז און לאַכט אים מיט אַ לאַשטשענדיקן שמייכל גלייך אין פּנים אַריין. גראַד אין דער מינוט וואַקסט אויס גאָלדעלע, טרעפנ־דיק אים אַרומגענומען פון טאַמאַרען ווערט זי בלייך און לויפט האַסטיק אַריין אין איר מיידלישן צימער. וואָס איז מיט איר געשעען? זי איז דאָך — דוכט זיך — צו אים אַזוי גלייכגילטיק, איז פאַרוואָס איז זי אַנטלאָפן? נעמט אים אָן אַן אומרו און אַ שולד־געפיל, רייסט ער זיך אַרויס פון טאַמאַרעס הענט, און צום ערשטן מאָל גייט ער אַריין אין דעם מיידלישן צימער. ער טרעפט גאָלדעלען אַליין אויף איינע פון די מיידלישע בעטלעך, דאָס פּנים איינגעגראָבן אין קישן. צו וויינט זי? נעמט אים אָן אַ שטאַרקער ווייטאָג און ער בייגט זיך איבער איר קאָפּ, גלעט אירע האָר און שעפּטשעט אין אירע אויערן?

— וואָס איז מיט דיר טייערע, צו האָב איך דיך באַליידיקט? איך האָב דאָך קיינעם נישט ליב חוץ דיך, איך האָב דאָך קיינעם נישט נאָר דיך.

וואַרפט אים גאָלדעלע אַ פאַרשעמטן בליק מיט אירע נאַסליכע אויגן. פליסן פון שׂמחהס מויל הייסע ווערטער, נאָך קיין מאָל נישט געזאָגטע. צום ערשטן מאָל וואַגט ער צו קושן אירע האָר, דעם האַלדז און די ליפּן. זי ענטפערט אים מיט אַ קוש און ווי דערשראָקן פון דעם וואָס זי האָט געטאָן, באַפרייט זי זיך שנעל פון זיינע אָרעמס און זאָגט ברוגזליך:

— שעמסט זיך נישט, אַט קען דאָך אָנקומען ווער פון די מיידלעך, קום שנעל אַרויס.

— דאָס איז דערפאַר ווייל כ׳האָב דיך צו ליב, משוגע ליב, — ענטפערט ער.

אין דרויסן נעמט זיי אַרום אַ לינד סוף ווינטער ווינטל, גאָלדעלע איינגעהילט אין איר שאַל האַלט זיך אין ערנסטקייט, ווי קיין זאַך וואָלט צווישן זיי נישט געשען. אָבער שמחהן פּלאַמען די באַקן פון איר ערשטן קוש, ווי אַ באַלוינונג פאַר יאָרן פון בענקשאַפט און ליבע. אָבער פאַר וועמען זאָל ער אויסשרייען דעם מינוטיקן גליק פון אַ קוש? אין זעלבן אָוונט גייען ביידע אַרויס צום ברעג פון ריזיקן אָקעאַן. די ווילד צעבייזערטע כוואַלעס ראַנגלען זיך מיט זייער אייגענער סטיכיע. אויפן הימל גייט אונטער די זון, אַנטרינט אונטער די וואָלקנס. דאָ דערציילט גאָלדעלע שמחהן וועגן איר ווילן צו פאָרן קיין פאַריז. עס ציט איר שרעקליך צו דער שטאָט פון מאָלעריי, צו זעען דעם לוווער, די מוזעאומס. אויך שמחה צינדט זיך אָן מיט דעם געדאַנק. ווי קען מען זיין אין פראַנקרייך און נישט זעען פאַריז? נעמען ביידע אַ דערלויבעניש פון ישׂראל שליח און לאָזן זיך אויף עטלעכע טעג אין אָט דער באַרימטער שטאָט אין דער וועלט.

פאַריז האָט שוין אויסגעטאָן איר ווינטער־מאַנטל, כאָטש אויף די גאַסן ליגט נאָך אַ נאַסער שניי און קאַלטער אומעט. די מלחמה האָט דאָ איבערגעלאָזט נאָך זיך יקרות, אַרבעטסלאָזיקייט און אינפלאַציע. פאַריז האָט זיך נישט פאַרטיידיקט. ווי אַ זונה זיך איבערגעגעבן צו די דייטשן. די כיטרע פּאָליטיקער און פאַרעטער האָבן פאַרקויפט די שיינע שטאָט מיט אירע טעכטער צו די דייטשישע אָפיצירן. שטייען פאַרשעמט די שיינע פּאַלאַצן און קלויסטער, דער אייפל־טורעם און די מאַרס־פעלדער. דער מעטראָ וואַרפטביידן אַלע מאָל אין אַ צווייטן קוואַרטאַל, לאַטיינישער, מאָנפּאַרנאַס. סאַן דעני אָדער בעלוויל. זיי שפּרייזן איבער ברייטע בולוואַרן און ענג שמוציקע געסלעך. ווי איז אָבער דאָס פאַריז פון יענע הערא‍ָישע צייטן? אין די קברים פון פער־לאַשען ליגן באַגראָבן אַלע פאַריזער רעוואָלוציעס, צוזאַמען מיט די 40 טויזנט דערשאָסענע קאָמונאַרן. פון דער הויכקייט פון הייליקן אַנטאָן האָט אַמאָל דאָס פאָלק זיך געלאָזט איינצונעמען פאַריז, די

העלדישע לואי מישעל האָט געמוטיקט די קעמפער אויף די באַריקאַדן. איצט בראָדזשען דאָ אַרום גאַסן־פּריילינס מיט פּאַרצוקטע פּנימער, עס שמעקט פון זיי מיט אַדיקאַלאָן און נישט דערשלאָפענע נעכט. אין אַ קאַפע טאַנצט אַ גרופּע טענצערינס מיט זייערע בויגנדיקע קערפּערס. זיי רייצן די הונגעריקע מענער אויגן, מיט דער דורכזיכטיקייט פון זייערע קליידלעך. דאָ האַנדלט מען מיט וואַלוטעלע פּאַרגעניגנס. אין די געשעפטן פון אַלטע זאַכן פאַרקויפט פּאַריז איר העראָישע געשיכטע. היינט איז פּאַריז די באַס־טיליע פון פּוסטקייט, פּאַראַסטע חלומות, איבערזעטיקייט, לוקסוס, אויך מיט אַסך נויט — וואָס באַהאַלט זיך שעמעוודיק פאַרן אויג פון טאָג. אויף אָט די גאַסן האָט אַמאָל דאָס פאָלק געשריגן — זאָל לעבן דער אימפּעראַטאָר! פאַר נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע דעם באַגרעבער פון דער פראַנצויזישער רעוואָ־לוציע, זיי האָבן דאָס שפּעטער געשריגן פאַר דעם קייזער פון דער אונטער־וועלט — דעם לץ נאַפּאָלעאָן דעם דריטן.

אויף די ברייטע בולוואַרן און שמאָלע געסלעך האַלט שׂמחה גאָלדעלעס האַנט און יעדע זאַך וועקט אין זיי נייע טעמעס צום רעדן. זי זאָגט:

— וואָס פאַראַ גרויסע גליקן האָבן עס אַלע רעוואָלוציעס צוגעזאָגט. מיט וויפל ראָמאַנטישקייט האָבן געשיינט זייערע גרויסע טעג, ביז די באָנאַפּאַרטעס, — דערקלעטערט אויף די פּלייצעס פון פאָלק צו מאַכט און רום — באַגראָבן אַלע גרויסע האָפענונגען. אַזוי איז דער גורל פון אַלע שענסטע אידעאַלן.

— דער צומאַרגנס נאָך יעדער רעוואָלוציע — זאָגט שׂמחה — איז אומעטום דער זעלבער. דער רוסישער געטוי ווי דער פראַנצויזישער, דער זעלבער טעראָר. די בלינדע טעמפּקייט פון די נייע הערשער, נישט בעסער פון די אַלטע. אומעטום זעען די דיקטאַטאָרן אין יעדן אַ שונא. זיי געפונען די קאָנטררעוואָלוציע צווישן רעכטס ווי צווישן לינקס. די באָלשעוויקעס ווי די יאַקובינער האָבן געשיקט זייערע אייגענע פירער צום טויט אַלס פאַרעטער, ווי דער איינציקער ציל פון די וואָס האָבן געמאַכט די רעוואָלוציע וואָלט געווען זי צוריק אומצוברענגען. נאָך די באַשולדיקטע זענען דערנאָך געגאַנגען צום טויט די ריכטער און תליינים, וואָס האָבן ערשט נעכטן אַנדערע געשיקט צום טויט. אַזוי חזרט זיך איבער די געשיכטע. אין נאָמען פון

ברודערליכקייט האַקט מען די קעפּ פון די ברודער, אין נאָמען פון פרייהייט בויט מען טורמעס.

— וויפל פאַרברעכנס און געמיינקייט — זאָגט גאָלדעלע — ווערן גע־מאַכט אין נאָמען פון דער פרייהייט, וויפל איז אָט דער איידעלער באַגריף געשענדעט און פאַרקריפּלט געוואָרן. וויפל בלוט איז אין איר נאָמען פאַרגאָסן געוואָרן? דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון די גרעסטע רעוואָלוציעס האָבן געגעבן צו קליינע רעזולטאַטן, ווייניק גליק. געטווישט די רעזשימען, געבליבן איז די בויט, די שקלאַפעריי, געבליבן דער מענטש מיט דעם זעלבן עגאָ:זם און תאוותס. געבליבן דאָס זעלבע לעבן אָן טעם, אָן געשמאַק, אָן פרייד. אפשר פאָדערט זיך אַ גאָר אַנדער מין רעוואָלוציע וואָס זאָל זיך אָנהייבן אין מענטש גופא?

רעדנדיק, שלינגען ביידע נייגעריק מיט די אויגן די גאַסן, מערק, די סענאַ מיט אירע שיינע בריקן, די געשעפטן מיט אַנטיקן, די קאַפעען ווי אָפּגלעבטע פרויען מיט געפאַרבטע האָר פלאַפלען פון לאַנגווייליקייט ביי אַ גלאָז קאַפע. אַ נעגער זינגט אויס מיט אַ טענאָר־קול די לייד פון זיין פאַרשקלאַפטע ראַסע. ביי די טישלעך זיצן באַעוולטע פון לעבן, פריילינס מיט לאַלקעוואַטע פנימער, ווו קאַפּיעס פון מאָדע זשורנאַלן. אָפּגעריסענע יונגלעך לויפן איבער דער גאַס מיט צייטונגען און שרייען:

— ל׳ענטראַנטזשען, ל׳ענטראַנטזשען!

דאָס איז די שטאָט פון לוסט און בונט, פון קונסט און זנות, פון קאַטאַ־ליציזם און פּאָרנאָגראַפיע. די ווירטשאַפט, ליטעראַטור, מאָלעריי, קינאָ, פּרעסע, אַלץ איז אויסגעטאָן פון שאַנד, פון דאַנען ווייזט ברידזשיט באַרדאָ די גאַנצע וועלט איר נאַקעטן הינטן. דאָס איז פּאַריז מיט איר נאָך־מלחמה קולטור, די לעצטע מאָדע פון דעם צעטומלטן מענטש וואָס שטייט אין פחד אויף די קני פאַר פאַרשידענע געצן, פאַלשע נביאים, כהנים און פּראָפעס־יאָנעלע פּאָליטיקער מיט קרענקליכע קאַפּריזן. אָבער ווו איז די שטאָלצע אַנטעקע וואָס האָט פאַר קיינעם נישט געקניט און געקענט אַזוי ליב האָבן און געליבט ווערן. וואָלט די „פאַרכישופטע נשמה" פון ראָמאָן ראָלאַן היינט געלעבט, וואָלט זי הויך אויסגעשריגן:

— אָ איר קלוגע שטאָטס מענער, וואָס זענט אַזוי זיכער מיט דער חכמה

פון אייערע געזעצן, וואָס האָט איר געמאַכט פון אונדזער שיינער וועלט? אויף אייך הערשער און פּאָליטיקער די שאַנד פון אַלע רציחות, געמיינקייטן, פאַר מלחמה און פאַרן ים פון אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט!

מיד און הונגעריק פון לאַנגן וואַנדערן איבער דער ריזיקער שטאָט, כאַפּן זיך ביידע אַריין אין אַ ביליגן רעסטאָראַן עפּעס אָפּצועסן. ביי טישלעך זיצן צוויי שיכורע מאַטראָזן מיט אַ גאַסן־מיידל, אַן אַרבעטסלאָזער טרינקט וויין און שווייגט אַ פאַרזאָרגטער, אַ האַלב פויער האַלב אינטעליגענט ווישט נאָכן עסן זיינע וואָנצעס. פון דער זייט דערנענטערט זיך עפּעס אַ פאַרשווינדל מיט פּאַצעטישע וואָנצעלעך, דאָס פּנים דוכט זיך באַקאַנט, נאָר די וואָנצעלעך עפּעס פרעמדע, ווי צוגעקלעבטע. זאָל דאָס טאַקע זיין דאָס זעלבע שניידער בחורל וואָס שמחה האָט געקענט אין וואַרשע? ביי אים האָבן פּוילישע שפּיצלעס אַמאָל געפונען קאָמוניסטישע ליטעראַטור, און נאָר אַדאַנק זיין מינדעריעריקייט האָט מען אים געלאָזט פריי ביזן פּראָצעס. אים האָט זיך אָבער נישט געוואָלט גיין אין טורמע איז ער אַנטלאָפן קיין פּאַריז. איצט דערציילט ער שמחהן וואָס מיט אים איז דאָ געשען:

— אַ הונגעריקער, אַ פרעמדער, אָן אַרבעט, אָן געלט, אָן רעכט, האָב איך געבראָדזשעט איבערן ריזיקן פּאַריז, געשלאָפן אונטער די בריקן, ציטערנדיק פאַר קעלט און פאַר פּאָליצייאישע אַבלאַוועס. אויב כ'האָב געפונען עפּעס אַ פּאַרטיי חבר פון וואַרשע איז ער אַליין געווען אויף צרות, און אויב איז אים גוט געגאַנגען, האָט ער געאיילט זיך, נישט געהאַט צו מיר קיין צייט. בין איך געווען אָן אויסוועג און אָן האָפענונג. וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן יענע נאַכט ווען כ'האָב צום ערשטן מאָל באַשלאָסן צו בעטן ביי וועמען אַ שטיקל ברויט. געווען איז דאָס אַ פּראָװינציזיש גאַסן־מיידל, און אַז זי האָט דערהערט אַז כ'האָב נאָך דעם טאָג גאָר נישט געהאַט אין מיין מויל, איז איר פּנים אויפריכטיק פאַראומערט געוואָרן, אַז זי האָט גענומען זוכן אין איר טאַש. האָב איך דעמלט פאַרשטאַנען אַז גוטסקייט דאַרף מען גאָר נישט זוכן ביי מענטשן מיט „איזמען" און פּאַרטיי פּראָגראַמען. מען קען עס געפונען גראָד צווישן די פון וועמען די „קולטור מענטשן" שאָקלען זיך אָפּ. גאָרנישט געפונען אין איר טאַש האָט זי מיך דערפאַר געפירט אין איר אָרעם שטיבל, מיך דאָרט אָנגעזעטיקט און אָנגעוואַרעמט מיט איר לייב. פון דאַמלט

האָב איך מיך צוגעבונדן צו דעם זינדיקן מיידל וואָס פאַרמאָגט מער האַרץ און געטריישאַפט פון אייער גאַנצער צניעותדיקער וועלט. זי האָט מיך אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע אויסבאַהאַלטן און מיך געראַטעוועט פון היטלערס הענט. איז זי מיר טייערער פון אַלע אייערע שיינע פראַזן וועגן מענטשליכקייט און מאָראַל. אין איר הפקר לעבן איז דאָ וויניקער פאַלשקייט און געמיינקייט ווי אין אייער גאַנצער קולטור.

נאָכן געזעגענען זיך מיט אים זאָגט גאָלדעלע צו שׂמחהן:

— זעסט וואָס פאַראַ רייכער מאַטעריאַל פאַר אַ ראָמאַן איז די געשיכטע פון דעם בחור?

איז גוט נאָך אַ גאַנצן טאָג וואַנדערן איבער דער קאָלאָסאַלער שטאָט צו בלייבן אַליין אין צווייען. נעמען זיך ביידע גלייך אַרום אויף דער שוועל פון דער מאַנסאַרדע, וואָס זיי האָבן געדונגען ביי אַן אַלטער פרוי אויף אַ פּאָר טעג. דורך דעם דאַך־פענצטער שיינט אַריין די זילבערנע ליכט פון דער לבנה. אונטן אויף די גאַסן לויכטן די הונדערטער לאָמפּן, די נאַכט הילט איין אין איר נעפּל די געשיכטע, הערלעכקייט און שאַנד פון פּאַריז, נאָר פאַר זיי וואַרט אָבער אַ געמיינזאַמע נאַכט, אַ געמיינזאַם בעט. אויף די דעכער מיאַקען די קעץ אויס זייער ליבע סערענאַדע, פון אַ שכנותדיק פענצטער טראָגן זיך ליידנשאַפטליכע פידל־טענער. אין שׂמחהן צינדט זיך דאָס בלוט און נעמט אין דער פינצטער אַרום די נאַקעטקייט פון תמימותדיקן אומשולד, קושט דורשטיק אירע ליפּן, דריקט זיך מיט ציטער צו איר לייב, צונויפצוגיסן זיך אין גאַנצן. פלאַמט ער אַריין אין איר זיין פרייד און טרינקט ווי אַ שיכור פון גליק. פון וואַנען קען די ערנסט־אומעטיקע גאָלדעלע שענקען אַזוי פיל געַנוס? אָנגעזעטיקט בלייבן ביידע ליגן אַרומגענומען ווי צו היטן דאָס גליק.

די ערשטע זון שטראַלן, וואָס רייסן זיך אַריין דורכן מאַנסאַרדע פענצטער וועקן שׂמחהן אויף פון שלאָף. זיינע אויגן ווערן גלייך צוגעשמידט צו דעם וווּנדערליכן בילד וואָס ליגט נעבן אים. אויך זי עפנט די גרויסע בלויע אויגן אין וועלכע עס שפּיגלט זיך דאָס פרימאָרגן ליכט. נישטאָ אין זיי מער דער אומעט, די ערנסטקייט, נאָר אַ רייצנדיקע צעשמייכלטקייט. צעשטורעמען זיך ווידער זיינע בלוטן און ער נעמט זי אַרום. קושט אַראָפּ פון אירע ליפּן די נישט דערזאָגטע ווערטער און שושקעט איר אין אויער:

— כהאָב דיך משוגע ליב.

— איך ווייס ווי שיין דו האָסט מיך ליב, דאָס גיט מיר גליק — זאָגט גאָלדעלע.

ווערט זיין גומען מיטן טעם פון אירע ליפּן. זיינע אויגן פּרעסן די נאַקעטע שיינקייט וואָס שעמט זיך מער נישט אַרויסצוקוקן פון איר ראָזן העמדל. וואַשט ער אירע פּיס און קושט זיי. זי וואַרפט אַ פאַרוווּנדערטן בליק אין שפּיגל, ווי זי וואָלט צום ערשטן מאָל זיך דערזעען, און אויף איר פּנים צעגיסט זיך אַ צופרידענער שמייכל. דערנאָך שמירט זי פּוטער אויף דעם ברויט און ביידע טרינקען די געשמאַקע קאַפע פון דעם אייגן צוגעגרייטן פרישטיק. די גאַנצע מאַנסאַרדע שמעקט מיטן ריח פון קאַפע, מיט חן און זיסקייט. נאָכן פרישטיק לאָזן ביידע זיך ווידער אַרויס איבער די פּאַריזער גאַסן, אַלץ איינצושלינגען מיט די אויגן. היינט קעניגט דאָ דער ערב־פרילינג מיט פרייד, קינדיש געלעכטער און מיידלישן חן. אויף די גאַסן ווי מאָלער שטעלן אויס זייערע בילדער, פּירט אַ ברייטע טיר זיי אַריין אין אַ קונסט־גאַלעריע. פון די ווענט שרייט אַראָפּ די רויטע קאָליר פון פרייד, געלב האַרבסטיקער טרויער, אַ „שטיל לעבן" מיט אַ סערווירטע פלאַש ווײַן און רייפע פּרוכט, אַ וואַזע אין פאָרם פון ווייבליכע ליניעס, אַ פּייזאַזש פון שקיעה, וואַזן מיט ליליעס און טוליפּאַנען. אַ צווייטער זאַל מיט אַקטן פון ווייבליכער נאַקעטקייט מיט אומרואיקע ליניעס, צניעותדיקע פאַרשעמטקייט, פאַרפירערישער לאַ־רעליי־רייץ, מיידלישע קעפּ מיט סודותדיקן שמייכל, מיט אומעטיקע אויגן. ווייטער קומען לאַנדשאַפטן פון פאַרנאַכטיקע קאָלירן, פּרימאַרגנס וואָס באָדן זיך אין טוי. גאָלדעלע געפינט זיך אין אַ ווונדערליכע וועלט פון פאַרבן און ליניעס. איר צעשטראַלט פּנים וועקט אין שמחהן אַן אייפערזוכט צו דער מאָלעריי, וואָס נעמט ביי אים צו זיין געליבטע. וואַנדערנדיק איבער די גאַ לעריעס איז ביי גאָלדעלען געבוירן און רייף געוואָרן דער געדאַנק, און נאָך אַן אינערליכן געראַנגל, דער באַשלוס צו בלייבן אין פּאַריז. זי ווייסט אַז נישט לייכט וועט איר זיין צו בלייבן אָן שמחהן. זי האָט שוין צו ליב באַקומען אָט דעם געטרייען ערליכן בחור. זי האָט מיט אים אַ געמיינזאַמע שפּראַך, אויך ער האָט ליב דאָס לעבן מיט אירע פאַרטונקלטע מיסטעריעס, נישט אַנטפּלעקטע רעטענישן און אילוזיעס. ווייסט גאָלדעלע ווי פאַראיינזאַמט

זי וועט זיין אָן אים, דאָך שרעקט איר זיין צו שטאַרקע ליבע און וויל אַנטלויפן פון די אייגן אויפגעוועקטע געפילן, זיי זאָלן נישט ווערן אַ שטערונג אין איר מאָלעריי. זיי זענען אפשר נאָך צו פרי, אפשר זיך צו פיל דערלויבט, זי האָט נאָך נישט די רעכט אויף אַזוי פיל גליק. זאָגט זי אים מיט אַ שווער האַרץ:

— איך האָב טייערער באַשלאָסן צו בלייבן צייטווייליק אין פּאַריז. איך דאַרף נאָך אַ סך לערנען, פאַרזעצן דאָס וואָס כ׳האָב אָנגעהויבן אין לאָדזש.

— בלייב איך מיט דיר — רייסן זיך פון אים אַרויס ספּאָנטאַניש די ווערטער.

— ניין טייערער, דו דאַרפסט פאָרן קיין ישׂראל, דאָרט איינאָרדנען דיין לעבן, וויפל דאַרפסטו זיך נאָך וואַגלען איבער דער וועלט? פאַר מיר איז אויך בעסער צו בלייבן אַליין, כ׳וועל זיך בעסער לערנען און אַרבעטן מיטן געדאַנק אַז ערגעץ קלאַפּט פאַר מיר אַ נאָענט האַרץ. לאָז מיר פון וויטן צו דיר בענקען, דערנאָך צו זיין אין גאַנצן מיט דיר.

פאַלן אירע ווערטער ווי קאַלט וואַסער אויף זיין הייסער נשמה. איר באַשלוס איז פאַר אים אַ שרעקליכער קלאַפּ. ווידער זיך מיט איר צו צושיידן, נאָכן דערגרייכן דאָס גליק. הערט ער קוים ווי זי זעצט פאָר:

— פאַר דיר איז פּאַריז אַ פרעמדע שטאָט, פאַר מיר איז עס די העכסטע מעגליכקייט צו לערנען, צו דערגרייכן מיין ציל אין דער מאָלעריי. איך וועל טאָן אַלץ די צעשיידונג זאָל זיין אַ קורצע, סיי ווי וועל אָן דיר נישט קענען לאַנג בלייבן.

דערווייל שרייען פון אַלע פּאַריזער צייטונגען אַראָפּ די נייעס אַז ס׳איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ יידישע מדינה, באַגלייט מיט אַ באַוואָפנטן אָנפאַל פון אַלע אַראַבישע לענדער, צו דערשטיקן די ניי געבוירענע היים, צו טרייבן די יידן פון דאָרט אין ים אַריין. שׂמחה ווייסט אַז פאַר די גרויסמאַכטן וואָס שטיצן די יידישע זעלבסטשטענדיקייט איז עס בלויז אַ פּאָליטישער שפּיל, אַ סטראַטעגישער חשבון, אָבער פאַר דער געשׂיכטע איז עס דער הומאַני־טאַרישסטער אַקט לגבי אָט דעם אַמיינסטן געליטענעם פאָלק. די געוויסנס פּיינען פאַר דעם וואָס ער איז געשטאַנען אין דער זייט פון דער גאַנצער טראַגעדיע פון זיין פאָלק, וואָס ער איז אַנטלאָפן און געראַטעוועט זיין הויט. טרייבט אים איצט אַהין, ווי עס וועגט זיך דער גורל פון זיין פאָלק, דאָס מאָל

נישט צו זיין קיין דיזענטער. געזעגנט ער זיך מיט אַ שווער האַרץ מיט גאַלדעלען.

קומט צוריק אין אַלטן שלאָס, טרעפט ער אַלעמען זיך פּאַקן און גרייטן. פאַרפּאַקט ער אויך זיינע פאַרשריבענע בלעטלעך, מיט די אַלע געשעענישן, חלומות און בענקשאַפטן. אַט פירט דער גורל אים צו נייע קאַפּיטלעך אין זיי אַריינצושרייבן. פאַלט צו דער אָוונט, שטייט ער צום לעצטן מאָל ביים פרעמדן ברעג. צווישן הימל און ים פאַרגייט די זון און צעצונדט אין זיין האַרץ די שטרעבונג צו גאַלדעלען צוזאַמען מיטן באַשלוס צו שטעלן זיך דאָרט אין קאַמף פאַר אַ שטיקל פרייע ערד אונטער די פיס, פאַר די געראַטעוועטע פון זיין אויסגעשאָכטן פאָלק. לעשט זיך דער טאָג, בלייבט אויפן הימל נאָר די קאָליר פון קופער, און אין זיין האַרץ — אַ נישט געשטילטע בענקשאַפט.

8.

מיד און פאַרשמאַכט פון דער היץ שטייט די יידישע שטאָט אין די שפעטע מיטאָג שעהן. איבער די נישט הויכע הייזער הענגט דער אולטראַ־מאַרין הימל, איבער וועלכע די זון רוקט זיך אַלץ נידריקער אַראָפּ צום ים. בלייבט הענגען אַ צעגליטע מיט הייסע קאָלירן פון בענקשאַפט. ס׳איז דער ים, אַ גרויס געזאַנג, אַ מעכטיקע סימפאָניע, אין איר באַוועגן זיך די לעצט פאַרשפּעטיקט נאַקעטע גופים. אַ זעגל בלאַנקט צווישן ים און הימל ווו ער וואָלט מסופק זיין צו עס לוינט צום ברעג צו דערשווימען. אויפן שפת ים שפּאַצירן עלטערע פּאָרלעך, אַ יונגער זעלנער — זעט אויס — נאָר וואָס געקומען פון פראָנט, קושט זיין מיידל. פון די קאַפעען טראָגט זיך פון פּאַטאָ־פאָן־פּליטן דער מארש פון פלמ״ח. עס זיצן ביי טישלעך נישט אָנערקענטע קינסטלער, וואָס גלויבן פאַרעקשנט אין אייגענעם טאַלאַנט. רעזיגנירטע פּנימער, נישט זיכערע מיטן מאָרגן און אַזעלכע וואָס זוכן ביים גלאָז שוין קאַלטע קאַפע, די צייט אַוועקצופּטרן. ווער ס׳חלומט אין דער איינזאַמקייט, ווער ס׳נודיעט זיך אין צווייען.

שמחה איך אַנגעגנעם אַנטוישט, געמיינט אַז ער פאָרט אין אַ לאַנד פון מדבר, און שטייט אין מיטן פון אַן עראָפּעיִשע שטאָט, אָבער בלויז מיט יידן.

די גאַסן־קערער, מויערער, זעלנער און פּאָליציי־לייט. דאָ האַלט זיך אַלץ אין פאָרמירן, אין געבוירן, הלוואי זאָל זיך דאָס לאַנד נישט אויסלערנען דאָס בייז און שלעכטס פון אַנדערע. שמחה אָנגעזאָפּט מיט פרישע ים לופט, מיט דער שיינקייט פון פאַרנאַכטיקן ים פּייזאַזש, מיט נייע איינדרוקן, לאָזט זיך צוריק צו דעם הילצערנעם באַראַק פון דודס פאַמיליע, צו דעם אָרעמען קוואַרטאַל באַוווינט מיט אַלטע ותיקים און נייע עולים, מיט שפּייז קרעמלעך און קליינע וואַרקשטאַטלעך. מיט אַ ביסל אייגן, און מער מיט געבאָרגט געלט, האָט דוד געקויפט אַ דירה אין אַ הילצערנעם באַראַק און איז צופרידן. נאָר זיין ווייב געפעלט נישט דאָס לאַנד, האָט פיינט די היצן, די מענטשן — זאָגט זי — זענען שלעכט. דערפאַר איז שורע, יאַשקעס רוסיש ווייבל דאָ גליקלעך. זי וויל מען זאָל איר פון איצט רופן שׂרה. דאָס איינציקע וואָס איז איר שווער איז רעדן עברית, נאָר זי גיט זיך אַן עצה און רעדט יידיש. פאַר שׂמחהן איז דאָ אַלץ ניי. מיט נייגעריקייט שלינגט ער מיט די אויגן. איינגעאָרדנט אין אַ ווינקל ביי דודס פאַמיליע טריבט אים די בענקשאַפט גלייך אָנצושרייבן צו גאָלדעלען די ערשטע ווערטער:

טייערע גאָלדעלע

איך בין נאָר וואָס געקומען אין לאַנד און מיין ערשטער באַגער איז דיר אָנצושרייבן די ווערטער. שוין אין חיפה האָב איך געגאַפט אויף דער שיינקייט פון דער שטאָט וואָס ליגט אַ צעלייגטע אויף די כרמל בערג. זי שטייט ווי אַ לייכט טורעם פאַר די וואָס קומען דאָ זיך אָפּשאָקלען פון די וואַנדערנ־דיקע שטויבן, אין איר האָפן צו פאַראַנקערן זייער גלויבן. איצט געפון איך זיך שוין אין דער שטאָט פון פרילינג. גוט וואָס גאָט האָט נעבן דער שטאָט אָוועקגעשטעלט אַזאַ ברייטן ים און אויפגעהאָנגען אַזאַ בלויען הימל, ווייל די הייזער מאַכן גאָר נישט קיין גרויסן עפעקט. דערפאַר שמעקן די גאַסן מיט היימישקייט, מיט יוגנט און קינדישן געלעכטער. אָבער גראָד אויף דער לעצטער סטאַנציע פון מיין וואַנדער וועג שטיי איך ווידער אַן איינזאַמער, ווידער אָן דיר. בענק איך צו דיין ווייכן געלעכטער וואָס איז פול מיט מעלאָדישקייט. דו ביסט דאָך די איינציקע איינוווינערין אין מיין האַרץ, אָן דיר איז דאָרט פוסט. ווער רופט דאָס ליבע, דאָס איז אָבער אַ צו סטאַנ־

דאַרט וואָרט, וואָס ווערט באַנוצט סיי פֿאַר גראַשיקע געפֿילן, וואָס צאַנקען ווי אַ חנוכּה ליכטל, סיי פֿאַר דעם וואָס איז ווי דער פֿלאַם פֿון וועזווו. חוץ דעם פֿייניקט מיך דער געוויסן, שוין דאָס צווייטע מאָל ווו איך לאָז דיך איבער אַליין, אויף אייגענעם גורל. צו האָב איך עס געמעגט טאָן? כ'ווייס אַז דיין נשמה איז איצט טיף איינגעטובלט אין דער מאַלעריי און אין דער טעריטאָריע פֿון דיין האַרץ איז געבליבן גאָר ווייניק אָרט פֿאַר מיר. בלייבט מיר נאָר צו וואַרטן אומגעדולדיק אויף דיינס אַ בריוו. שרייב וואָס דו מאַכסט און ווו דו לעבסט. ביי אונדז פֿיבערט דאָס לעבן. ווער איז אויפֿן פֿראָנט, ווער ביי דער אַרבעט, עס איז אָבער נישטאָ אַזאַ כּוח וואָס זאָל — נאָך דעם וואָס עס איז געשעען מיט אונדזער פֿאָלק — צו צווינגען דאָס ביסל דאָ יידן זיך אָפּצוזאָגן פֿון אַ זעלבשטענדיק לעבן. אַוודאי בין איך נישט מיט אַלץ וואָס דאָ קומט פֿאָר צופֿרידן, ווייל ווען איין טייל קעמפֿט אויף די פֿראָנטן פֿאַר די עקזיסטענץ פֿון פֿאָלק, זענען אַנדערע גאָר פֿלייסיק אויפֿן פֿראָנט פֿון דער שפּעקולאַציע. איך ווייס אָבער אַז אין די רייכסטע און שענסטע מדינה וואָלט איך נישט געפֿונען אַזוי פֿיל היימישקייט און פֿרייהייט ווי אין אונדזער קליין אָרעם לענדל. דעריבער איז מיין גרעסטער חלום אין קורצן דיך דאָ צו זען, צו זיין מיט דיר צוזאַמען. דערווייל בלייב מיר געזונט. איך שיק דיר האַרציקע קושן און ווונטשן, דו זאָלסט נאָך לאַנגע יאָרן מיך כּישופֿן מיט דער שיינקייט פֿון דיין גוף און נשמה, און איך זאָל וואָס שנעלער קענען טרינקען פֿון דאָזיקן זיסן לויטערן קוואַל.

דיין שׂמחה

אָבער אויך אין אייגענעם לאַנד איז נישטאָ קיין רו. אויך דאָ לויערט אַ שׂונא וואָס וויל אומברענגען אים צוזאַמען מיט זיין פֿאָלק. רופֿט מען אויך אים צו פֿאַרטיידיקן די בייע היים, די פֿרויען און קינדער וואָס מען האָט נישט באַוויזן צו פֿאַרטיליקן אין טרעמבלינקע און אָשוויענטשים. ציט שׂמחה אין מיליטערישן לאַגער אויף זיך אַרויף די האַקי קליידער, נעמט דעם סטען זיך צו לערנען שיסן. שׂמחה האָט נאָך קיין מאָל נישט געהרגעט און וויל נישט געהרגעט ווערן. ער בענקט צו אַ זאַפֿטיק געשמאַק לעבן פֿון ליבע און געטריישאַפֿט אָבער נישט צו מלחמה. געקומען אַהער אַ מידער פֿון וואָגל,

נישט געוואָלט מער זיין אין ערגעץ קיין פרעמדער און פאַרטאַכלעווען זיין יוגנט אויף היימלאָזיקייט. דאָך וועט ער גיין אין שלאַכט פאַר אַ היים, פאַר דער ליבע, צוזאַמען מיט די געקומענע פון אַלע עקן וועלט, פון אַלע גיהנומס. יעדער האָט ערגעץ איבערגעלאָזט זיין טרויעריקן נעכטן, פאַרלוירן זיינע טייערסטע, און פאַרמאָגן אפשר ערגעץ אַ באַליבט מיידל. נישט ווי סאָלדאַטן, נאָר קעמפערס, אָן אָפיצירישער גאווה, געקומען פון קיבוצישע שטאָלן, נישט צו באַפעלן, נאָר פירן נאָך זיך צום קאַמף און זיג.

אין געציילטע טעג פירט מען שמחהן, מיט אַסך ווי ער יונגע בחורים, אָנגעפּאַקטע אין גרויסע לאַסט־אויטאָס, באַגלייט מיט דזשיפּן, אַוועק אין דער אומבאַקאַנטקייט. שטיל קלאַפּן די הערצער, די רעדער רייבן זיך אין אַספאַלט. דערווייל פאָרט מען דורך גרינע ערד, פּרדסים און יידישע ישובים, ווייטער ווערט פּוסטער, עס הייבט זיך אָן מאָלן אַ גרויער אומעט, זאַמדיקע שטויבן, אַראַביש פאַרלאָזטע דערפער אַרומגערינגלט מיט שטעכיקע קאַק־טוס־קוסטן. אין האַלדז שטיקט דער רויך פון פאַרברענטע דערנער. עס מאַטערט די היץ, דורשט און אומרו. צו שמחהן רעדט מיט אומפאַרשטענד־ליכע ווערטער אַ קליין פלינק בחורל פון תימן, מיט קליינע לאַכיקע אויגן. אָנגעבלאָזן זיצט אַ בחור פון מאַראָקאָ, ברוגזלעך אומצופרידן. אין מיטן דער וויסטע באַווייזט זיך ווי אַ גרינער מיראַזש אַ קיבוץ, פון אַ פּאָר הילצערנע באַראַקן אַרום אַ וואַסער־טורעם. קעגן איבער אַרום אַ פלאַכער אָזערע, אַרום לייוונטע געצעלטן פאַרען זיך בעדואינער, זייערע ווייבער באַהאָנגענע מיט מעטאַלענער צירונג, ווער ס׳זאָגט אַז דאָס זענען קמיעס קעגן יצר הרע אָדער שדים, די קעמלען באַפּוצט מיט קאָלירטע שמאַטעס. פּלוצלינג צעווירבלט זיך אַ ווינט מיט אַ געמיש פון שטויב און זאַמד און נעמט זיך דרייען אַרויף הויך אין אַ ווילדן שדים־טאַנץ. באַלד בלייבט ווידער דער מדבר אין זיין פאַרגליווערטן אומעט. די לאַנגע שורה מיט מיליטערישע אויטאָס און דזשיפּן גליטשן זיך איבער דעם אַספאַלט אין מיטן דעם ברייטן מדבר וואָס גענעצט פון לאַנגווייליקייט און אומעט. אין אָוונט בלייבט די שורה שטיין ביי אַ וואַסער־טורעם פון אַ קיבוץ. די זעלנער צעלייגן דאָס געווער אַרום אַ פּאָר הילצערנע צריפים, נעבן לייוונטע געצעלטן און גייען צו אַ דזשיפּ נאָך זייער אָוונט־ברויט. נאָכן עסן קוקט מען זיך נייגעריק אַרום, און מען לייגט די מידע

קעפּ אויף דער האַרטער ערד. פּאַרטאָג איילן די קיבוצניקעס צום פרישטיק, דערנאָך צי די אַרבעט אין פעלד, צו גראָבן בונקערס, די בחורטעס צו דער קיך, וועשעריי, הינער און קי שטאַלן. באַזעצט זיך אין מדבר צו בויען דאָ זייער היים, אויפגעשטעלט זייער געצעלט און באַפאַרבט דעם מדבר מיט גרין וואָס פּאַסט גאָר נישט צו די אומהיימליכע מדבר קאָלירן. צווישן מיראַזש, חלום און וואָר וואַקסט דאָ אַ נייע לעבן, אַ נייער דור. זיי פאַרמאָגן שוין אייגענע טאָמאַטן, אייגענע געזונטע קינדער און אייגענע קברים פון געפאַלענע חברים. ברוגזט זיך דער ווינט, אומצופרידן מיטן פרעמדן לעבן וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין גרויען מדבר.

נאָכן פרישטיק רייניקט מען די סטענגען, ברענען און ביקסן און מען בלייבט זיצן אין אומרואיקער דערוואַרטונג. צווישן אָפיצירן, קיבוצניקעס און זעלנער ותיקים פאַרוויקלט זיך אין עברית אַ פאַרטייאישער ויכוח. עס אַמפּערן זיך לינקע מיט רעכטע, כאָטש דער גורל טרייבט זיי צום זעלבן שלאַכטפעלד. אין דער זייט פון קיבוץ ליגן צעזייט לייוונטע געצעלטן פון אַ פלמ״חישער מחנה. אַ גאַנצע נאַכט זענען זיי געווען פּוסט, פאַרטאָג זענען צוריקגעקומען אַ ביסל הויכע יונגען, און מידע אַריינגעקראָכן אין די געצעלטן, נאָר איינער האָט פאַרעקשנט אַרומגענומען אַ בחורטע, די טעלעפאָניסטקע, און קען זי אַלץ נישט אָנזעטיקן מיט קושן.

אויף אַ באַפעל כאַפּט מען פלינק די ביקס און אַרויף אויף די אויטאָס, וואָס לאָזן זיך אַוועק אַלץ טיפער אין מדבר. מען בלייבט אָבער שטיין אין אַ זאַמדיקער וויסטעניש פאַרזייעט מיט דערנער. די אָפיצירן לויפן אַרום נערוועזש, וואַרפן באַפעלן. די זעלנער צעשפרייטן און גראָבן זיך איין אין זאַמד, אונטער בערגלעך. מען בלייבט ליגן אין געשפּאַנטער דערוואַרטונג אויף עפּעס. דערווייל הערשט אַ גרויסע שטילקייט ,איבער די קעפּ בריט אומברחמנותדיק די זון, אין מוח מאַטערט דער אומרו און געדאַנק וועגן שונא וואָס איז ערגעץ נישט ווייט. שמחה טראַכט אויך וועגן גאָלדעלען — צו וועט ער זי נאָך אַמאָל זעען? ציט זיך דער טאָג אָן אייביקייט. נאָר וואָר רייסט איבער די שטילקייט מיט פאַרביטערטע רייד, און ער זאָגט:

— משה רבנו האָט פערציק יאָר געפירט זיין פאָלק און נישט געפונען קיין בעסערס ווי אָט דאָס צרהדיקע וויסטע לאַנד.

— אָבער אויך דאָס — רופט זיך אָן אַ צווייטער — קען מען אונדז נישט פאַרגינען.

ביסלעכווייז רוקט די זון זיך אַראָפּ פון הימל, עס צעבלאָזט זיך אַ מחיהדיק ווינטל. ס'איז שטיל. עס שווייגט דער מדבר מיט פאַרנאַכטיקע אומעט באַלאָדן. עס שווייגט אויך דער שונא וואָס ליגט ערגעץ באַהאַלטן. ס'קומט די נאַכט מיט פחד און ציטער. ס'בליצן אויף ראַקעטן, עס לעשן זיך שטערן און פינקען אויף נייע. אַ בלאַס דערשראָקענע לבנה קוקט טרויעריק אַראָפּ פון הימל. ווידער גיט אַ בליץ אַ ראַקעטע, אַ פּאָר איינזאַמע שאָסן וואָס זאָגן אָן אויף עפּעס, נאָר די נאַכט האָט צייט. זי ווייעט מיט קעלט און סודותדיקייט. טולעט מען זיך צו דער ערד, אין מוח שווימען אַרום פאַר־נעפּלטע בילדער; גאַלדעלע, אַ נאַכט אין אַ פּאַריזער מאַנסאַרדע. דריקט ער צו זיך דעם סטען און כאַפּט אַ דרימל. עס רייסט אים אָבער אויף אַ ווילדער געשריי — קרימה! קדימה! איבער די קעפּ קיט אַ האָגל מיט קוילן. פויזלט מען זיך נאָך שנעלער, און שמחהן פליט שיעור נישט אַרויס דאָס האַרץ פון פחד, דער מוח אָנגעפּילט ווו מיט בליי. פון ערגעץ דערטראָגן זיך קרעכצן. פאַלט אַ באַפעל — בלייבן שטיין! גראָבט מען איין די קעפּ אין זאַמד. אַרום ווערט ווידער שטיל. נאָר איינציקע שאָסן רייסן איבער די שטילקייט. דאָס האַרץ קלאַפּט אַלץ און די אויגן זוכן אין פינצטערן הימל די שיין, דעם אָנזאָג פון טאָג, זוכן אין דעם אויסגעשטערנטן הימל אַ פונק פון האָפענונג. באַווייזט זיך דער בלאַסער פלעק פון נײַ געבוירענעם טאָג, איז ווער ווייסט וואָס ער וועט ברענגען? און ווידער נעמט די זון חוצפהדיק בריִען, אין האַלדז ברענט דער דורשט. ערשט אין האַלבן טאָג ווערט מען אויפגעריסן פון אַ שרעקליכער שיסעריי, אַ הוגל פון קוילן און אַ באַפעל — קדימה! אַ ווילדער געלויף, מיט ווילדע געשרייען — אֵש! אֵש! פייער! לויפט מען און מען שיסט אין שטויביקן נעפּל. שמחה שיסט אין דער ריכטונג צום שונא. צו זאָל ער בעטן זיין קויל זאָל קיינעם נישט טרעפן? אפשר איז אויך דאָרט אַ בחור וואָס וויל שטאַרק לעבן און בענקט אַרומצונעמען זיין געליבט מיידל? אָבער אין יעדער קויל ליגט דער גורל פון זיין אויסגע־הרגעט פאָלק, איבער וועלכן עס האָבן געטראָטן באַנדיטישע שטיוול. איצט שטייט אויף זיין פאָלק, הייבט אויף די הענט מיט גבורה, אַז די וועלט פון

מערדער זאָל געבן אַ ציטער, פֿאַר אומשולדיק פֿאַרגאָסן קינדיש בלוט, פֿאַר אַ פֿרייען מאָרגן, פֿאַר אַ זיכערן היינט. דאָרט אין די געטאָס האָבן יידן זיך נישט געקענט פֿאַרטיידיקן, היטלער האָט זיי אויסגעשטראָכן פֿון מענטשליכן מין, זיי אומבאַשטראָפֿט צו קענען אומברענגען, אָבער דאָ קעגן נייעם שׂונא שטייט אַ פֿאָלק, ווי אויפֿגעשטאַנען פֿון תּחית המתים, ווי אַ נייער שטערן אויפֿגעשיינט. דערווייל ווערט די שיסעריי שוואַכער, זעט אויס אַז די מצרים טרעטן אָפּ. די אָפּטיילונג לויפֿט אָבער ווייטער, בלייבט שטיין אויף נאָר אַ קורצן אָפּרו. אויפֿן וועג ליגן טויטע מצרים. אַש! אַש! פֿאַלן נאָך אַלץ די באַפֿעלן און מען שיסט ווייטער לויפֿנדיק ביז מען בלייבט שטיין ביי אַ פֿאַרלאָזט אַראַבישן דאָרף. פֿון ערגעץ גיט ווידער אַ האָגל מיט קוילן, טולעט מען זיך צו פֿאַרשימלטע ווענט. עס בייסן די פֿליי און עפּעס גריזשעט אויף דער נשמה. אין אַ זייט ליגט אַ טויטער שטשור. די זון בריט, ערשט פֿאַרנאַכט הערט אויף די שיסעריי. פֿאָרעט זיך שוין ווער ביי דעם פֿעלד־האַרמאַט וואָס מען האָט פֿון ערגעץ געבררענגט און מען קוקט אויף דעם מיט האָפֿענונג. עס פֿאָרט אָן אַ מאַשין מיט קאַנען וואַסער און מען כאַפּט זיך דורשטיק צום טרינקען, און נישט פֿילנדיק דעם הונגער, קייעט מען דאָך דאָס ברויט מיט וווּרשט. דערנאָך צעלייגט מען זיך אויף דער שטעכיקער ערד פֿון דערנער און קאַקטוס און די אויגן זוכן צי עס פֿעלט נישט ווער. גיך צעשפּרייט זיך אַרום אַ געמיטלעכע שטילקייט ווי קיין זאַך וואָלט נישט פֿאָרגעקומען. עמיץ דערציילט שוין די חכמות פֿון זיינס אַ קינד, אַ צווייטער נעמט אַרויס אַ פֿאָטאָ פֿון אַ געליבט מיידל, שׂמחה דערמאָנט זיך אין גאָלדעלען און טראַכט — וויפֿל בריוו, בענקענישן און חלומות ביז זי וועט זיין זיינע? אים איז דאָך נאָך אַזוי ווייניק באַצאָלט געוואָרן פֿאַר אַזוי פֿיל יאָרן פֿון בענקשאַפֿט. אָט טראָגן צוויי סאַניטאַרן דורך אַ געהרגעטן בחור, זיין פּנים דוכט זיך שמייכלט, נאָר די בלוזע איז אויסגעטונקען אין בלוט. שטיל לעשט זיך דער טאָג, פֿון אונטער דער דאָרפֿישער הויכקייט ליגט אַ לאַנדשאַפֿט פֿון רויע שיינקייט. דער אָוונט וועקט בענקשאַפֿט. אַרום שמייכלט די וועלט וואָס האָט נאָר וואָס געפֿיבערט אין פּחד און טויט. בונ־טעוועט זיך שׂמחהס האַרץ קעגן טויט וואָס לויערט אויף זיין יונג לעבן, וואָס האָט זיך געטראָגן דורך אַזוי פֿיל געפֿאַרן און וואָגל. קומט די נאַכט מיט

אַן אָפּפּרישנדיק ווינטל און פאַרבלאָנדזשעטע שאָסן, און אַ באַפעל באַוועגט אַלעמען צו רוקן זיך צו דער נאָענטער הויכקייט. דער שׂונא אָבער ענטפערט מיט אַ געדיכטער שיסעריי. ווערט די מחנה צוטיילט, איינע אויף לינקס, די צווייטע אויף רעכטס, און אונטער דער דעקונג פוןביידע פליגל רוקט זיך אַ מיטעלע גרופּע פאָרויס. צעפלאַקערט זיך אַ מעכטיקע שיסעריי פון ביידע זייטן. די לופט ווערט צעריסן, עס צאַפּלט די ערד און שוידערט. עס האָגלט מיט שפּליטערס, מיט גראַנאַטן, און קללות. כ׳בין געטראָפן! שרייט אַ קול אין דער נאַכט אַריין. נאָך מיר, נאָך מיר! שרייען די אָפיצירן. מען פאַלט לויפנדיק און מען לויפט ווייטער. די לופט איז מיט קרעכצן, מיטן לעצטן ציטער פון לעבן. אָט ליגט אַ רוקזאַק, אַ נישט דערעסן שטיקל ברויט און אַ בריוו צו אַ מאַמען. די שיסעריי ווערט אָפּגעשוואַכט. אין מיטן געלויף זעט מען דורכפירן מצרישע געפאַנגענע. ערשט פאַרטאָג שטעלט זיך אָפּ דאָס פייער און דער געלויף פאָרויס. ערגעץ האָבן דיפּלאָמאַטן באַשלאָסן אַ פייער איבעררייס. צעלייגט מען די קעפּ איבערן עלנטן מדבר און מען חלומט וועגן סוף פון מלחמה, סוף פון פּחד און טויט.

אַרום איז אַ וויסטע פון טויזנט־יאָריקן אומעט. דאָ איז דאָס וויגעלע פון פאָלק געשטאַנען, וואָס איז פון דאַנען אַוועק אויף וואָגל, מאַרטירערטום און אינקוויזיציעס. אַוועק שענקען די פעלקער געטער און גלויבנס און באַקומען פון זיי אָפּגעצאָלט מיט שחיטהס. ליגט מען צעלייגט אונטער די ברענענדיקע זון און מען שפּינט חלומות וועגן שלום. אָבער ווו זענען די שלום געגנעראַלן וואָס זאָלן פירן צום זיג אויף דעם פראָנט פון שלום? פליסן טעג מיט מחשבות און שמועסן ביז עס באַווייזן זיך די לאַסט־אויטאָס און פירן זיי אַוועק ווידער דורך וויסטעס, פאַרלאָזטע דערפער פון חורבות, צווישן שטיין און ליים. אָט שטייגט אַרויס אַ טורעם פון אַ מעטשעט, דערנעבן אַן אָפּגעפליקטע פאַלמע. אַרום רויטלען זיך די סאַברע פרוכט. די מאַשינען קומען צו אַ פרישן בית־עולם. דאָ גרייט מען מיט כבוד צו באַגראָבן יונג איבערגעריסענע לעבנס. אַרום שטייען פאַרוויינטע עלטערן, שוועסטער און ברודער. צו ווען די מאַמעס טרייסטן די ווערטער פון הספד ביי די פרישע קברים פון זייערע זון? שטייט שׂמחה אין דער זעלנערישער רייע מיט דער

ביקס אין דער האַנט ביי אָפענע קברים. אין מיטן דער טויטער שטילקייט פליסן די ווערטער:

— זיי זענען שוין מער נישטאָ, אָבער נישט אומזיסט איז פאַרגאָסן געוואָרן זייער בלוט, עס וועט מקיום ווערן זייער שטרעבן, פון יעדן זייער טראָפּן בלוט וועט דער מדבר דערוואַכן און אויפלעבן. דאָס זאָל זיין דער טרייסט. יתגדל ויתקדש זאָל זיין זייער גייסט.

זאָל דאָס זיין די לעצטע מלחמה, דער שלום ווי אַ גאָלדענער באַגינען זאָל באַהויכן דאָס לאַנד מיט יוגנט און געזאַנג. מיט די געדאַנקען קומט שׂמחה אָן מיט זיין אָפּטיילונג אין דער מיליטערישער מחנה ביי דער אַלטער שטאָט פון חומש, וואָס האָט אַמאָל אין די חדר יאָרן זיך אים געמאָלט אין זיין פאַנטאַזיע. אין מיטן גרויסן מדבר שטייט זי מיט אירע שמאָלע געסלעך פון אַלטע אַראַבישע הייזלעך, אַרום אַ מאַרק. מיט יידן פון פאַרשידענע לענדער. אַנטלאָפענע פון פייערן, געראַטעוועטע פון האַס און פון גאַז. פון סיבירער פרעסט און געדיכטע וועלדער. געקומען אַהער מיטן ביסל לאַכעס און צרות, אָנצוהייבן אין דער שטאָט פון די עלטער זיידעס אַ לעבן פון דאָס ניי. באַזעצן זיי זיך אין די פאַרלאָזטע אַראַבישע דירות פון שמוץ און פליי, עפענען אַ געוועלבל, אַ שוסטער־וואַרקשטאַטל אָדער נעמען האַנדלען מיט גרינס. מישט זיך זייער גאַליציאַנער פויליש מיט יאַסער רומעניש און טשערנאָוויצער דייטש. אין דער שטאָט פון אברהם־אבינו בריט די זון און די נייע עולים געברענגטע פון גרויסע אויטאָס, קוקן זיך אַרום פאַרדעכטיק און פרעגן בייגעריק — איז נאָך ווייט פון דאַנען קיין תל־אביב? אַנדערע ווילן נישט אַראָפּ פון די אויטאָס. אַ קאָזאַצקע ווייבל שרייט צום פאָרשטייער פון סוכנות:

— ווו אַהין האָט איר אונדז פאַרפירט אין אַזאַ העק?

— דאָ ווען מיר — שרייט אַ צווייטע — אויסגיין פון הונגער.

אין אַ זייט שמייכלט אַ בחור פון מאַראָקאָ צו אַ חניוודיק ווייבל פון פוילן, זי קוקט אויף זיינע ווייסע ציין און טראַכט — צו וואָס זיך צוגעאיילט חתונה האָבן מיט מיין אַלטן מאַן? געמיינט אַז ס׳זענען שוין אויף דער וועלט נישטאָ קיין יידישע מענער. אַ ייד באַדויערט וואָס ער האָט אַזש פון טשקאַלאָוו געשלעפּט אַהער זיין אַלט רוסיש ווייב, וואָס וועט ער דאָ טאָן מיט איר?

אויפֿן מאַרק, אַרום די נײַע סטראַגאַנעס, דרייט זיך אַרום אַ בעדואינער וואָס דערציילט אַז ער איז דער 42טער זון פֿון זײַן טאַטנס דעם שייך׳ס 39טע ווײַב. די בעסערע אַראַבישע הײַזער זענען באַזעצט מיט מלוכה אינ־סטיטוציעס, בענק, הסתדרות און סוכנות. זיצן דאָ פֿריש געבאַקענע פּקידים מיט פּאַריסענע נעז, געקומען אַהער פֿון תּל־אָבֿיבֿ צו פֿאַרזאָרגן די נײַע עולים. זיצט צווישן זיי אַ בכּבֿודיק יידל, שטאַרק פֿון זיך צופֿרידן, ווייסט זײַן וויכטיקייט, אַז אַן אים קען מען זיך נישט באַגיין. ער ווייסט אויך אַז דאָס לאַנד נויטיקט זיך אין עולים, מען טאָר זיי אָבער נישט פּיעשטשען, מען דאַרף צו זיי זײַן שטרענג. ער איז דאָך געקומען אַהער ווי אַן אידעאַליסט און זיי, ווײַל זיי האָבן נישט קיין ברירה. איז וואָס קומען זיי מיט טענות? ווער האָט דען געשיקט נאָך זיי? אונדזער פֿאַרזאָרגער האָט גענוג אייגענע דאגות. שוין דרײַסיק יאָר וואָס ער באַדויערט פֿאַרוואָס ער האָט חתונה געהאַט מיט זײַן ווײַב, האָט שוין פֿון איר אויסגעגעבענע קינדער, נאָר ס׳איז אים שוין לאַנג נמאס אָט די ליימענע נשמה וואָס ווייסט נאָר ווי אַזוי אויס־צוגעבן געלט. דערפֿאַר ליגט אים אַלץ אין זינען יענע געשמאַקע עולה פֿון רומעניע. וואָס האָט ער דען נישט געטאָן פֿאַר איר? געריעדט צו איר אַזוי אײדל, באַזאָרגט מיט די בעסטע דירה. זענען אָבער אַזעלכע ווײַבלעך נישט דאַנקבאַר, און אַז ער האָט זי געבעטן זי זאָל צו אים קומען אין אָוונט, האָט זי אים געענטפֿערט, אַז זי קען אים שיקן איר מאַן. אַזעלכע זענען עס די נײַע עולים. זיי מיינען אַז מיט זייער קומען אין לאַנד טוען זיי וועמען אַ טובֿה, אַז עס קומט זיי דאָס טעלערל פֿון הימל.

אין אַ פּאָר טעג אַרום באַקומט שׂמחה פֿון דער אַרמיי אַן אורלויב אויף אַ פּאָר חדשים. קערט ער זיך צוריק קיין תּל־אָבֿיבֿ, צו דודן מיט זײַן פֿאַמיליע, צו זײַן צײַטווײַליקער היים. דאָ וואַרט שוין אויף אים אַ בריוו פֿון גאָלדעלען צו וועלכן ער כאַפּט זיך גיריק לייענען.

טײַערער שׂמחה,

איך דאַנק דיר פֿאַר דײַן גיכן און האַרציקן בריוו וואָס האָט מיך אמתדיק דערפֿרייט. איז מיר גוט וואָס כ׳פֿאַרמאָג וועמען אויף אָט דער קאַלטער פֿרעמדער וועלט. כ׳בין זיך מודה אַז נאָך אונדזער צעשיידונג פֿיל איך איצט

ווי שטאַרק דו פעלסט מיר. לעב איך דאָ אין מיין איינזאַמקייט מיט דער איינציקער האָפענונג אין קורצן צו זיין מיט דיר צוזאַמען. איך האָב דאָך ווייניק געלעבט, כאָטש אַסך דורכגעלעבט, און דאָס, גאָר נישט קיין פריילעכס. דעריבער זענען מיר אַזוי טייער אונדזערע געמיינזאַמע טעג אין פּאַריז, אויך יענע אונדזערע אַמאַליקע שפּאַצירן אין וואַרשע ליגן מיר נאָך טיף אין זכרון. דו שרייבסט וועגן גרויסע און קליינע ליבע, איך ווייס נאָך אַלץ נישט וואָס הייסט אַזוינס ליבע? איך ווייס בלויז אַז ווען עס נעמט מיר ווי טאָן די איינזאַמקייט, באַדויער איך וואָס כ׳האָב נישט קיין פליגל, צו דיר צו פליִען. בלויז די מאָלעריי האַלט מיך נאָך דאָ אין פּאַריז. איך לערן און מאָל, אויך פּאַרקויפט שוין צוויי בילדלעך. איך גרייט אויך דאָ אַן אויסשטעלונג פון געטאָ און אומקום און בין דערמיט אין גאַנצן פאַרטאָן. איך חלום וועגן אַזאַ אויסשטעלונג אין ישראל, דאָרט איז דאָך דאָס ריכטיקע אָרט פאַר דעם. אָבער דערווייל האָט ישראל גאַנץ אַנדערע דאגות. בין איך טאַקע אַזוי אומרואיק מיט דעם וואָס עס קומט ביי איך פאָר. אָפט באַפאַלט מיך אַ צווייפל, — צו מעג איך דאָ רואיק זיצן ווען ביי איך גיסט זיך יונג יידיש בלוט? מיט וויפל בלוט און טויט דאַרף אונדזער פאָלק נאָך באַצאָלן צו האָבן דאָס רעכט אויף אַ ביסל לעבן? איז נישט ווייניק אָנגעזאַלצן אויף מיין נשמה מיט עגמת נפש וועגן דיר. כאָטש דו שרייבסט עס נישט, ווייס איך דאָך אַז אויך דו ביסט אויפן פראָנט. שרייב זשע מיר דעם גאַנצן אמת, איך וואַרט מיט אומגעדולד אויף דיין בריוו און בעט גאָט אויף שלום. איך ווייס נישט צו כ׳וועל לאַנג קענען דאָ איינזיצן כאָטש איך לערן דאָ זייער אַסך, כ׳האָב זעט אויס זיך אַליין גאָר ווייניק געקענט. נישט פאַרגעשטעלט זיך אַז כ׳וועל אַזוי שטאַרק בענקען. בלייב זשע געזונט און גרוס אונדזערע גוטע און געטרייע פריינד דודן מיט זיין משפּחה.

דיין גאָלדעלע

נאָך אָט דעם קורצן בריוו וואָס זאָגט אים אַזוי פיל, ווו עס הערט זיך צום ערשטן מאָל פון איר גאָר אַנדערע רייד, פון ליבע און בענקשאַפט, ווערט אים גאָלדעלע נאָך טייערער. ווייסט שמחה אַז ער איז מער נישט איינזאַם, אַז ער האָט וועמען אויף דער וועלט, וואָס איז אים אויך געטריי

און בענקט נאָך אים, אַז אויך זי האָט אים ליב. איז דאָך דאָס געווען זיין גרעסטער חלום, איז אים געבליבן נאָר דערגרייכן זי צו האָבן נעבן זיך. נאָר דערווייל איז אים גוט דער געפיל אַז ער לעבט פאַר װעמען.

שׂמחה לעבט אָבער אין לאַנד וואָס צווישן מלחמה און שלום ראַנגלט זיך פאַר אַריינברענגען און איינאָרדנען נייע עולים, פאַר באַזעצן די וויסטעס, פאַר אַרבעט און וווינונגען, פאַר ברויט און וואַסער, מיט פּראָבלעמען פון עדות און שפּראַכן און דערביי טאָפּטשעט זיך דאָס לאַנד אין פּאַרטיי גע־מויזעכץ, אינטריגעס, וואַל־מאַכינאַציעס, שפּאַלטונגען, קאָאַליציעס און ביוראָקראַטיע־טעמפּקייט. די „וויכטיקע״ מענער זוכן כבוד און קאַריערע און די „קליינע מענטשעלעך״ האָבן אייגענע דאגות — זוכן אַרבעט, פּרנסה, דאַרפן חתונה מאַכן אַ טאָכטער, אַ בר מצוה פאַר אַ זון. דרייט זיך שׂמחה אַרום אין דער אָרימער שכונה פון אַלטע וותיקים און נייע עולים. צווישן אַרבעטס מענטשן וועמען דער פרימאָרגן טרייבט צו דער אַרבעט און די מידקייט טרייבט פרי צום שלאָף. זייערע ווייבער פאַרפּאָרעט ביים געבוירן און האָדעווען קינדער, ביי קאָכן, וואַשן און זאָרגן. זייער יעדער טאָג איז ענליך צום צווייטן. נאָר די איינציקע מיט זייער ביסל אַנדערשקייט זענען אַ טעמע פאַר ווייבערישע צינגער, ווי אַזאַ רב איציק, אַ ייד וועמען עס האָט צוגעשפּילט דאָס גליק. כאָטש זיין ווייב זאָגט אַז דאָס איז אין איר מזל, וויל צו דער חתונה האָט ער מער נישט פאַרמאָגט ווי אַ פּאָר פאַרלאַטעוועטע הויזן. איצט איז ער אַ באַלעבאָס איבער אַ פאַבריקל. האָט מען אויך אַ דינסט, אַ יונגע אלמנה, כאָטש אַ פּוילע, אָבער מיט אַ גוט האַרץ. אַז די באַלעבאָסטע וואָס איז שטענדיק ברוגז מיטן מאַן דאַרף פון אים עפּעס בעט זי ביי דער דינסט:

— שׂרה לעבן איך בעט דיר זאָלסט זאָגן איציקן אַז כ׳דאַרף אַ פּאָר גילדן, דו קענסט דאָך ביי אים אַלץ פּויעלן, דיר זאָגט ער גאָר נישט אָפּ.

שׂרהלע קען טאַקע ביי אים אַלץ פּועלן, פאַר איר איז ער מיט גאָר נישט קאַרג. אויך נישט קאַרג זי צו קושן און דריקן ביז זי בעט זיך ביי אים:

— גענוג די איציקל, דיין אַלטער גייען דאָך אַרויס די אויגן, וועסט צייט האָבן, זי גייט באַלד אַוועק די מכשפה.

צו אַ גרושה קומט אויך איר געגטער מאַן. פאַרן גט געווען זיך

שונאים. נאָכן גט איז ער גלייך געקומען מיט אַ תירוץ, עפּעס פּאַרגעסן, אָדער סתם עפּעס פרעגן און איצט קושט מען זיך ווי אַ פאַרליבט פּאָרל. וווינט דאָ אויך אַ רומעניש ווייבל אַן אַלמנה. באַלעבאַטיש און רעליגיעז אָבער מאָדערן, מיט אַ טאָכטער אַ סטודענטקע. שדכנען זיך צו דער אלמנה צוויי מענער, נאָר זי וועט חתונה האָבן נאָר מיטן רעליגיעזן אַלמן, אַ גוט איינגעאָרדנטער מיט אַ דירה און מיט געלט, דערצו אַ סטאַטעטשנער. שוין חדשים ווי ער שדכנט זיך, האָט ער נאָך זי נישט אָנגערירט מיט אַ האַנט. אַוודאי וועט זי נישט חתונה האָבן מיטן צווייטן, וואָס אַז ער קומט, מוז זי גלייך פאַרהענגען די פענצטער, עס העלפט דען וואָס זי בעט אים — אַז עס פּאַסט נישט. נו אַז זי וועט אים נישט דערלויבן איז וואָס? וועט ער קריכן צו אַ צווייטער. ביז דער חופה מעג זי דאָך. דער גלאַסענער פקיד איילט זיך טאָקע מיט אַ חופה, אָבער זי האָט צייט, ער וועט נישט אַנטלויפן. מיטן צווייטן וועט זי דאָך נישט חתונה האָבן, אַזוי אַ גוטער פריינד. און אַז אים וועט זיך פאַרגלוסטן טרעפן מיט איר נאָך דער חתונה וועט זי דען זיין מיט אים ברוגז? זי האָט גאָר אַנדערע זאָרגן מיט איר איינציקע טאָכטער, די סטודענטקע, וואָס שלעפּט זיך אַרום גאַנצע נעכט מיט אַ סטודענט, אַ רייך זונדל, וואָס טראַכט אָבער נישט מיט איר חתונה צו האָבן, ציטערט איר מאַמעס האַרץ זי זאָל נישט חלילה אַהיימברענגען אַ בויך.

נאָכן דריטן טאָג חמסין האָט אַ לינד ווינטל זיך צעבלאָזן איבער דער אָרימער שכונה. איבער די געסלעך שוועבט דער שבת. פון דער שכונותדיקער שול טראָגט זיך אַ ספרדישע תפילה. צווישן די איינשטאָקיגע הייזער הייבן זיך אַרויס איינציקע צוויי און דריישטאָקיגע. אויף באַלקאָנען ליגן צעשפּרייט אויף טישן שבתדיקע פרוכט פאַר געסט, אויף אַן אַנדערן שפּילט מען אין קאָרטן. אויף אַ דריטן רעדן ווייבער וועגן פאַרגאַנגענע צייטן. צומאָרגנס קומט די וואָכיקייט מיטן געיעג נאָך פרנסה. אין שפּייז געוועלבל קריכט אַ יידענע מיט אירע הענט אין פאַס זויערע אוגערקעס. ביי אַ טויער קוקט אַ זקן מיט נייגעריקע אויגן אין דער גאַס אַריין, ווי ער וואָלט מיט די טויבע אויערן דערהערן די נייעסן פון טאָג. צווישן די אָרעמע הייזלעך און היל־צערנע צריפים דרייט זיך אַרום אַ קליין פאַרשווינדל מיט אַ גרויסע טעקע אין האַנד. ער הוידעט זיך אויף זיינע צוויי אויסגעדאַרטע פיס ווי שטעקעלעך,

וואָס שטאַרן אַרויס פון די קורצע האָקי־הויזן. דאָס איז פּינטשע דער פּאַרטיי סעקרעטאַר פון דער שכונה. ער טראָגט אויף זיין פּנים אַ לינדן שמייכל, קאַרגט קיינעם נישט קיין צוזאָג, רוימט איין אַ סוד און שענקט יעדן אַ טרייסט:

— זאָרג נישט חבר עס וועט אַלץ גוט זיין, מיר פאַרמאָגן דאָך ביי דער מאַכט אַ גרויסן מענטש, אַ קלוגן פירער וואָס ווייסט וואָס ער טוט.

ווייסט אָבער שׂמחה אַז די דעמאָקראַטישע פירער וואָס האָבן פיינט דיקטאַטור און דיקטאַטאָרן האָבן אויך פיינט זיך צו רעכענען מיט אַ צווייטנס מיינונג, און ווילן אַז זייער פּאַרטיי און דאָס גאַנצע לאַנד זאָל זיך דעמאָקראַ־טיש אונטערוואַרפן זיין ווילן און זייערע קאַפּריזן.

די אָרעמע שכונה פאַרמאָגט אויך אַן אייגענעם רב, וואָס איז דווקא גאָר נישט אָרעם. זעט אויס אַז די שומרים איבער די היילִיקייטן פון הימל האָבן אויך גאָר נישט פיינט אַביסל ערדישע אייגנטום. די רעליגיע לייגט איין דעם לאַנד דעם שטעמפּל אויף אַלץ און אַלעמען, אַנשטאָט צו באַזאָרגן זיך מיט עולם הבא פאַרנעמט זי זיך מיט עולם הזהדיקע פּאָליטיק, מיט פּאַרטיי אינטריגעס און פינאַנסיעלע אָפּעראַציעס. טרעפט מען זיי טאַקע מיט קעפּע־לעך אויף די קעפּ אויף גאַנץ באַקוועמע און גוט באַצאָלטע פּאָסטנס. אָבער אויך די וואָס זענען נישט רעליגיעז מיינען, — ווי עס זאָגט עס איינער ביים קאָרטן שפּילן אויף די וועראַנדע:

— איך זאָג אייך אַז פאַר אַן אָרעמאַן איז רעליגיע אַ נוצליכע זאַך. אָט קענט איר דאָך אַלע ר׳ יונה שעפּס. אַ גאַנצע וואָך איז דער ייד נעבעך ביטער פאַרהאָרעוועט, שלעפּט אויפן בנין ברעטער, אייזנס, אָדער פולע טאַטשקעס מיט בעטאָן. פון אַלע יאָרן אַ שוואַרצער אַרבעטער, קלעקט אים קוים די חלה אויף אַ מוציא. וואָס זאָל אַ ייד טאָן אַז עס גייט אים נישט? עסט מען נישט קיין פּלעצלעך מיט פּוטער. דערפאַר אַז עס קומט אַ פרייטיק־צונאַכטס ברענען ביי אים אין שטוב די שבת־ליכט און ביים טיש זיצט רב יונה ווי אַ מלך, נעבן אים זיין פאַרהויקערט ווייב און צוויי אַלט פאַרזע־סענע קרענקליכע טעכטער און מען קוויקט זיך מיט די געפילטע פיש און מען לעקט די פינגער פון די לאָקשן. און ווער שמועסט נאָך אַז רב יונה נעמט זינגען זמירות — איז ראָטשילדן נישט אַזוי גוט ווי אים. דאָס האַרץ

קוועלט אים וואָס משה האָט די יידן אַמאָל אַרויסגעפירט פון מצרים און געטאָן פאַר זיי נסים. אים פרייט וואָס היטלער האָט איינגענומען אַ מיתה משונה און וואָס די אַראַבער האָבן געהאַט המונס מפלה. נו פרעג איך אייך, איז רעליגיע נישט קיין נוצליכע זאַך פאַר קיין אָרעמאַן?

אין אַ הילצערנעם צריף וווינט אַ משפחה פון ותיקים. דער פאָטער אַרבעט שווער ביי אינסטאַליזאַציע און די מאַמע פאָרעט זיך אַרום אירע צוויי דערוואַקסענע בנים, גרייט זיי אונטערצוטראָגן דאָס טעלערל פון הימל. אַ וווּנדער, אַז מען פאַרמאָגט אַזעלכע צוויי געראָטענע זין, קען זי זיך נישט אָנקוועלן פון זייער חכמה און זייער וויסן. אין דער שולע האָבן זיי טאַקע נישט געוואָלט זיך לערנען דערפאַר זענען זיי גרויסע ספּעציאַליסטן אויף פוטבאָל, כאָטש אַליין שפּילן זיי נישט, קענען זיי אָבער אַלע געזעצן, ווי אַזוי צו קאָפּען דעם באָל. זיי קענען די נעמען פון אַלע מאַנשאַפטן און די לעצטע נייעסן, וועלכע מאַנשאַפט און וויפל גאָלן איינע האָט אַריינגעקלאַפּט דער צווייטער. און גאַנצע טעג גייט צווישן ביידע ברודער אָן אַ שפּאַרעניש, וועלכע מאַנשאַפט איז בעסער. און אַז דער פאַרהאָרעוועטער טאַטע דערמאַנט אַמאָל זיינע געראָטענע זון אַז מען דאַרף אַ טראַכט טאָן וועגן אַרבעטן, בלייבן ביידע זון אין אַ ברוגזן שווייגן, נאָר די מאַמע נעמט זיך גלייך אָן זייער קריוודע און שרייט צו איר מאַן:

— וואָס ווילסטו זיי זאָלן ווערן אַזעלכע חמורים ווי דו? מיינע זון וועלן קיין פּראָסטע אַרבעטער נישט זיין!

מיט קינאה קוקט די אָרימע שכונה צו די רייכע גאַסן און גאַרט נאָך אַ ביסעלע מזל. אָט דוכט זיך אַז זי איז דאָ. נאָר צו מזל דאַרף מען אויך מזל. איז געקומען אַ ברודער אַ מיליאָנער פון אַמעריקא צו זיין אָרעמער שוועס־טער. פאַרפאָרן גלייך צו איר, נישט צו פּטרן קיין געלט אויף האָטעלן. און וואָס טויג אים רייכע רעסטאָראַנען, אַז סיי ווי איז ער אַ וועגעטעריאַנער און עסט נישט קיין פליש און קיין פיש, כאָטש הערינג עסט ער, אויב עס איז נאָר וואָלוול. בכלל באַנוגנט עך זיך מיט ברויט און ציבל און אַמאָל אַ לוקסוס, אַ טאָמאַטע. אַלס אָרעם יונגל האָט אַ פעטער אים אַראָפּגענומען פון קליינעם שטעטל קיין אַמעריקע און וויפל ער האָט דאָרט נישט פאַרדינט האָט ער אַליין זיך נישט געקענט אָפּזאָגן פון זיינע קבצנישע געוווינהייטן.

די קאַרגשאַפט האָט אים טאַקע דיקטירט ער זאָל דאָרט קויפן אין אַ פּאַר־לאָזטן געגנט אַ ביליקן פּלאַץ, צו בויען זיך אַן אייגענע דירה, נישט דאַרפן צאָלן קיין הויכע דירה־געלט. האָט אין זיין מזל דער געגנט זיך גענומען גיך בויען און דער פּרייז פון זיין פּלאַץ איז מיט אַמאָל גאָר הויך אַרויף. האָט דאָס אים אויסגעלערנט צו קויפן אַנדערע וואַלוועלע פּלעצער אין פאַרוואָרפענע געגנטן, דאָס מזל האָט גענומען אים שפּילן, און דער נעבעכדיקער קבצן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מיליאָנער. נאָר די נשמה איז ביי אים אַלץ געבליבן אַ קבצנישע, פאַרגינט זיך נישט צו עסן, נישט צו האָבן קיין ווייב און קיין קינדער. חוץ דער קבצנישקייט איז ער געבליבן אויך געטריי דעם סאָציאַליזם מיט וועלכן ער האָט זיך אָנגעשטעקט פון דער קליין שטעטלדיקער אָרעמקייט. ליגט אים די פילאָזאָפיע פון אָרעמקייט ממש אין בלוט, ער איז אָבער מער געטריי דאָס טשעק ביכל וואָס ליגט אין זיין בוזעם קעשענע. און אַז דער מיליאָנער פאָרט צוריק קיין אַמעריקע לאָזט ער איבער זיין שוועסטער אַ מתנה אַ פּאָר דאַמען זאָקן.

אויך צו אַנדערע מיליאָנערן האָט די שכונה נישט קיין מזל. אָט האָבן די צייטונגען ברייט צעשמירט אַ סענסאַציע וועגן אַ מיליאָנען ירושה, וואָס עפּעס אַ קאַנאַדישע אלמנה אָן קינדער זאָל האָבן איבערגעלאָזט פאַר אירס אַן אָרימען קרוב, אויך אַן אלמן, אָבער מיט דריי קינדער, פון אָט דער שכונה. אַוודאי האָבן זיך באַלד געפונען יידן מיט די זעלבע פאַמיליע נעמען, וואָס האָבן זיך אויך דערקלערט פאַר שטיקלעך קרובים, שותפים צו דער ירושה, גענומען לויפן צו אַדוואָקאַטן, אָבער נאָר ביי אים, דעם אמתן יורש פון די מיליאָנען, האָט נישט גערוט די טיר. געקומען זשורנאַליסטן נאָך סענסאַציעס, פון צדקה חברות נאָך פעטע תרומות פאַר ישיבות, נישט אויסגעענדיקטע שילן, מעקלער האָבן אָנגעשלאָגן צו קויפן מגרשים, און שדכנים גאָלדענע שידוכים. אָבער ער, אַ גאַנץ לעבן פון קיינעם נישט באַמערקט, אומבאַקאַנטער שניידער, וועגן וועמען עס רעדט איצט די גאַנצע וועלט, האָט זיך נישט געאיילט צו טיילן נדבות, נישט צו מאַכן ביזנעס, דערפאַר האָט ער גיך זיך צוגעאיילט חתונה צו האָבן מיט אַ יונג־שיינע אַלמנה וועמען עס האָט געלאָקט די רייכע ירושה. ערשט נאָך דער חתונה, נאָכן באַוואָרפן די קאַנאַ־דישע אַדוואָקאַטן מיט בריוו און טעלעגראַמעס, איז פון דאָרט געקומען אַן

ענטפּער אַז אין קאַנאַדע איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן קיין מיליאָנערקע מיט דעם נאָמען, נישט געשטאָרבן און נישט איבערגעלאָזט קיין מיליאָנען. זענען טאָקע אַסך געבליבן מיט צערונענע חלומות, די צייטונגען האָבן פאַר־לוירן אַ סענסאַציע, אָבער מער פון אַלעמען איז געבליבן אַנטוישט די שיינע אַלמנה וואָס האָט זיך צוגעאײַלט חתונה צו האָבן מיט דעם אָרימען שניידער מיט דריי קינדער.

צווישן רכילות, געשיכטעס, טראָגן זיך לעגענדעס פון אַ וואָר. פון גע־וואַגטע טאַטן קעגן דער ענגלישער מאַכט, פון אומלעגאַלן אַרײַנברענגען נײַע עולים, לעגענדעס פון אַ קעמפנדיקע יוגנט, פון גבורה פון פּלמ״ח, אצ״ל או לח״י. די לערערקע שושנה איז אַליין אַ לעגענדע, אַ ליכטיק גע־שטאַלט וואָס גייט אָנגעלענט אויף אַ הילצערנע קוליע, זי האָט אַ דורכגעשאָ־נעם פוס פון אַ קויל וואָס זי האָט באַקומען ביי אַן אַקציע פון דער הגנה. זי פאָדערט דערפאַר פון קיינעם נישט קיין דאַנק, קיין לויב און קיין באַלוי־נונג, נאָר שפּרייט אַרום זיך ליבע צום לאַנד, צו יעדן קינד, צום מענטש, מיט אַ חניוודיקער גוטסקייט וואָס שטראַלט אַראָפּ פון איר קינדיש מיידל פּנים.

שׂמחה לעכצט מיט די אויגן אַרײַנקריכן אין לעבן, פירן אים די פיס אַוועק קיין יפו, צו די פאַרלאָזטע שמוציקע אַראַבישע הייזלעך, באַוווינט איצט מיט יידן פון פּוילן, רומעניע, בולגאַריע, אונגאַרן און מאַראָקאָ. מענטשן ווי איבערגעפלאַנצטע ביימער זוכן זיך צו פאַרוואָרצלען אין דער ערד און דוכט זיך הענגען נאָך אַלץ אין דער לופטן. טראָגן נאָך דעם אַנצוג פון לאָדזש און פון יאַס, וואָס פּאַסט עפּעס גאָר נישט צו די אויסגעביסענע שטיינער פון די אַראַבישע ווענט. אויף אַ פּאָר געסלעך, פון אונטער פאַרדעקטע פענצטער, אויף די נידריקע בענקלעך פון די אַראַבישע קאַפעען קוקן עלטערע אַראַבישע אויגן שטום אויף די פרעמדע, וואָס האָבן זיך מיט רעש אַרײַנ־געריסן אין זייערע גאַסן, שטובן, מיט זייער אַנדערשקייט, זיי קוקן אויף די ווייבער מיט נישט פאַרדעקטע פנימער, אויף די נאַקעט נישט פאַרדעקטע פיס פון יידישע טעכטער, רויכערן די נאַרגילעס און חלומען.

אַ צווייייט מאָל לאָזט זיך שׂמחה צו דער רייכער דיזענגאָף גאַס. אַרום דעם פאָנטאַן וואָס שפּריצט מיט וואַסער, זיצן אויף בענק אַלטע ווייבער און

שטריקן, מאַמעס מיט קליינע קינדער, אלמנות וואָס לאַנגווייליקן זיך. איבער די געשעפטן רופן די רעקלאַמעס צו טרינקען ביר, קאַפע, אָדער רויכערן נאָר פון דער באַרימטסטער פירמע. דער טראָטואַר ביי די קאַפעען איז אַ גאַנצן טאָג באַזעצט מיט ווייבער אויף שטולן, זיי גענעצן און דערציילן רכילות. אַ בחור איז מכבד זיין מיידל מיט אייז קרעם און אַ צווייטער, נאָר מיט אַ קוש. זיצט אַ באָבע מיט געפאַרבטע ליפּן, הויך פּאַרוקט דאָס קליידל פון וועלכע עס קוקן אַרויס אַ פּאָר דאַרע פיס. אַ שוואַרצער בחור מיט אַ ציגן בערדל דריקט צו זיך ביי אַ פלעשל זיסן געטראַנק זיין בלאָנד מיידל. קעגן איבער בויט מען אַ הויז, אויפן פיגום טינקעווען אויסגעשמירטע אַרבעטער די ווענט. איבער דער גאַס שפּאַצירן פּאַרליבטע פּאָרלעך, ווייבלעך מיט געפאַרבטע ליפּן. שמחה טרעפט דאָ אַ באַקאַנטן עלטערן בחור פון דעם פּליטים-לאַגער אונטער מינכן. דאָרט האָט ער זיך געריסן צו פאָרן וואָס גיכער קיין ישׂראל. דאָ שוין זיך באַוויזן צו אַנטוישן, איז איינזאַם און פרעמד. אַלס בחור באַקומט ער נישט קיין דירה, צו דינגען האָט ער נישט קיין געלט, צו שווערע אַרבעט צו שוואַך, לייכטע קען ער נישט באַקומען, מען דאַרף האָבן פּראָטעקציע. בלייבט אים נאָר צו זוכן אַ מעגליכקייט פון דאַנען צו אַנטלויפן.

אַלץ וואָס שׂמחה הערט און זעט אַרום זיך, אַלץ וואָס ער טראַכט, בעטן ביי אים די ווייסע בויגנס ער זאָל דאָס דערציילן. אפשר וועקט דער הייסער קלימאַט דעם הייסן ווילן צו שרייבן? אָבער פאַר וועמען זאָל ער שרייבן, וועמען גייט עס היינט אָן ווו עס האָט אויסגעזעען און געלעבט עפּעס אַ ראַמעאָ וואָס האָט געזונגען ליבע-סערענאַדעס צו אַ דזשוליעטן? איז פאַר וועמען זיך גריבלען אין מענטשליכע נשמות מיט זיינע קליינע פריידן, ביליקע ליבע און דראָבנע עבירהלעך? צו וואָס דערלאַנגען דעם לייענער קלוגע דיאַלאָגן, רייכע געדאַנקען, חכמה, צו לערנען ווי בעסער מאַכן די וועלט. אָבער ווער וויל דען היינט טראַכטן, אַנשטרענגען דעם מוח? פאַרן היינטיקן מענטש איז גענוג צו הערן די לעצטע נייעס און וואַרפן אפשר אַ בליק אין אַ קורצע צייטונגס נאָטיץ. דאָס בעסער מאַכן די וועלט לאָזט ער איבער פאַר גוט באַצאָלטע פּאַרטיי-מנהיגים, פאַר די רעגירער און הערשער. און ווער זאָגט דאָס אַז צום הערשן דאַרף מען האָבן שׂכל? ווען די

פירער וואָלטן געוועזן חכמים וואָלטן זיי דאָך נישט באַגאַנגען אַזוי פיל נאַריש־קייטן, וואָלט דאָך די וועלט זיך נישט געוואַקלט אין קדחות פאַר פּחד און נישט געבאָדן זיך אין בלוט. די הערשער האָבן אַסך בילינקערס צו טאָן ווי צו פאַרנעמען זיך מיט חכמה. אומזיסט רופן עס די ליטעראַטור קריטיקער צו שאַפן אַ לייטישן, פּאָזיטיוון העלד, וואָס זאָל דינען פאַר אַ ביישפּיל. אפשר גאָר אויסמאָלן אַן אידעאַליסט, עפּעס אַ געטרייען קיבוצניק, אַ חלוץ, אַ גוטן פּאַטריאָט? אָבער ווי זענען עס די פּאָזיטיווע מענטשן? אין יעדן דרעמלט דאָך אַ ביסל עגאָיזם, אַ ביסל פאַשקייט, געקינצלטקייט, יעדער ציט דאָך פון צייט צו צייט אַרויף אויף זיין פּנים אַ מאַסקע. און אַוודאי איז אַ קלענער פאַרגעניגן צו באַשרייבן די זשוליקעס, וואָס אַזעלכע פעלן גאָר נישט, אַפילו ווען זיי טראָגן אויף זיך אינטעליגענטע פּנימער. צו האָט דען אַ שרייבער שוין ריכטיק אַנטדעקט אַט דאָס באַשעפעניש וואָס רופט זיך — מענטש? זיי האָבן אָנגעטאָן אויף זיך קליידער נישט ווי דער תנ״ך וויל, ווייל זיי האָבן זיך געשעמט צו זיין נאַקעט, אויך נישט ווייל זיי האָבן געוואָלט זיך פּוצן און קאָקעטירן פאַרן צווייטן מין, נאָר פּשוט צו פאַרדעקן דאָס חיהשע. ערשט היטלער האָט דעם מענטש אין גאַנצן אויסגעטאָן פון דעם מענטשליכן און געוויזן אין אים די נאַקעטע חיה. דאָך טרייבט עפּעס שׂמחהן צום שרייבן, צו זוכן יענע פלאַמיקע ווערטער וואָס זאָלן ווי אַן אַלאַרם־גלאָק, אַרויס פון זיין טיפעניש, וועקן און רופן צו אַן אַנדער, צו אַ געשמאַק, פריידיק און זאַפטיק לעבן. זוכט ער ווערטער וואָס זאָלן צינדן אַ באַגער צו אמתער פרייהייט, אַ נישט געפּעלשטע, אָן ליגנס, אָן צביעות, נישט צו פאַרלירן די מענטשליכקייט אין מיטן אַט דער וועלט פון געמיינקייט, גייסטיקער פּוסט־קייט און גייסטיקער אימפּאָטענץ, ווערטער וואָס זאָלן אויפציטערן אַפילו לעבעדיקע מתים, ווערטער נישט קיין באַפּוצטע, נישט צו פאַרשמינקעווען דיווירקליכקייט, נישט געבאָדענע אין אָדעקאָלאָן, נאָר וואָס זאָלן אויסשרייען דעם אמת פון לעבן. אָ, שענק אים גאָט די ריכטיקע דערצו ווערטער!

שׂמחה שרייבט אָבער אַלץ אין יידיש. די שפּראַך וואָס האָט באַגלייט זיין יוגנט מיט פרייד און ליבע, אין וועלכע אַ יוגנט האָט אויסגעחלומט אירע שענסטע חלומות, אין איר געשושקעט די ליבסטע ווערטער אין די אויערן פון זייערע געליבטסטע, די שפּראַך וואָס האָט באַגלייט זיין פאָלק אין די

שרעקליכסטע פּיינען, צו אַלע משונהדיקע טויטן. אין יידיש האָבן זיי געשיקט זייער לעצטע קללה די מערדער. אָבער דאָ אין יידישן לאַנד איז אויך יידיש לשון באַליידיקט, נישט געוווּנשן. אַ מין שטיף־טאָכטער, יעדן טאָג זאָגט מען איר אָפּ דאָס לעבן, אָט שטאַרבט זי, גוססט, כאָטש זי קלינגט נאָך אַלץ אַזוי לעבעדיק. אַפילו אירע קעגנער לעכצן צו הערן אַ יידישן וויץ, אַ יידיש ליד, יידיש טעאַטער. אָבער אַפילו די וואָס האָבן ליב יידיש פרעגן מי איראָניע:

— וואָס, אפשר זאָל מען די תימנער און מאַראָקאַנער יידן לערנען רעדן יידיש?

איין פאָלק איין שפּראַך, טענהן די ציוניסטן, מען דאַרף רעדן נאָר עברית, כאָטש אַליין רעדן זיי מיט זייערע מאַמעס און ווייבער יידיש. צו קען מען דען פאַרגעסן אַ שפּראַך וואָס מען האָט איינגעזויגן פון דער מאַמעס ברוסט? אָבער די וואָס אין נאָמען פון איין פאָלק איין שפּראַך זאָגן זיך מיט אַ לייכטן זשעסט אָפּ פון יידיש, פון אירע רייכע ליטעראַטור, פון דער יידיש־מזרח־אייראָפּעיִשער קולטור? זיי וועלן פון די מזרח־עדות נישט פאַרדינען קיין גרויסן דאַנק, נאָר אַליין אויסשטעלן זיך אויף לעכערליכקייט.

געפונען זיך דאָך אין ישׂראל אַסך יידישע שרייבער, ותיקים און עולים וואָס זענען געבליבן געטריי די שפּראַך פון זייערע מאַמעס. אין לאַנד ווו יידיש איז טריף וואַקסט אויס אַ גאַנצע חורבן־ליטעראַטור. די וואָס זענען געווען אין די טויט־לאַגערן, אין וועלדער, אויף וואָגל, מעגן שרייבן, דאָס איז זייער איינציקע נקמה, כאָטש אויפן פּאַפּיר אַ שפּיי טאָן אין פּרצוף פון די מערדער, אין דער פאַרשאָלטענער וועלט וואָס האָט גלייכגילטיק געשוויגן. די וואָס האָבן וואָס צו דערציילן טאָרן נישט שווייגן. נישט כדי אויפצושטעלן העלדן, נישט זוכן העלדישקייט, ווייל ווי מעג מען זוכן העלדישקייט ביי די וואָס האָבן קוים געזשיפּיעט? ווי לאַנג האָבן געקענט זיין העלדן די פּאָר טויזנט געטרייע יאַטן פון וואַרשע מיט די פּאָר רעוואָלווערן און מאָלאָטאָוו פלעשער קעגן די מעכטיקע מאָרד מכשירים פון זייערע שׂונאים? צוזאַמען מיט דער טעמע פון אומקום שרייבן זיי וועגן נייעם לעבן וואָס גייט אויף אין ישׂראל, מיט אירע פריידן, שוועריקייטן און דורכפאַלן. אַפילו אין די קיבוצים באַזינגען פּאָעטן אין יידיש דעם מאָדנעם חלום וואָס די וואָר איז נישט ביכולת געווען צו פאַרמעקן. זיי באַזינגען די נייע ערד וואָס גייט

אויף מיט ברכה, מיט פרוכט און ליבשאַפט. איז וואָס אַז צווישן זיי פאַר־פלאָנטערט זיך אַ ווייל יידל וואָס האָט באַשלאָסן דווקא ווערן אַ שרייבער אין יידיש? איז וואָס אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט עפּעס אַ נודנע אַרטיקל, וואָס נאָך לאַנגען נודיען האָט עפּעס אַ רעדאַקטאָר אים געטאָן אַ טובה און אָפּגעדרוקט? רוקט ער עס טאַקע יעדן אונטער דער נאָז און פרעגט מיט אַ צופרידענעם שמייכל — נו וואָס זאָגסטו עפּעס צו מיין שאַפונג? כאָטש ער האָט גאָר ווייניק צו דערציילן, גרייט ער אָבער עפּעס וואָזשנעס אָנצו־שרייבן, ער איז בלויז דערוויל פאַרנומען מיט אַן אַלטע צניעותדיקע אלמנה, אַ שטיקל אינטעליגענטקע, וואָס ווייסט און פאַרשטייט אַלץ, רעדט וועגן נישט געלייענטע ביכער און נישט געשטויגענע געשיכטעס.

שׂמחה קען זיך נישט דערלויבן דעם לוקסוס פון ליידיקגיין. זיין יידיש־פאַך, דאָס שניידעריי, וואָס האָט אים אין רוסלאַנד געטריי געדינט, קען אים דאָ קיין נוצן נישט ברענגען, ווער דאַרף אין אַ הייס לאַנד אַזוי פיל שניי־דערס? בלייבט אים צו העלפן דודן אַריינצושטעלן פענצטער און טירן אין די נייע געביידעס. ברייט די זון אַן רחמנות איבער די יסודות און האַלב פאַרטיקע געביידעס. דער שווייס פון די אַרבעטער מישט זיך אָפּט מיטן פליסיקן בעטאָן. ווער לייגט בלאָקן, אַנדערע טינקעווען די ווענט און אַזוי הייבט זיך אַ שטאָק נאָך אַ שטאָק. צווישן די געביידעס וואָס עס בויט די ריזיקע אַרבעטער אונטערנעמונג דרייט זיך אַרום צווישן די האַרעפּאַשניקעס אַ מנהל ענליך צו אַ צאַרישן גענעראַל, און וואַרפט מיט זיינע ברוגזע בליקן אַן אַ שרעק אויף די אַרבעטער. שרייט, זידלט און דראָט מיט אַהיימשיקן, אָדער זאָגט צו וועמען:

— איך לייג צו דיר צו, דו קאָסט מיך טייער.

כאָטש ערשט נעכטן אַליין געווען אַ מויערער, נאָך אַ ביסל חנופה, פאַרטיי פּראָטעקציע, זיך דערהויבן צו זיין אַ מנהל. דאָס געהערן צום זעלבן אַרבעטער־פאַראיין, אַפילו צו דער זעלבער סאָציאַליסטישער פאַרטיי, שטערט אים נישט אַנדערע אויסצונוצן און באַעוולען. אַליין קראַנק און פויל, האָט ער אַ פאַרגעניגן צו זען אַנדערע האָרעווען, שוויצן. דאַמלט טרייבט ער נאָך אונטער, סאַפּנדיק אַליין מיט דער נשמה. און אַז מיטן טרייבן פאַרמישט

זיך אים דער קאָפּ און ווערט פאַרחלשט, כאַפּט ער גיך אַריין אַ פּיל אין מויל און, קומענדיק קוים צו זיך, נעמט ער ווידער טרייבן:

— דערלאַנג מענדל, דערלאַנג! יאַלאַ, יאַלאַ!

אים צוהילף זענען דאָ נאָך אַ פּאָר טרייבערס. זעט אויס אַז די וועלכע האָבן אַליין פּיינט צו אַרבעטן קענען אַמבעסטן טרייבן אַנדערע. פישל האָט זיין מאַכט איבער די אַרבעטער דערגרייכט אַדאַנק דעם פאַרען זיך אין דער פּאַרטיי, און אַ ביסל פאַר זיין חנופה און ליגנט. ער האָט שטענדיק טענות צו די אַרבעטער, קיינער טויג צו גאָר נישט, קען גאָר נישט, ווען ער אַליין איז צו גאָר נישט פעיִק. דער צווייטער — מרדכי — איז מער סטאַטעטשנע, דערפאַר מער כיטרע, טראָגט אונטער זיינע אַרבעטער אַ פאַלשן שמייכל, העצט זיי קעגן דעם הויפּט־מנהל ווען ער טראָגט אָבער אונטער מסירהלעך אויף די אַרבעטער אַז זיי ווילן נישט אַרבעטן.

פון צייט צו צייט באַוויזט זיך אַ נידריק ברייט פאַרשווינדל. זיין אויפ־גאַבע איז צו פאַרטיידיקן די אַרבעטער, נאָר ווי אויף צו להכעיס איז ער שטענדיק קעגן זיי. זעט אויס אַז נישט נאָר אין רוסלאַנד נאָר אין דער האַלב־סאָציאַליסטישער מדינה איז דער אַרבעטער אַ שקלאַף פון דער אַרבעטער אונטערנעמונג. דערציילן זיך טאַקע ביי דעם מיטאָג איבערייס די אַרבעטער וועגן עוולות, אויסנוצונג, קליינע לוינען, שווערע אַרבעט. זיי רעדן וועגן עגאָיִזם פון די מנהלים וואָס טוען אַלץ פאַרן אייגענעם נוצן. דוד הערט אויס די אַלע טענות און זאָגט:

— אַ סך אידעאַלן ווערן אין דעם לאַנד געפּרעדיקט פאַר אַנדערע, די וואָס רופן אַנדערע איינציִען דעם פּאַסיק לעבן אַליין אין שווילטאָג. אין לאַנד פון חלוציזם ווערט דער שפּעקולאַנט, מעקלער און גוט באַצאָלטער כלל־פאַרזאָרגער דאָס אויבערשטע פון שטייסל. נוצליכע אַרבעט בלייבט נאָר פאַר שלימזלים און נייע עולים.

אָבער די אַרבעטער וואָס קלאָגן זיך קעגן זייערע פאַרזאָרגערס שטימען דאָך יעדעס מאָל פאַר זיי ווידער. זיי היטן דאָס מיטגלידס ביכעלע פון דער פּאַרטיי וואָס זיי שעלטן, און נישט זעלטן אויך אַ מיטגלידס־ביכל פון נאָך אַ פּאַרטיי, אפשר וועט עס אַמאָל צונוץ קומען. קיינער, דוכט זיך, וואָלט נישט געוואָגט אַזוי צו באַעוולען די אַרבעטער ווו עס טוט עס די אַרבעטער־

פּאַרטיי. דערפאַר באַקומט זי דאָך אַסך שטימען פון רייכע פּרדסנים און גרויסע סוחרים און אינדוסטריעלער.

צווישן טענות, עוולות און אומצופרידנקייט, זוכט שׂמחה דאָס גוטע, האָט ליב דאָס לעבן. אים איז גוט יעדן פרי, ווען דער טאָג ווערט פאַרפלייצט מיט מאָרגן־ליכט און מיט הימלישע בלויקייט, גייענדיק צו דער אַרבעט זיך אונטערפייפן אַ ניגון. זאָלן אַנדערע שעלטן די אַרבעט, ווילן וואָס גיכער פּטור ווערן פון טאָג, אַפּוואַשן פון זיך דעם שווייס און דעם עול. אין אים אָבער זינגען צוואַנציק יאָר פון זיין יוגנט, אין זיין האַרץ בליט די האָפענונג צו זיין מיט גאָלדעלען צוזאַמען.

געענדיקט די אַרבעט אויף אַ געביידע נעמט אים דוד מיט צו דער אַרבעט אין אַ פאַרלאָזטן אַראַבישן דאָרף, ווו פון אַלטע חורבות לאַדעוועט מען אויס דירות פאַר נייע עולים. וואַלגערן זיך דאָ אַרום צווישן די נאָך נישט רעמאָנטירטע הייזלעך, יידן פון מאַראָקאָ, טוניס, מיט זייערע ווייבער, קינדער און לאַכעס. די מענער אַרבעטן ביים אָפּרייניקן דאָס דאָרף פון די גרוזן, און זייערע ווייבער גרייטן דאָס מיטאָג ביי די שוועלן פון די נישט פאַרטיקע דירות. געברענגט פון די הייסע לענדער דאָס הייסע בלוט, באַקומט ווער אַ חשק צום אייגענעם ווייב, שלעפּט ער זי ביים מיטאָג איבערייס אַריין אין דער דירה, און צווישן קאַלך און ברעטער וואַרפט ער זי אויף די ווייכע פעקלעך, נישט געקענט — זעט אויס — זיך דערוואַרטן ביז דער נאַכט. אַ פאַרשעמטע, פאַרקנעפּלט זי גיך דאָס קליידל פאַר אַ פרעמד אויג. צווישן חורבות און שמוץ וואַקסט אויס אַ שפּייז מאַגאַזין און אַ מעדיצין פּונקט, ווו עס דרייען זיך אַרום אין ווייסע כאַלאַטן די נידעריקע קינדער דאָקטוירן אין ברילן און אַ יונגיטשקע קראַנקן־שוועסטער, וועמענס שיינקייט אַליין קען היילן. אָבער פוו וואַנען האָט אין דער טוכלער שמוץ און אָפּגעשטאַנענקייט דאָ פאַרבלאָנדזשעט אָט די איידעלע משפחה פון מצרים? פון אים און זיין פרוי שרייט אַראָפּ די שיינקייט און אינטעליגענץ, און פון זייערע צוויי קינדער די זויבערקייט. איז וואָס וועלן זיי טאָן אין אָט דער שמוציקער העק? אָבער זיי פילן זיך דאָ גאָר נישט פאַרלוירן, ווי קיין זאַך וואָלט זיי נישט אָפּגעטיילט פון די איבריקע, בויען זיי דאָ מיט באַשיידנקייט זייער נייע היים. געענדיקט די אַרבעט אין דאָרף, טראָגן זיך דוד מיט שׂמחהן איבער אין

אַ צוווייט פאַרלאָזטן דאָרף, אָבער פון רייכע, מיט גאַנץ לייטישע הייזלעך, באַזעצט מיט נייע עולים פון אונגאַרן און רומענישע יידן. זיי האָבן פון זייערע לענדער געבראַכט מיט זיך דאָס ביסל מעבל, קליידער און אַלטע מחלוקות, ווייבערישע קינאה. דער נייער מושב האָט נאָך נישט קיין אייגענע פּאָמידאָרן, זיי רייסן זיך שוין אָבער אַרום ווער עס זאָל זיין יושב ראש און ווער דער מזכיר. אַוודאי וועלן דאָס ווערן די וואָס קענען אַמבעסטן פאַרזייפן אַלעמען די אויגן, זאָגן ליגנט און אַרויפצױען אויף זייער פּנים אַ כיטרען שמייכל. זיי וועלן האָבן דעם כבוד צו ווערן אַלעמענס פאַרזאָרגער און דערביי זיך פאַרזאָרגן מיט אַ פעטן לוין און גוטע פּריווילעגיעס. איז נישט קיין וווּנדער וואָס אויך צום ווייב פון אַזאַ פאַרזאָרגער קומען געטרייע שכנטעס, זי איז זיי מכבד מיט טיי און פאַלשע חנופה. אָבער איין געטרייע שכנטע נעמט עפּעס פאָרן קיין תל־אביב גראָד ווען דער כלל־טוער לאָזט זיך אַהין, עפּעס גאָר וויכטיקעס צו דערלעדיקן. זי קומט פון דאָרט צוריק מיט אַ צעשטראַלט פּנים און אַ נײַ קלייד, און ווערט גאָר אָפטער אַ גאַסט ביים כלל טוערס ווייב. ביי נאַכט ביים קאָרטן שפּילן לאַכט איר פּנים, און דעם כלל־פאַרזאָרגערס ווייב קוקט אויף דער שכנטע און אויף די קאָרטן מיטן געפיל אַז זי האָט פאַרשפּילט אַ פּאַרטיע.

אָבער צווישן דאגות, אינטריגעס, רכילות און כבוד־זוכעריי וואַקסן אויס נייע ישובים, יידישע דערפער. יידישע קינדער, געראַטעוועטע פון גאַז־אויוונס לויפן אין די נייע געעפנטע שולן, און פון קינדישע מיילער קלינגען מעלאָדיש די נייע שפּראַך און נייע לידער.

אין די פּרייטיק און שבת אָוונטן פאַרלאָזט נישט שמחה די צריפּימלעך מיט היימישקייט. ביי דודן פאַרזאַמלען זיך אָפט גוטע פריינד. חוץ יאַשקע מיט זיין ווייב קומט דודס אַ חבר נאָך פון אַמאָליקן וואַרשע — מאַקס מיט זיין פרוי רותקע.ביידע אינטערעסאַנט סימפּאַטישע מענטשן. מיט מאַקסן האָט דוד דאָרטן געאַרבעט צוזאַמען אין יידישן האַלץ פאַראיין, אָנגעפירט מיט די שטרייקן פון די סטאָלאַרעס קעגן זייערע „קלאַסן שונאים”, וואָס האָבן קוים געהאַט אַ שטיקל ברויט צו דער זעט. ביידע האָבן דאַמלט אויפריכטיק געגלויבט אַז דער קאָמוניזם וועט ברענגען גליק פאַר אַלע פעלקער, אויך פאַר יידן. אויך מאַקס מיט רותקען זענען געווען אין קאָמוניסטישן רוסלאַנד

און נישט געפונען דאָרט קיין פרייהייט נאָר אַ בית הקברות פון אַלע שענסטע אידעאַלן. רעדן זיי אויף די טעמעס וואָס האָבן אויסגעפילט די טעג פון זייער יוגנט. מאַקס זאָגט:

— דעם קאָמוניזם איז געלונגען נישט נאָר צו באַגראָבן דעם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד נאָר יעדע אידעישקייט, אַלע הומאַניטאַרע ווערטן. אויך דאָרטן איז מען פאַרפלאָנטערט אין דעם שפינוועבס פון דער מעכטיקער מלוכה־מאַשין וואָס האַלט נישט נאָר דעם מענטש געפענטעט נאָר קריכט מיט אירע שטיוול אַריין אין די מענטשליכע נשמות. אויך די הערשער זענען דאָרט נישט פריי. זיי די געפאַנגענע פון אייגענע אַמביציעס, פאַראײנזאַמטע בראָיאים, לעבן אין פחד נישט צו פאַרלירן זייערע פאָזיציעס, מאַכט און רום. די וואָס האָבן ביי אַנדערע צוגערויבט די פרייהייט זענען אַליין נישט פריי. אַליין נזירים, פאַרמאַכטע אין די ענגע צעלעס פון אָפּגעלעבטע דאָקטרינעס. די וועלכע האָבן נעכטן געמאַכט רעוואָלוציעס ציטערן היינט פאַר יעדן נייעם געדאַנק. אָט די פאַנאַטישע כהנים פון זייער טורמע־רעזשים צווינגען יעדן צו טראַכטן לויט די טעזן פון זייערע רעפעראַטן אויף די פּאַרטיי קאָנפערענצן, אָנגעפּיקעוועטע מיט טויטע פראַזן.

— ביי דעם דור — זאָגט דוד — וואָס האָט דורכגעלעבט דעם גרויל פון היטלעריזם און סטאַליניזם האָט זיך אַ וואַקל געטאָן דער גלויבן אַז מען קען דורך ענדערן אַ רעזשים בעסער מאַכן די וועלט. דוכט זיך אַז ווי לאַנג עס וועלן איבער פעלקער אינטריגירן הערשער און פירער, וועט די וועלט ציטערן אין איר קראַנקן בעט, פאַר דער קאַשע וואָס אירע אויסדערוויילטע קענען זיי פאַרקאָכן.

דוד און מאַקס זענען קורץ אין לאַנד, ביידע האָבן דאָך שוין באַוויזן זי צו דערקענען. זאָגט טאַקע דוד:

— איך בין דאָ נישט געקומען אַהער צוליב די אַלטע קברים און הייליקע ערטער, נאָר צו לעבן אין אַן אייגענער היים, צו געפונען היימישקייט, אַ ביסל יושר און ערליכקייט. געמיינקייט קען מען דאָך אומעטום געפונען. אומעטום זענען דאָ פּאַרטיי אינטריגעס, וואַל־שווינדל און דעפּרעדאַציעס, יעדעס פאָלק האָט אירע גנבים, מענטשן אָן בושה. ישראל קען זיך אָבער נישט דערלויבן אויף צופיל אויסוואורפן. פאַר איר איז אויך ווייניק צו זיגן

אויף דעם שלאַכט־פעלד, זי מוז אויך קענען זיגן אויפן פראָנט פון גערעכ־טיקייט. יידן זענען נישט בעסער פון אַנדערע פעלקער, אָבער כדי ישראל זאָל האָבן די מאַגנעטישע קראַפט און ברענגען דאָס פאָלק אין איר לאַנד איז עס נישט מיט — נהיה ככל הגויים. אויב מיר וועלן נישט זיין בעסער פון אַנדערע, וועט אויך פון היינטיקן ישׂראל בלייבן נאָר אַן עפּיזאָד אין דער געשיכטע.

— די מדינה — רופט זיך אָן מאַקס — האָט געשאַפן אַ געוויסע זיכער־קייט פאַר יידן אָבער אויך אַ שפּעקולאַטיוון קאַפּיטאַל וואָס זוכט גוזמהדיקע רווחים. דער סאָציאַליזם האָט דאָ געשאַפן אַ מלוכישע און הסתדרותישע ביוראָקראַטיע. אַסך אומנויטיקע אינסטיטוציעס, געשוואָלענע אַפּאַראַטן, אומ־נויטיקע הויכע פקידים, אַסך פאַרשווענדערישקייט וואָס עסט אויף מיליאָנען. אַוודאי ראַנגלט זיך די מלוכה מיט אָן אַ שיעור פּראָבלעמען פון פאַרטיי־דיקונג, עליה, און באַזעצן דעם מדבר, דאָס שטערט אָבער נישט די מנהיגים זאָלן זיך בייסן און רייסן פאַר כבוד און קאַריערע.

אין די פּאַרטייען — זאָגט דוד — קומט מען דאָ גאָרנישט צוליב אידעיִשע איבערצייגונג נאָר צוליב פּרנסה, אַ פּאָסטן, אַ פּראָטעקציע. אַרום די פּאַרטייען דרייען זיך אַרום די וואָס זוכן פון פּאָליטיק, פּאַרטייאישקייט און רעליגיע פאַר זיך אַ הויכן לעבנס־סטאַנדאַרט דערגרייכן. פּראָפעסיאָנעלע פּאַרזאָרגער פאַרגעסן זיך אַליין נישט צו פאַרזאָרגן. נעכטיקע אונטערגרונד־קעמפער, סאָציאַליסטן און פּאַטריאָטן האָבן נאָכן דערגרייכן די אומאָפּהענגיקייט גלייך דערשמעקט דעם טעם פון לוקסוס, זיך אויסגעלערנט צו פאָדערן פון אַנדערע דאָס וואָס זיי אַליין זענען נישט גרייט צו טאָן. אויך די יוגנט וואָס דאַרף זיין דער אַוואַנגאַרד פון אידעיִשקייט, טרייבט ווייניקער צו די אוניווערסיטעטן דער דראַנג נאָך וויסן, פאָרשן, ווי געיעג נאָך קאַריערעס און הויכע פּאָרדינסטן.

— רייסט זיך טאָקע — זאָגט מאַקס — אַריין אין אונדזער מדינה דורך אַלע טירן דער אַמעריקאַניזם מיט זיין קאָמערצישקייט, אימיטאַציע פון קולטור, טאַנדעטנע קונסט. דער העכסטער אידעאַל ווערט אַ קאָטעדזש באַפּוצט מיט מאַרמאָר, מיט צוויי קלאָזעטן, מיט אַן עלעגאַנט ווייב און אַ לינקע ליבע, אַ טשעק־ביכל און אַן אָפּגעשפּאַרטע האַרץ קראַנקייט.

שמחה האָט אין די פּאָר חדשים באַוויזן זיך אָנזאַפּן מיט ישׂראלדיקער לופט, מיט איינדרוקן און געדאַנקען, געזעען אויך אַ סך שלעכטס אין דעם לאַנד, דאָך זינגט אין אים די פרייד, די בוי און שאַפונג אַרום צערייסט די דעמבעס פון רשעות. און די ליבע קוועלט אין אים אַרויס מיט אַ נאַגנדיקער בענקשאַפט, שטראַלט אַרויס מיט אַ פרייד־יקער ליבשאַפט צו אַלץ. די צע־שיידונג מיט גאָלדעלען מאַכט די ליבע נאָך מער אַ געלייטערטע, מיט אַ טויזנטפאַכיקן בלענדיקן פייער. איז אים גוט ווייטער צו טראָגן דעם עול פון דער ליבע, מיט אירע בענקענישן, פריידן און שטילן טרויער, און זיינע ליפּן שעפּטשען איר נאָמען. פליסן טעג, וואָכן און חדשים, ס׳קומט אַ לינדער ווינטער, מיט רעגנס, נאַסקייט, נאָר שמחה וואַרט אויפן פרילינג, וואָס זאָל אים ברענגען אויך גאָלדעלען.

מיטן אָנקום פון פרילינג קומט דער סוף פון שמחהס לענגערן אורלויב. מען רופט אים צוריק צום מיליטער־דינסט, מיט אירע דיסציפּלין, באַפעלן און אונטערטעניקייט. שמחה וואָלט אפשר געוועזן אַ בראַווער סאָלדאַט, אָבער נאָר אויפן פראָנט פון שלום, נישט פאַרן גאָט פון מלחמה. איז אים אַ שאָד צו פאַרלאָזן דודס הײמישן צריף, ווי מען קען אַזוי פריי טראַכטן און רעדן. ער מוז אָבער אַוועק אין צפון פון לאַנד, צו אַ נייעם מיליטערישן לאַגער.

דער אויטאָ גליטשט זיך איבער אַ צעפּאַלעוועטער ערד, אומבאַקאַנטע פּיי־סאַזשן ביז אַריין אין אַ בערגיקער קעניגרייך פון רויער שיינקייט. צווישן בערג שווימט אַרויס דער כינרת און רייצט מיט זיין בלויקייט, אַ לעגענדאַ־רישער ים אין וועמענס אומשולדיקייט מען האָט פון אַסך זינד זיך געטובלט. אָט פאַרשווינדט זי צווישן די בערג, שווימט ווידער אַרויס. אַרום כישופט די וועלט מיט איר גרינקייט און בלוי, מיט פרישער לופט און מיט פרייהייט. אַהער איז זיין פּאָלק געקומען צוריק, שטורעם און בלוט געוועזן איז די בריק. נאָך אַלץ דראָען די שונאים און קריצן מיט די ציין, דאָך פריי איז דאָס פאָלק אין זיין אייגענער היים. עטעמט ער אין זיך אַריין די לופט פון פרייהייט מיט דער פרייד פון דער ליבע, צו יענער באַשעפעניש וואָס וואָלט זיס געמאַכט און באַשיינט מיט געשמאַק זיין לעבן. אויך פון וויטנס באַהויכט זי אים מיט אַ קראַפט צו שטיין קעגן יעדן בייז, קעגן יעדן שׂטן, יעדן פסולן געדאַנק, מאַכט אים ליב צו האָבן די וועלט און דאָס לעבן. אָט פאַרט דער

אויטאָ דורך אַן אַראַביש דאָרף מיט ליימיקע הייזלעך, צעלייגט אויף אַ באַרג, מענטשן געקליידט אין ווייס מיט שוואַרצע פּאַסן מיט אויגן נאַזווע. זיי זענען דאָס די שרעקליכע אַראַבער וועמענס מנהיגים האָבן גערופן צו טרייבן די יידן אין ים אַריין, זיי אויסצושעכטן? שׂמחה געפינט נישט אין זיך צו זיי קיין שׂינאה. אויך צווישן זיי מוזן דאָך זיין ערלעכע און געטרייע וואָס קענען אויך ליב האָבן, אויך צווישן זיי זענען דאָ צבועקעס אין מאַסקעס פון הייליקע, פאַרברעכערס וואָס רעדן אין נאָמען פון גאָט און דינען דעם טייוול. עס זענען אַוודאי אויך דאָ אַזעלכע וואָס לעקן זיך אונטער יעדער מאַכט, און בעטלען פאַר זיך אויס פּריווילעגיעס. אָבער צו מוז מען מיט זיי מלחמה האַלטן? איז אפשר ווירקזאַמער צו שיסן צו זיי מיט פריינדשאַפט אַנשטאָט מיט קוילן? אָבער שוין געווען אַמאָל איינער אויף די גלילער בערג וואָס האָט געפּרעדיקט אַ גלויבן פון ליבע, אָבער אין נאָמען פון דער ליבע האָבן זיינע תלמידים געשטעלט הויכע עשאַפאָטן און געפּייניקט אויף אינקוויזיציעס יעדן וואָס האָט געוואַגט צווייפלען אין זייער ליבע. איז ווי קען זיין ליבע אויף אַן ערד וואָס איז מיט דינאַמיט פאַרזייעט? דאָך איז פריינדשאַפט אַ מער נוצליך געווער ווי די ביקס און דער טאַנק. גליטשט זיך דער אויטאָ באַרג אַרויף, באַרג אַראָפּ, און זיינע געדאַנקען ווי אַ קנויל פון סתירות פאַרפּלאָנטערט, און ער שטראָפט זיך אַליין:

— דו ביסט נישט קיין פולער מענטש, נאָר אַ הערעטיקער, אַ צווייפלער, אַ צעשפּאָלטענע נשמה און נישט מער! און באַלד טרייסט ער זיך אַליין — און אפשר זענען גאָר די וואָס צווייפלען און בלאָנדזשען, מער גאַנצע נשמות, ווי די וואָס זענען זיכער אַז זיי ווייסן אַלץ, און זיכער אַז זיי גייען שטענדיק אויף דעם ריכטיקן וועג?

די מיליטערישע מחנה באַגעגנט שׂמחהן מיט אַן אומהיימליכע פרעמד־קייט. ס׳איז שוין נאָך מיטאָג. די זעלנער, מיד נאָך איבונגען און לאַנגע שעהן פון שמירה, ליגן אויסגעצויגן אויף די אין די בעטלעך געצעלטן. ווער ס׳טראַכט אַוודאי וועגן זיין היים, ווער בענקט צו אַ באַליבט מיידל און שוויגט. די וואָס זייער חוב איז צו שטיין אויף דער וואַך פון זייער פאָלק, האָבן אויך אייגענע דאגות און חלומות. רופט שׂמחה זיין האַרץ זיך נישט צו בונטעווען, זיך איינשפּאַנען אין דעם עול, צונויפשמעלצן זיך מיטן גורל פון זיין פאָלק.

ציט ער אויף זיך אַרויף די מיליטערישע קליידונג צוזאַמען מיט די פּליכטן פון אַ זעלנער. די געצעלטן שטייען אין מיטן אַ שיטער וועלדל, קוקט ער מיט אייפערזוכט צו דער ליכט פון דער נישט ווייטער שטאָט. ערשט מאָרגן, נאָך די מיליטערישע פּליכטן, באַקומט ער דאָס רעכט אַהין אַוועקצושפּאַנען. וואַנדערט ער איבער אַלט קויטיקע, קרומע און סודותדיקע געסלעך, צווישן פרומקייט און געשיכטע, טויטע און לעבעדיקע צדיקים, דאָ וויגט מען איין קינדער מיט אַ גמרא ניגון, און ישיבה בחורים זוכן אין רמב״ם אַ פּשטל, אַ סברה. ס׳שטייט אַן אַלטע שיל מיט אַלטע לעגענדעס, אויף אַנדערע גאַסן, אַן אַנדערע וועלט. דאָ שפּאַצירן פאַרליבטע פּאָרלעך, אָט גייט אַ געשמאַק ווייבל, אַ מיידל מיט אַ קורץ קליידל, ס׳גייען זעלנער. קומט אָן די נאַכט, באָדט זיך די גאַס אין ליכט, פּרילינג, טאַנץ־מוזיק, קינאָ און בילדער גאַ־לעריעס, לעבעדיקע און אויסגעמאָלטע שיינקייטן, אילוזיעס אין פאַרבן, מעשהלעך פון טויזנט און איין נאַכט און חלומות פון גאָלדענע גליקן. איבער בערג הענגט די מלכות נאַכט, אַ באַשטערנטער הימל, אַ פאַרכישופטע וועלט, פאַרוויגט אין בענקשאַפטן און לעגענדעס, נאָר אויף די הינטערגעסלעך שלאָפט די נאַכט אַ פאַרשמאַכטע. עס שלאָפט די נויט אין הילצערנע צריפים. אַ הונט בילט צו דער לבנה. אַ מאַמע פאַרוויגט אַ קינד מיט אַ טרויעריקן ניגון, און דער חושך פאַרדעקט פאַר דער וועלט די צריפישע שאַנד, קומט שׂמחה צוריק אין דער מחנה, גייט דורך די געצעלטן ווי עס שלאָפן די בחורים פון פּלמ״ח. וועגן זיי וועלן אפשר דורות דערציילן לעגענדעס, וועגן אַ יוגנט וואָס האָט מיט העלדישן מוט געשריבן געשיכטע מיטן אייגענעם בלוט... ליגט ער אויף זיין האַרטן געלעגער און חלומט וועגן גאָלדעלעך, און עס גריזשעט אַלץ די בענקשאַפט.

אַ צווייטע נאַכט שטייט ער אויף שמירה. עס שלאָפן די בערג, עס דרימלט דער טאָל, און ער פאַרזונקען אין מחשבות, פאַרוועבטע אין דעם כישוף, אין שטילקייט פון נאַכט. אַ דורכפאָרנדיקער מיליטערישער דזשיפּ רייסט איבער זיין חלום. בלייבט שטיין, וואַרפט זיין פאַראַל און פאָרט ווייטער. ווידער ווערט אַלץ אין שטילקייט פאַרזונקען, נאָר עפּעס נעמט זיך פּלוצלינג באַוועגן אין דער פינצטער און שעלעשטשעט. כאַפּט שׂמחה אַראָפּ דעם סטען פון נאַקן, האַלט פון שרעק איין דעם אָטעם. אַוודאי פאַלזעט זיך

אַ שׂונא צו אים אויף דער ערד. צו זאָל ער שיסן? אָבער דער שעלעסט קומט שוין פון אַ צווייטן אָרט. אפשר עטליכע אַראַבער? ער זעט אָבער גאָר נישט. דאָס אויער כאַפּט נאָר אויף דאָס שעלעשטשען. עס בלייבט אָבער שטיל און ווידער אַ שאָרך און אַ באַוועגונג. אין מוח בליצן אויף שווידער געדאַנקען, עס שלאָגט פון אים אַרויס אַן אַנגסט. אַרום איז חושך און שטיל נאָר דער געהיימער שאָרך מאַכט ציטערן זיין האַרץ. דאָך האַלט אַן אינערליכע קראַפּט אים אָפּ פון שיסן, האַלט דעם סטען אין האַנט מיט נערוועזער געשפּאַנטקייט וואָס ציט זיך ווי אַן אייביקייט און איז באַגאָסן מיט אַנגסט און מיט שוויס. ערשט ביים ערשטן שפּראָץ פון פרימאָרגן ליכט באַמערקט שׂמחה ווו דער ווינט שפּילט זיך און קייקלט אַ בלאַט פון אַ צייטונג וואָס ער האָט פון ערגעץ ביז אַהער פאַריאָגט, דאָס טויטע בלעטל פּאַפּיר וואָס האָט אַ שטיק פון דער נאַכט אים געהאַלטן אין שפּאַנונג און פּחד. דערפאַר דעקט דער טאָג פאַר אים אויף די שיינקייט פון לאַנד, וואָס פּילט אים אָן מיט שטאָלץ. ווערט יעדער קורצער אורלויב וואָס ער באַקומט ווי אַ שטיק דעראָבערטע פרייהייט, אָבער אַ צו קורצע ער זאָל זיך לאָזן קיין תל־אביב. כאַפּט ער זיך אַריין אין נאָענטסטן שטעטל אָדער גאָר אין נישט וויטן קיבוץ. די נייגעריקייט ציט אים צו די וואָס האָבן מיט עקשנותדיקן ווילן געבויט זיך אַן אָאַזיס אין מיטן מדבר פון פאַרדאָרבנקייט. שמעקט דאָ מיט פרישע באַגינענס, ריח פון קו־שטאַלן, פרישע מילך, ערליכע אַרבעט און בלויע גלאַדיאָלן. אָט שפּרייזט אַ יונג מיידל, אַ ווילדע שיינקייט. שטאָלץ ווי אַ פּאַלמע, פריש און זאָרגלאָז. דאָס איז אַ רייפע פרוכט פון קיבוצישן לעבן. איז דאָ יעדעס קינד אין טוי און ליבשאַפט אויסגעבאָדן, כאָטש עס פאַלן דאָ אָפּט שטיקער אומעט איבער פרישע קברים פון אונטערגעשניטענע לעבנס, דאָך באַשטראַלט איז דער טאָג מיט דער וואָכיקייט פון פּשוטן לעבן. עס שטראַלט אַראָפּ די זאָרגלאָזיקייט פון פאַרהאָרעוועטע יונגען און פעסטע מיידן מיט הויכע בוזעמס און נאַקעטע פּולקעס. שמעקט דאָ אַלץ מיט קאָלעקטיוו. באַפרייט פון געלט, פּריוואַט אייגנטום און פּריוואַטע זאָרגן. אָבער נישט די סטאַנדאַרטקייט פון קליידונג, נאָר דער גרעסטער שׂונא איז דאָס סטאַנדאַרטע טראַכטן און די לאַנגווייליקייט וואָס הענגט ווי אַ וואָלקן איבערן קיבוץ. בעט זיך פּשוט אַ ביסל פרייד אַריינצובלאָזן, נישט צו דערלאָזן

קיין גלייכגילטיקייט, קיין גייסטיקע סטאַגנאַציע. חלומט שׂמחה צוזאַמען מיט גאָלדעלען דאָ צו פאַרלייגן זייער נעסט פון אַ געשמאַק לעבן אָן צביעות, אָן ליגנט.

נעבן קיבוץ געפינט זיך אַ בית־הבראה. דאָ קומט מען אָפּרוען, איבערייסן דאָס טאָג־טעגליכע, באַפרייען זיך אויף טעג פון אַרבעט, עול און פליכטן, אויסשפּאַנען פון סקאַרבאַוון פאַמיליע לעבן, פון איינגעשטעלטע געוווינקייטן. וואַרפט אויך אויף זיי שׂמחה אַ נייגעריקער אַ בליק. זיצן דאָ מענטשן אויף די רו־שטולן, נעכטן זיך נאָך נישט געקענט, און מען איז זיך שוין גאָר היימיש. ווער ס׳דערציילט געפּעפּערטע וויצן און מען לאַכט געשמאַק. אין אַ זייט זיצט אַ פאַרטראַכטע דאַמע. דער מאַן האָט זי געשיקט אַהער ער זאָל זיך קענען אַביסל אָפּרוען פון זיין ווייב. איר מאַן האָט אַסך מעלות. אַ גוטער סוחר, און גוטער פאָטער צו זיינע קינדער. אויך צום ווייב גאַנץ קאָרעקט. אַ שאָד וואָס ער קען זיך נישט באַפרייען פון יענער אלמנה וואָס קען אַזוי פיל לאַכן. די פרוי פון אַן אַדוואָקאַט איז נמאס געוואָרן צו הערן די וויצן, איר 16 יאָריקע טאָכטער מיט וועלכע זי איז אַהערגעקומען האָט זי געלאָזט אַליין, אַוועק מיט אַ יונגן בחור צו דער בריכה זיך באָדן. דערמאָנט זי זיך אין איר קאָלעקציע פון מינעראַלן וואָס זי האָט אין דער היים, און בעט אַ שכן ער זאָל גיין מיט איר העלפן זוכן שטיינדלעך. זי האָט זייער ליב מינעראַלן, אָבער ער האָט גאָר ליב צו קושן ווייבליכע ליפּן. קומט מען צום וואַלד, זוכט ער נישט קיין שטיינדלעך נאָר אירע ליפּן. אָבער ניין, נישט ביי איר. זאָל אים כאָטש דאָס נישט אָנקומען אַזוי לייכט. מאַכט זי אַ ברוגזע מינע און זאָגט:

— די מענער זענען צו מאַטעריאַליסטיש, ווילן צו שנעל זייערס דער־גרייכן. אַ פרוי איז מער איידעלער, ראָמאַנטישער. נו, פאַרגעסט נישט יונגערמאַן אַז איך האָב אַ מאַן.

— אויך איך האָב אַ ווייב איז וואָס, איז דען אַ זינד צו קושן אַ שיין ווייבל?

— וואָס פאַרגלייכסטו מיך צו דיין ווייב, נישט איינער וואָלט זיך אָפּגע־זאָגט צוליב מיר פון זיין ווייב — זאָגט זי האַלב באַליידיקט.

זי לאָזט זיך אָבער איבערבעטן און צום סוף זאָגט זי צו אים:

— כ׳האָב נישט באַדאַרפט דיר דערלויבן, מיר קענען זיך דאָך אַפילו

נישט. און אפשר איז אַזוי בעסער, גוט וואָס דו ווייסט נישט מיין נאָמען, ווייל מענער האָבן ליב זיך צו באַרימען.

אַ צווייט פּאָרל ליגט אַרומגענומען אונטער די שאָטנס פון ביימער, און ער ווייזט איר די פּאָטאָס פון זיינע צוויי קינדער, דערנאָך פון זיין פרוי. זי באַטראַכט זיי גוט און זאָגט:

— אַזעלכע זיסע קינדער, ווו קומען זיי אָבער צו אַזאַ נישט סימפּאַטישער מאַמען? נו איצט פאַרשטיי איך אַז צו אַזאַ פרוי דאַרף מען האָבן נאָך ווּעמען. מיך אַרט נישט וואָס דו האָסט אַ ווייב, איך וויל אָבער נישט אַריינפּאַלן אין איר גרויס מויל.

אין אַ ווינקל פון וואַלד זיצט אַ נישט יונגע פריילין אין ברילן. געקומען אין בית־הבראה צו אַנטלויפן פון דער איינזאַמקייט. אָבער צווישן אַסך מענטשן קען מען אויך בלייבן איינזאַם, פון קיינעם נישט באַמערקט. ווער ווייסט פאַרוואָס די וואָס האָבן אין די היימען מענער געפונען דאָ ווער עס זאָל זיי ווילן, פאַרוואָס איז אויף איר געפאַלן די קללה פון איינזאַמקייט?

אין אַ צווייט ווינקל זיצט אַן אייגעהויקערט קליין פאַרשווינדל פאַרזונקען אין זאָרג. פאַרן אָפּפאָרן אויף אורלויב האָט ער דער וויכטיקער פקיד אָנגעשריבן אַ רעדע פאַרן מיניסטער צו לייענען פאַר די כנסת. ער קען אָבער צו גוט זיין מיניסטער און ווייסט אַז ער איז פעיק ביים לייענען צו פאַרדרייען ציפערן וועלכע ער דער פקיד האָט מיט אַזוי פיל מי אָנגעזאַמלט. דער מיניסטער קען אויך דורכלאָזן און צעקאַלעטשען זאַצן וואָס ער האָט אַזוי געוויגן און געמאָסטן.

אַ צווייט מאָל טרעפט שמחה די דאַטשניקעס פאַרטועט אין אַ רעשיקן ויכוח וועגן גורל פון פאָלק און לאַנד. ווער ס׳דערציילט וועגן פראָנט און ענדיקט:

— מיר האָבן אין די ברוטאַלסטע שלאַכטן נישט פאַרלוירן די מענטשליכקייט, נישט געפילט קיין שׂינאה צו די אַראַבער, די מלחמה האָט מען אונדז אָנגעוואָרפן, מיר האָבן זי נישט געוואָלט.

— כדי צו ראַטעווען דאָס אייגענע לעבן, ווי די עקזיסטענץ פון אייגן פאָלק — זאָגט אַ צווייטער — מעג מען אויך הרגענען. מאָראַל איז געגעבן געוואָרן אויך צו באַשיצן דאָס אייגענע לעבן.

— די אַראַבער — זאָגט אַ דריטער — פירן מיט אונדז מלחמה ווייל זיי ווילן אונדז נישט האָבן, זיי דאַרפן אונדז נישט מיט אונדזער רייכער קולטור, זיי האָבן געגוג אַ פּיתה און זייערע ווייבער זאָלן גיין מיט פאַר־שטעלטע פּנימער. פאַר זיי איז אונדזער זיין דאָ אַ דערנידערונג, אַ באַליי־דיקונג פאַר זייער כבוד, פאַר אונדז איז דאָס זיין דאָ אַ לעבנס־פראַגע. מיר האָבן נישט ווו אַהין צו גיין, מיר קומען דאָך פון אָשוויענטשים און פון גאַז־קאַמערס.

און איך בין אַנטלאָפן אַהער פון דער רויטער אַרמיי — זאָגט אַ פערר־טער — פון פרעמדע צו אייגענע. איך ווייס נישט וואָס עס מיינט ציוניזם, איך האָב דאָקטאָר הערצלען נישט געלייענט. איך האָב אָבער נישט פאַר־טראָגן מען זאָל מיך שעלטן אויף רוסיש אין דער מאַמען אַריין, פאַר מיין יידישקייט.

— אויך ישׂראל וועט נישט ראַטעווען — זאָגט אַ פינפטער — פון יידישן גורל קען מען נישט אַנטלויפן. די וועמען היטלער האָט נישט באַוויזן אומצו־ברענגען, דראָעט אומצוקומען פון אַראַבישע קוילן. איך גלויב נישט אין דער גאולה, מיר דאַרפן לעבן נאָר צוליב נקמה און שטאַרבן צוזאַמען מיט די מערדער.

— און איך — רופט זיך אָן אַ קוויטשעדיק קול — גלייב אַז די דער־לייזונג פון יידן קען נאָר קומען מיט אַ דערלייזונג פון דער וועלט. דער אַנטיסעמיטיזם איז אַ פּראָדוקט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. אַ גאולה נאָר פאַר יידן איז דעריבער שקר.

— מיר האָבן שוין געגוג — צעשרייט זיך אַ צווייטער — אייערע באַנקראָטירטע „איזמען" פון וועלט דערלייזונג, די אַלע טראָצקיס און זי־נאָוויעווס וועמען די דערלייזטע האָבן געשפּיגן אין פּנים אַריין און באַלוינט זיי מיט טויט.

— איז פאַר וואָס און פאַר וועמען זאָלן מיר קעמפן? — פרעגט עמיץ נערוועזיש — אויב מיר ווילן שוין אָפּהאַלטן די גרעסטע נצחונות, איז וואָס ווייטער? וואָס פאַראַ גליק וועט עס זיין צו לעבן אין אַ מדינה ווו עס הערשט נישט קיין גערעכטיקייט? טייל טרייסטן אונדז מיט דעם וואָס אויך דער קאָמוניזם האָט נישט גליקליך געמאַכט, אַנדערע פאַשען אונדז מיט צוזאָגן

אַז דער מאָרגן וועט זיין בעסער, אָבער מיר דוכט זיך אַז סיי דער קאָמוניזם סיי דער ציוניזם האָבן מער גאָרנישט וואָס צו פאַרקויפן. ביידע טראָגן זיך אַרום מיט פאַרלעגענע סחורה וואָס קען קיינעם מער נישט אָנוואַרעמען.

— און איך גלייב דאָך אַז מיר וואָס זענען אויפן פראָנט געווען גלייך. דער זעלנער ווי דער מפקד, דער פשוטער גאַסן־קערער ווי דער אַקאַדעמיקער וועלן איצט נאָך דער שלאַכט נישט דולדן קיין אומגלייכקייט און אומיושר. דאָס אויסגעלייזטע לאַנד, אַדאַנק אונדזער בלוט, טאָר פאַר קיינעם נישט זיין קיין שטיף־מוטער. די וואָס זענען געווען גלייך פאַרן טויט, מוזן זיין אויך גלייך ביים לעבן.

אין דעם מבול פון ווערטער און געדאַנגען טראַכט שׂמחה, אַז יעדער מענטש שפּאַנט איבער דער ערד מיט זיין אמת. אַפילו פאַרברעכער האָבן שטענדיק גרייט אַ געוויסן אמת וואָס זאָל ווי אַ פייגן בלעטל פאַרדעקן זייערע געמיינקייטן. שׂמחה האָט אָבער נישט קיין צייט צו ויכוחים, די צייט רופט אים צוריק צו דער מיליטערישער מחנה. צו אימונים און שמירה, צו די טאָג טעגליכע זעלנערישע פליכטן, כאָטש די זעלנערישע קליידער וואָס ער טראָגט באַפרייען אים נישט פון פערזענליכע מחשבות, ספקות, און האָפענונגען, אויך נישט פון דעם סאָלאָ געזאַנג פון דער ליבע, פון בענקשאַפט און פרייד, וואָס צעצונדט נאָך שטאַרקער דעם גרויסן חשק צום לעבן, דעם הייסן באַגער ווידער צו קושן די ליפּן פון זיין טייערסטע.

פלוצלינג רייסט אַ שאַרפע שיסעריי איבער אַלע זיינע געדאַנקען און חלומות. עס פאַלן באַפעלן, און שׂמחה צוזאַמען מיט אַנדערע לויפט מיט זיין ביקס צו פאַרטרייבן די אַראַבישע אַריינדרינגלער. ער דערפילט אָבער אין ברוסט אַ ברען און אַ ווייטאָג. אין מוח גיט אַ בליץ אַ געדאַנק — גאָלדעלע, און אַ פינצטערניש פאַרציט זיך איבער זיינע אויגן. אַרום שטייען די פאַר־שמאַכטע בערג אין טיפן שוויגן. דער אָוונט איינגעהילט אין חמסינישן נעפּל. אין פעלד ליגט אַ נישט פאַרענדיקט לעבן, נעבן אים די בלעטלעך פון אַ נישט פאַרענדיקטן ראָמאַן.

סוף